STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00362

ALE VERK FUN DAVID FRISHMAN

David Frischmann

Permanent preservation of this book was made possible by
Dorothy Schwartz Orent
in memory of
her grandmother Yenta Pachata Friedman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק
פון דוד פרישמאן

אַלע ווערק פון

דוד פרישמאַן

זעקסטער באַנד

◆

צווייטע אויפלאַגע

פערלאַג לילי פרישמאַן

בריעף פון רוסלאנד

צווייטער טייל

◆

וואַרשאָ — ניו־יאָרק 1938

אַלע רעכט רעזערווירט

Copyright by Lili Frishman
1938
Printed in Poland

זעקסאונדרייסיגסטער בריעף

אין וואַרשאַ אויף דער דאַנילִיטשאָווסקאַ-גאַס ווערט איצט אַ הויז געבויט. דאָס הויז וועט זיין דאָס העכסטע אין דער גאַנצער שטאָדט: אַכט עטאַזשען וועט עס האָבען. און ווילט איהר אפשר טרעפען, צו וואָס דער דאָזיגער ריעזען־בנין וועט דיענען? אַ מענש, וועל־כער קען אַביסעל רוסלאַנד, האָט אייגענטליך געדאַרפט באַלד טרעפען. עס איז אַזוי איינפאַך: דאָס וועט זיין אַ געפענגניש. וואָס דען, האָט איהר געמיינט, קאָן אין רוסלאַנד זיין דער גרעסטער און ריעזיגסטער בנין פון אַ שטאָדט? אַ לעהר־אַנשטאַלט? אַ קונסט־טעמ־פעל? דאָס שענסטע אָבער ביי אַזאַ זאַך איז, אַז אַזאַ געפענגניש ווערט אויסגעבויט דווקא אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע, דענסמאָל ווען מען פלאַפּעלט אַזויפיעל וועגען פרייהייט און רעכט און מענשען־ווירדע. אַזוי ווייט אַלזאָ זענען מיר געקומען מיט אונזער גאַנצער בעוועגונג! דאָס איז פאָרלויפיג אַלעס, וואָס מיר האָבען דערגרייכט! עס קלינגט עפּעס ווי אַנ׳איראָניע און מען פיהלט זיך ווי ביי אַ פּאַטש אין פּנים. מען ווייזט אונז, ווי מאַכטלאָז מיר זענען. עס וואונדערט מיך נאָר, אַז בשעת דער טאַווּרישער פּאַלאַץ האָט געהאַט דאָס שטיקעל אומגליק מיט דעם סופיט און מען איז געגאַנגען זוכען אַנ׳אָרט פאַר די דומאַ־דעפּוטאַטען, איז נישט אונזער איראָניען־מייסטער סטאָליפּין געפאַלען אויף דעם שכל, אָנצוּווייזען, אַז דער בעסטער זיצונגס־אָרט פאַר זיי איז די געוואַלדיגע און סופיט־שטאַרקע פּעטער־פּויל־געפענגניש. זעהר ווייט פון זיין געפאַנגענע זענען דאָך אונזערע דעפּוטאַטען נישט.

און וואָס אַ געפענגניש איז אין רוסלאַנד ווילט איהר וויסען?

— מיר האָבען געהאַט נאַכריכטען פון דעם געפענגניש אין ריגאַ, אַז האָר און נעגעל האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר. אין דעם דאָרטיגען

געפענגניש איז אַנ׳אינקוויזיציע, אַ ריכטיגע אינקוויזיציע מיט אַלע פּרטים.

נאַכט־נעכטליך, חוץ זונטאָג, פון האַלבע נאַכט ביז זונענאויפגאַנג ווערט געאַרבייט אין פּייניגונגס־צימער פון דעם ריגא׳ער געפענגניש. צוועלף תּלינים אַרבייטען דאָרט: מען שלאָגט מיט בליי אָנגעגאָסענע שטעקענס און מיט גומי־נאַגייקעס און דאַן שיט מען זאַלץ אויף די בלוט־וואונדען. מען רייסט אָב די נעגעל, מען שטעכט מיט גליהענדע נאָדלען די פינגער, מען רייסט אייבצעלוויז די האָר פון׳ם קאָפּ, מען האַקט מיט אַנ׳אייזען די ציינער אויס, מען קנייפּט מיט גליהענדע צווענגלעך שטיקער פלייש, מען זעצט אויף צוואַנג־שטוהלען און מען צעציהט די גליעדער — בקיצור אַ פרישע אויפלאַגע פון אינקוויזיציע, פערמעהרט און פערבעסערט. די אַרבייט פון די אינקוויזיטאָרען האָט דעם צוועק, צו דערברענגען די געפּייניגטע, זיי זאָלען אויסגעבען די נעמען פון די מיטשולדיגע. נאַטירליך האַלטען פיעלע די יסורים נישט אויס און זיי רופען אָן די ערשטע בעסטע נעמען, וועלכע קומען זיי אויף די צונג אַרויף. דאַן נאַטירליך ווערען אויך יענע „אויסגעגעבענע" געבראַכט אין דעם דאָזיגען גיהנום אַריין, און אויך זיי האַלטען עס נישט אויס און רופען ווידער אָן פרישע נעמען, און ווידער װערען נייע קרבנות געפּייניגט — און אַזוי דרעהט זיך דאָס רעדעל און די אינקוויזיטאָרען האָבען שטענדיג אַרבייט, און אַזוי דרעהט זיך דאָס רעדעל און מען מוז אַלעמאָל בויען פרישע געפענגנישען, און אַזוי בויט מען אַכט־שטאָקיגע נייע בנינים. רוסלאַנד איז גרויס און דער הימעל איז הויך און מענשען וועלען קיינמאָל נישט פעהלען, אום מיט זיי אויסצופילען אַזעלכע הייזער. די מענשען, וועלכע געהען אַרויס פון אַזעלכע הייזער (איך מיין נישט, זיי געהען אַרויס פריי, נאָר זיי געהען צום פעלד־געריכט), זענען אַזוי וועניג ענהליך אויף מענשליכע געשטאַלטען, אַז ווען מען ברענגט זיי דאַן צום פעלד־געריכט, ווערען אַפילו די קאָזאַקען־אָפיצירען, וועלכע דאַרפען זיצען ביים געריכט, ערשיטערט ביי זייער אָנבליק. נאַטירליך האָבען די דאָזיגע קרבנות נאָר איין וועג: פון דער אינקוויזיציע צום פעלד־געריכט און פון פעלד־געריכט צו דער תּליה, און מיר וואָלטען פון זיי און פון זייערע ליידען גאָרנישט וויסען, ווען נישט די אָפיצירען זעלבסט און די סאָלדאַטען

און עטליכע גצפּעגנגניש-וועכטער וואָלטען אַביסעל אויספּלוידערען פון יענע סודות. די וועלט האָט עפּעס דערהערט פון יענע סודות, און אונזער פּאָרזיכטיגע רעגירונג, אַזוי באַלד ווי אויך די אויסלענדישע פּרעסע האָט אָנגעהויבען דערפון צו רעדען, האָט געפונען פאַר נויטיג „צו מאַכען אַנ'אויספּאָרשונג”. דאָס איז שוין אַזוי דער אַלטער מנהג פון אונזער רעגירונג, אַלעמאָל ווען עס מישט זיך אריין דאָס אויסלאַנד: „זי פּאָרשט”. דאָסמאָל האָט זי געשיקט אַ ספּעציעלען טשינאָווניק צום אויספּאָרשען. אָבער ווייסט איהר, ווער דער דאָזיגער ספּעציעלער טשינאָווניק איז געווען? דער דירעקטאָר פון דעם פּאָליציי-דערפּאַרטאַ-מענט, הערר טרוסעוויטש. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, דאָס איז אַזוי, ווי מען וואָלט שיקען לידוואַל'ן, ער זאָל „אויספּאָרשען” די מעשה מיט גורקאָ. און דער דאָזיגער טרוסעוויטש האָט געפּאָרשט און געפּאָרשט, און צום סוף האָט ער נאַטירליך געפונען, אַז מען האָט אויף דעם ריגאַ'ער געפענגניש געמאַכט נעבעך אַ בלבול. עס איז כלומר'שט יאָ עפּעס דאָרט געווען, נאָר עס לויהנט זיך גאָרנישט דערפון צו רעדען. דאָס צימער מיט די כלים, ווי, למשל, גומענע שטעקענס, בליי-ערנע בייטשען, שפּיעז-קינזשאַלען, אייזערנע הענטשקעס, צוואַנג-שטוה-לען, איז אייגענטליך נאָר געווען, ווי ער זאָגט, אַ „מוזעאום”. איי ווי קומט גראָד אַ מוזעאום אַריין דווקא אין דעם צימער, וואו מען האָט פּערהערט די געפאַנגענע? אַ טעות מסתמא. אין רוסלאַנד טרעפט זיך דאָך אַמאָל אַ טעות. מען קאָן נישט פּערלאַנגען, אַז אַ געפענ-גניש, וואָס איז אַלעמאָל אַזוי פול געפּראָפּט און האָט אַזוי וועניג אָרט, זאָל נאָך האָבען אַ בעזונדערען אָרט פאַר קונסט-געגענשטאַנדען, ווי גומענע שטעקענס, שפּיעז-נאָדלען א. ז. וו. מיר לעבען דאָך נישט אין ענגלאַנד, אַז מיר זאָלען האָבען אויף אַזעלכע זאַכען עקסטראַ אַ בריטיש מוזעאום. איבריגענס האָט דער הערר טרוסעוויטש געגעבען באַלד אַ פּעראָרדנונג, אַז דאָס „מוזעאום” זאָל ווערען אַרויסגענומען פון יענעם צימער. די כלים האָט מען דערוויייל אַרויסגענומען, וועגען פּין-הרע נאַטירליך, אָבער די רוצחים האָט מען געלאָזען. עס האַנדעלט זיך דאָך נאָר וועגען אַ „מוזעאום”. זאָגט וואָס איהר ווילט, רוסלאַנד און די רוסישע לייט האָבען פּאָרט הומאָר! —

איבריגענס פעהלט דער הומאָר אין רוסלאַנד אין ערגעץ נישט,

הויפּטזעכליך פעהלט ער נישט אין דער דומאַ. איך מיין נישט דעם הומאָר אין די רעדעס דאָרט. דאָרט פעהלט ער דווקא יאָ; די רעדעס זענען געװנליך טרוקען, דען זיי זענען אונטער אַן׳אייביגער צענזור. איך מיין דעם הומאָר אין דער גאַנצער דומאַ־קאָמעדיע. דאָס דאָזיגע שפּיעל פון קאַץ און מויז, די דומאַ־קאָמעדיע, דויערט דערווייל אַלץ נאָך ווייטער. איך קאָן אייך היינט נאָך נישט מעלדען, אַז מען האָט די דומאַ צעטריבען, אָבער לאַנג וועט איהר נישט האָבען צו וואַרטען דערויף. אין דער נעכטיגער דומאַ־זיצונג האָט דער אָבגעאָרדנעטער דזשאַפּאַרידזע עפּעס זיך אַרויסגערעדט עטליכע פרייע ווערטער, און שוין האָבען זיך היינט פערשפּרייט די קלאַנגען, אַז די דומאַ ווערט צעטריבען. מען טאָר קיין פּאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזען געגען דעם ווילען פון הערן סטאָליפּין און זיין רעגירונג, אַז נײן, סטראַשעט מען באַלד, אַז מען וועט צעטרייבען די דומאַ. איך וועל איהם קיינמאָל נישט פערגעסען די טובה, וואָס ער טהוט מיר, ווען ער לאָזט מיר די דומאַ יאָ! אַ קלייניגקייט וואָס איך האָב פון איהר! שטעהט מען שוין אַכט טאָג און מען דרש׳ענט וועגען דעם אָבשאַפען פון די פעלד־געריכטען. פּורישקעוויטש איז דער „געלעהרטער” און ווייזט אויף דורך וויסענשאַפט, אַז די פעלד־געריכטען מוזען בלייבען. קרושעוואַן איז דער בעל־רחמנות און דערווייזט, אַז מען מוז האָבען רחמנות אויף די אומגליקליכע מענשען אין רוסלאַנד, וועלכע זענען אין אייביגער סכנה, און מען מוז לאָזען די פעלד־געריכטען; וועט מען זיי אָבשאַפען, סטראַשעט ער, וועט דאָס „פאָלק” אויפשטעהן און וועט זיך אַליין וויסען ווי צו שיצען; אַלזאָ — פּאָגראָמען וועלען זיין. הערר סטאָליפּין איז דער יוריסט און בעווייזט, אַז יוריסטיש האָט מען נאָך גאָרנישט דאָס רעכט אָבצושאַפען די פעלד־געריכטען. זאָגט, איז דאָס נישט אַ הומאָריסטישע פאָרשטעלונג? און רעדט מען אַזוי בשעת דאָס לעבען פון הונדערטער מענשען, און אָפט פון גאַנץ אונשולדיגע איז אויסגעזעצט טאָג־טעגליך אויף דער געפאַהר פון פעלד־געריכטען? הערר סטאָליפּין קאָן זיך נישט צעשיידען מיט זיינע געליעבטע פעלד־געריכטען, און אַז זיי קאָנען נאָך „יוריסטיש” בלייבען פיער וואָכען, וויל ער וועניגסטענס נאָך פיער וואָכען דעם דאָזיגען תענוג האָבען. הערר סטאָליפּין ווייסט, אַז לויט די גרונד־געזעצען האָט די

דומאַ דאָס רעכט, נאָכ'ן פערלויף פון עטליכע וואָכען זינט אַ געזעץ-פּראָיעקט איז פאָרגעלעגט געוואָרען, אַזאַ פעראָרדנונג ווי די פעלד-געריכטען מבטל צו מאַכען, נאָר הערר סטאָליפּין וויל וועניגסטענס די עטליכע וואָכען נאָך אויסנוצען. הערר סטאָליפּין קאָן זיך אָבער טרייס-טען: די דומאַ וועט פריהער אָדער שפּעטער סיי-ווי-סיי צעיאָגט ווערען און ער וועט דאַן קאָנען זיינע געליעבטע פעלד-געריכטען אויפדאָסניי איינפיהרען. און אַזוי וועט עס דאָך קאָנען געשעהן עטליכע מאָל אין יאָהר; יעדעסמאָל נאָך אַ דומאַ-צעטרייבען וועט מען פעלד-געריכטען איינפיהרען, און יעדעסמאָל נאָך אַ דומאַ-ערעפנונג וועט מען קאָנען האַלטען פּלפּולים און יוריסטיש פערלאַנגען נאָך פיער וואָכען צייט און זיי דאַן אויף עטליכע טעג מבטל מאַכען. דאָס איז הומאָר. — און אויך אין די פּלפּולים וועגען די הונגער-ליידענדע און וועגען דער אַגראַר-פראַגע שטעקט הומאָר. אַ גרויסער טייל פון די דעפּוטאַטען האָבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל וועהלען קאָמיסיעס און זיי שיקען אין די ערטער, וואו די הונגעריגע ליידען — און די דאָזיגע פּלפּולים האָבען געדויערט עטליכע טעג. איז דאָס נישט ווידער אַ הומאָריס-טישע פאָרשטעלונג? און רעדט מען אַזוי און טהוט מען אַזוי בשעת צעהנטויזענדער געהען אויס פאַר נויט? — און אויך מיט דער יודען-פראַגע הויבט עס אָן אַזוי צו זיין. מען האָט מיט מזל שוין געשטעלט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל „בעטראַכטען” די יודען-פראַגע — און מיר הויבט אָן די הויט צו גרויל'ען אויף די ביינער, אַז איך דערמאָהן זיך, וועלכע קלוגע זאַכען מען וועט דאָ אַלץ הערען. מען וועט רעדען און רעדען און מען וועט אַוועקזעצען קאָמיסיעס און מען וועט ווייטער רעדען, און פורישקעוויטש וועט רעדען און וועט זיין וויסענשאַפטליך און קרושעוואַן וועט רעדען און וועט זיין אַ בעל-רחמנות און סטאָ-ליפּין וועט רעדען און וועט זיין יוריסטיש — און דער סוף וועט זיין, אַז מען וועט בינתים כאַפּען די הלוואה אין אויסלאַנד און מען וועט די דומאַ צעטרייבען און די יודען-פראַגע וועט בלייבען יודען-פראַגע און נאָר פאָגראָמען וועלען זיין.

דערווייל אָבער רעדען נישט די אַנדערע, נאָר טהוען. פון מאָסקוואַ קומט אונז די נאַכריכט, אַז דאָרט איז גע'הרג'עט געוואָרען דורך פיער רעוואָלווער-קוילען דער יודישער געוועזענער דומאַ-דע-

פוטאט יאָלאָס, דער רעדאַקטאָר פון די „רוסקיאַ װיעדאָמאָסטי", און געהרג'עט איז ער געװאָרען פאַר דעם הויז, װאו עס געפינט זיך די רעדאַקציע פון דער צייטונג פון די „עכט רוסישע". לויט אַלע איינצעלנע בעריכטען, װעלכע זענען היינט געקומען פון מאָסקװאַ, איז שוין קיין שום ספק נישט, אַז זיינע מערדער זענען די „עכט רוסישע". עס איז אַ נייער פאַל הערצענשטיין. און אונזער רעגירונג װעט מסתם אויך דאָסמאָל זוכען די מערדער און זוכען און זוכען — און װעט זיי קיינמאָל נישט קאָנען געפינען. יאָלאָס איז געװען אין זיין צייטונג צו געפעהרליך פאַר דער רעגירונג און פאַר די „עכט רוסישע". אויך קומט אָן אַ נאָכריכט פון פעטערבורג, אַז אויך דער דומאַ-דעפוטאַט װלאַדימיר העסען האָט בעקומען אַ טויט-אורטייל פון דעם פעראיין פון די עכט רוסישע. דאַגעגען אָבער איז אונז דער טעלעגראַף היינט מודיע, אַז אַ צייטונג פון די עכט-רוסישע אין מאָסקװאַ האָט אָנגעהויבען צו קריגען סובסידיעס פון דער רעגירונג. רבונו של עולם, װיפיעל געלד ברויך אונזער רעגירונג!

בין כך וכך איז אין פעטערבורג געשטאָרבען פאָביעדאָנאָסצעװ, דער רעאַקציאָנערסטער פון אַלע רעאַקציאָנערען. דאָס איז יעדענפאַלס געװען דער מערקװירדיגסטער מענש פון דעם דאָזיגען לאַגער. אייגענטליך אַן'אידעאַליסט און אַ רעװאָלוציאָנער, נאָר איז זיין אידעאַליזם און זיין רעװאָלוציאָניזם בעשטאַנען אין דעם, װאָס ער האָט געװאָלט מיט אַלע כוחות נ י ש ט, אַז עס זאָל קומען אַ נייע צייט, נאָר אַז עס זאָל זיך אומקעהרען דאָס זעכצעהנטע יאָהרהונדערט דװקא, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז מענשען-מעגליך. פון זיין טויט קאָן איך נאָר מעלדען, אַז ער האָט איבערגעלאָזען אַ פערמעגען פון אַכט מיליאָן רובעל. װי עס װייזט זיך אויס, איז רעאַקציאָניזם און יודענפרעסעריי נאָך אַלץ אַ גלענצענד געשעפט אין רוסלאַנד.

צום סוף האָב איך נאָך צו מעלדען, אַז דער גרעסטער טייל רוסישע צייטונגען, נאַטירליך די פון די עכטע רוסען און פון די האַלבעכטע און פון די פיערטעל-עכטע, זענען מקבל נחת פון די פאָגראָמען אין רומעניען. פון אַ „רוסקאָיע זנאַמיאַ" איז נישט צו רעדען; זי איז אין דעם זיבענטען הימעל און איז גליקליך, אַז עס האָט זיך נאָך געפונען אַ פאָלק, אַ ציװיליזירט פאָלק, װעלכעס האָט געגעבען

דעם צייכען, וואָס מען האָט צו טהון. אָבער אויך „ראָסיאַ" און „נאָוואָיע ורעמיאַ" שווייגען נישט און ווייזען, וואָס אַן'עקספּלואַטירט פּאָלק טהוט אַלץ אום זיך נוקם צו זיין אָן זיינע עקספּלואַטאַטאָרען, אַלץ ווי איך האָב אין מיין פריגען בריעף פּאָרויסגעזאָגט. איבריגענס איז עס שוין קיין סוד נישט, אַז אונזערע „עכט רוסישע" זענען די אייגענטליכע אָרגאַניזאַטאָרען פון די רומענישע פּאָגראָמען. איצט האָט מען ביי דער עסטרייכיש-רומענישער גרענעץ געכאַפּט אַזאַ אָרגאַניזאַטאָר, אַ רוסישען סטודענט אַלעקסאַנדראָוו. ביי אַן'אַנדערען סטודענט האָט מען געפונען אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָנפיהרער פון די „עכט-רוסישע". אויך גאַנצע גרופּען פון „עכטע רוסען" האָט מען שוין ענטדעקט אין רומעניען, ווער ווייסט, ווי לאַנג די אַגיטאַציע דויערט שוין. די וואַלאַכיי איז ביי דער גרענעץ פון בעסאַראַביען, און בעסאַראַביען איז דאָך די וויעג פון פּאָגראָמען; אויך האָט בעסאַראַביען דיזעלבע בעפעלקערונג, וואָס רומעניען, די מאלדאוואַנער. קרושעוואַן איז אַ מאלדאוואַנער.

פון אָדעס קומען שוין ווידער נאַכריכטען, אַז די „עכטע רוסען" אַגיטירען.

זיבענאונדרייסיגסטער בריעף

דאָסמאָל צום סדר זענען די הויפּט־קשיות אייגענטליך נישט בעשטאַנען אין „מה נשתנה", נאָר עפּעס אַנדערע מיני קשיות האָבען זיך געפּלאָנטערט ביי יעדען אין קאָפּ און האָבען שווער געמאַכט יעדען דאָס האַרץ און זענען געלעגען ביי יעדען אויף דער צונג: וועלען מאָרגען, איבערמאָרגען זיין פּאָגראָמען אָדער וועלען זיי נישט זיין? וועט די חיה רעה אינ'ם מענשען זיך איינהאַל־טען אין איהר שטייג אָדער וועט זי אַרויסשפּרינגען? און דער דאָזיגער הערר, וועלכער זיצט דאָ אַנטקעגען מיר אויפ'ן באַלקאָן, וועט ער מאָרגען זיך אַרופוואַרפען ווילד אויף מיר אָדער וועט ער עס נישט? און די דאָזיגע שטוב, אין וועלכער איך וואוין, און דער דאָזיגער שטוהל, אויף וועלכען איך זיץ, און דער דאָזיגער טיש, ביי וועלכען איך בין איצט בעשעפטיגט, — וועט נישט מאָרגען אין דער דאָזיגער צייט די דאָזיגע שטוב שוין זיין אַ חורבה און וועט נישט זיין דער דאָזיגער שטוהל שוין אַ צעהאַקטער און וועט נישט זיין דער דאָזיגער טיש שוין אַ צעבראָכענער מיט אויסגעריסענע פיס? און דאָס דאָזיגע קינד, וועלכעס ליגט דאָ איצט אין זיין וויעגעל אַזוי רוהיג, וועט נישט מאָרגען אין דער דאָזיגער צייט די מאַמע זוכען עפּעס אַ בעהעל־טעניש פאַר איהם אויף אַ בוידעם אָדער אין אַ קעלער? און דער דאָזיגער דזשענטעלמען, וועלכער איז היינט אין גאַס צו מיר צוגעגאַנגען און האָט געצויגען העפליך דעם הוט און האָט געבעטען אַביסעל פייער פאַר זיין ציגאַר, וועט ער נישט מאָרגען אין דער דאָזיגער צייט צוגעהן צו מיר און וועט ער נישט פון בוזעם אַרויסציהען זיין לאַנג פּיניש מעסער און וועט עס מיר שטעקען אין בויך אַריין? — אוי אונזערע

ימים טובים! אוי מיט וואָס אונזערע געדאַנקען און אונזערע חלומות בעשעפטיגען זיך ביי אונז אין אונזערע ימים טובים!

דערווייל, לויט די נאַכריכטען וואָס זענען אונז דערגאַנגען ביז איצט, זענען די עטליכע טעג יום־טוב אַריבער גאָט זיי דאַנק מיט חסד. איבריגענס איז נישט אונזער פסח דער עיקר, נאָר זייערער, און מיר מוזען נאָך אָבוואַרטען. אָבער אויך דער חסד פון אונזער פסח איז דערווייל גענוג פאַר אונז. און דאָס איז קיין וואונדער נישט, וואָס מען האָט אונז געלאָזען אַביסעל צורוה; אין דער דומא ווערט דאָך איצט גראָד געשפּיעלט די קאָמעדיע פון דער בודזשעט־פראַגע. בעת עס ווערט בעהאַנדעלט אַזאַ פראַגע, לויהנט עס זיך נישט פאַר דער רעגירונג, אַז זי זאָל דערלאָזען פּאָגראָמען. עס האָט איהר אפילו נישט געלוינהט, אַז זי זאָל דערלאָזען רוהיג די רציחה פון יאָלאָס און זי האָט כלומר׳שט געמאַכט אַ טרויעריג פנים און האָט זיך בעמיהט, אַז מען זאָל באַלד מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג און האָט צו דער אונטער־זוכונג בעשטימט אַוועקצושיקען קיין מאָסקווא דעם יוסטיץ־מיניסטער אַליין — עלעהיי זאָל די וועלט זעהען, אַז דער יוסטיץ־מיניסטער אַליין האָט גאָרנישט געקאָנט שלעכטעס געפינען, און מסתם איז די רציחה נאָר אַ פּראָסטער צופאַל. איבריגענס, האָט מען אויך — כדי די קאָמעדיע צו פער־פולשטענדיגען — אַ צווי, דריי פערדעכטיגע מענשען פערהאַפטעט, און נאַטירליך האָט מען זיי באַלד פריי געלאָזען. דאָס שענסטע אָבער ביי דער גאַנצער זאַך איז, וואָס די צוויי הויפּט־צייטונגען פון דער שוואַר־צער מאה, די „נאָוואָיע ורעמיאַ“ און די „רוסקאָיע זנאַמיאַ“, זענען ביידע געקומען אין איין טאָג און האָבען דערצעהלט אַ מערקווירדיגע מעשה: אַזוי הערצענשטיין ווי אויך יאָלאָס זענען ביידע געוואָרען ערמאָרדעט פון די רייכע יודען, ווייל „דאָס איז אַ מצוה, וואָס שטעהט אין תלמוד“, כדי צו קאָנען אַרויפלעגען דעם חטא אויף די רוסישע פּאַט־ריאָטען. איך געדענק, אַז בעת דעם רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג האָט די „נאָוואָיע ורעמיאַ“ דערצעהלט אַן׳עהנליכע חכמה, אַז די יודישע סאָלדאַטען לאָזען זיך מיט צו־פלייס דערשיסען פון די יאַפּאַניער, כדי זיי זאָלען נישט דערלאָזען רוסלאַנד אַ נצחון. — גאָגאָל דערצעהלט אונז אין זיין „רעוויזאָר“ פון איין אונטער־אָפיצירין, וועלכע האָט זיך אַליין אויסגעשמיסען. אָרימער גאָגאָל! זיין פאַנטאַזיע האָט גע־

קאָנט אײַנגאַנצען אויסטראַכטען קוים קוים אַזאַ מעשה. אונזער „נאָוואָיע וורעמיאַ״ איז פיעל טאַלאַנטפולער: יודען דער׳הרגענען אַליין די יודישע דעפוטאַטען, אָדער יודישע סאָלדאַטען לאָזען זיך מיט צו-פלייס דערשיסען!

יאָלאָס׳ן האָב איך פערזענליך גוט געקענט, און איך קאָן נישט פערגעסען דעם אײַנדרוק, וועלכען דער דאָזיגער מענש האָט אויף מיר געמאַכט. דאָס איז נישט געווען קיין פּאָליטיקער. דאָס איז געווען אַ שטובען-געלעהרטער, אָנגעשטאָפּט מיט טויזענד וויסענשאַפטען, און עהרליך איז דאָס געווען, ווי מען זעהט דאָס היינט גאָרנישט; איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דער דאָזיגער מענש וועט שפּיעלען אַמאָל אַ פּאָליטישע ראָלע. ער וואָלט אייך אַוודאי אַוועקשענקען צעליכע רעוואָלוציעס בחנם, אַבי איהר זאָלט איהם נאָר לאָזען זיינע סטאַטיסטישע אַרבייטען. און גראָד אַזאַ מענש איז געפאַלען אַלס קרבן. פּאַרוואָס די „עכט רוסישע״ האָבען נויטיג דווקא אַזעלכע הערצענשטיינס און אַזעלכע יאָלאָסעס אַלס קרבנות — איז מיר נישט רעכט פערשטענדליך; אפשר דווקא נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען מורא פאַר די פּאָלגען פון וויסענשאַפטליכע שטודיען, ווערענד גלאַט שעהנע רעדעס אַהרען זיי נישט. ווי בעליעבט אָבער יאָלאָס איז געווען הן צווישען פּאָליטיקער און הן צווישען אַנדערע קלאַסען מענשען, דאָס האָבען מיר געזעהן ביי זיין לוויה; אַזאַ לוויה האָט אַ יוד אין מאָסקווא נאָך נישט געהאַט. מעהר ווי דרייסיג טויזענד מענשען האָבען זיך בעטייליגט אין איהר. הונדערטער קרענץ זענען געבראַכט געוואָרען, דעפּוטאַטען פון פיעל שטעדט זענען געקומען, און גאַנץ בעזונדערס האָבען געמאַכט אויפזעהן די דעפוטאַציעס פון דער פּעטערבורגער דומא, חברים פון דער ערשטער און חברים פון דער צווייטער דומא. צווישען די אונצעהליגע רעדעס ביי זיין קבר, האָט זיך אויסגעצייכענט די רעדע פון דעם מאָסקווער ראַבּינער מאז״ה, וועלכער האָט געפייערט דעם געשטאָרבענעם אַלס יוד, אָנווייזענדיג, אַז ער איז געווען אַן׳אייניקעל פון ר׳ צבי יאָלאָס, דער מחבר פון „מלוא הרועים״.

איבריגענס איז דער „פערעיין פון די עכט רוסישע״ נישט שטעהן געבליבען ביי יאָלאָס׳ען; אויף דערזעלביגער זיצונג, וואו ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען אומצובריינגען דעם דאָזיגען קרבן, איז אויך בעשלאָסען געוואָרען אומצובריינגען פּאָלגענדע 8 דומא-דעפּוטאַ-

טען: ראַדיטשעוו, טעסלענקאָ, מאַקלאַקאָוו, פאָזנאַנסקי, בערעזין, צערע־טעלי, אַלעקסינסקי און דעם גייסטליכען טיכווינסקי. און אויך פּראָפּער, דער רעדאַקטאָר פון די פּעטערבורגער „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי“ (מי שהיה יהודי), האָט בעקומען די טעג צוגעשיקט פון זיי זיין טויט־אורטייל. ווי מען זעהט, געהט חברה נישט לעדיג.

נאַטירליך אָבער זענען דאָס אַלץ קליינינקייטען; די הויפט־אַר־בייט איז גאָר עפּעס אַנדערש. ווי מען מעלדעט פון אַלע עקען און ענדען רוסלאַנד'ס, איז אומעטום איצט צו בעמערקען, אַז די שוואַרצע מאות גרייטען זיך צו עפּעס וויכטיגעס. די פּעטערבורגער צייטונגען שרייבען, אַז מען איז זיי מודיע פון פיעל שטעדט וועגען אַ שטאַר־קער בעוועגונג, וועלכע איז אין די לעצטע טעג צו בעמערקען צווי־שען די שוואַרצע. מען קלויבט געלד אויף געוועהר, מען האַלט אָב געהיימע פערזאַמלונגען, מען גיט זיך אין זייערע צייטונגען יעדען טאָג נייע צייכענס — בקיצור, מען מאַכט גרויסע הכנות. וואָס עס טהוט זיך געגוי, ווייסט מען נישט; מען ווייסט נאָר, אַז דאָס מיניסטעריום אַליין האָט שוין געקריגען אַביסעל פחד, דאָס די פערצויגענע בנים יחידים'לעך זאָלען דאָ נישט אָבאַרבייטען אַ שטיקעל, וועלכעס זאָל שאָדען דער רעגירונג אַליין, און דעריבער איז אין מיניסטאָרען־ראַט געוועזען די לעצטע טעג אַ זיצונג, אום צו זוכען מיטלען געגען די צעלאָזענע „עכט רוסישע“ אַליין. ווי מען דערצעהלט, זאָל סטאָליפּין האָבען בעקומען אין זיינע הענד אַריין אַ דאָקומענט, פון וועלכע עס איז געוועזען צו זעהען, אַז דער פעראיין פון די עכט־רוסישע האַלט ביים אויספיהרען אַ שרעקליכען פּלאַן. דער פּלאַן בעשטעהט אין אַנ' עכט־רוסישען אויפשטאַנד, וועלכער ווערט אָרגאַניזירט שוין זינט עטליכע חדשים. לויט דעם דאָזיגען פּלאַן, מוזען זיך אַלע מיט־גלידער פונ'ם פעראיין אין אַלע שטעדט רוסלאַנד'ס בעוואָפנען און וואַרטען אויף אַ סיגנאַל, וואָס וועט געגעבען ווערען דורך אַ געוויסען סימן פון פּעטערבורג. און אין יענעם טאָג, ווען דער סיגנאַל וועט זיין געגעבען, וועט זיין דער אַלגעמיינער עכט־רוסישער אויפשטאַנד; זיי ווילען אויפשטעהן מיט דער פאָדערונג, אומצוקעהרען רוסלאַנד צו איהר אַלטער היסטאָרישער אָרדנונג. אַ דומא, אַ פאָלקס־פערטרעטונג, אַ קאָנסטיטוציע אָדער עפּעס אַ רעפאָרם טאָר נישט געדאַכט ווערען.

איבערהויפט וועט זיך דער אויפשטאַנד קאָנצענטרירען אין די שטעדט, וואו עס זענען דאָ אוניווערזיטעטען. אַלע אוניווערזיטעטען און העכערע שולען וועלען ווערען בעלאַגערט און די פּראָפעסאָרען וועלען צעטריבען ווערען. אַלע ליבעראַלע רעדאַקציעס וועלען דעמאָלירט און די רעדאַקטאָרען און די מיטאַרבייטער וועלען אַרעסטירט ווערען. אויב אויך די מיטאַרבייטער פון ליבעראַלע אויסלענדישע צייטונגען (למשל איך) וועלען אַרעסטירט ווערען, ווייס איך נאָך נישט. מען ווייסט נאָר אַזויפיעל, אַז אָט דער דאָזיגער גאַנצער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען שוין פּאַר עטליכע חדשים אויף אַ געהיימען צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז געווען אין מאָסקווא, און דאַן איז ער נאָכאַמאָל בעקלערט געוואָרען אויף אַ צווייטען צוזאַמענפאָהר אין פּעטערבורג. מען דערצעהלט זאָגאַר נאָך עפּעס, וואָס עס גלויבט זיך גאָרנישט. און נעמליך, אַז סטאָליפּין, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע האָט געשיקט רופען צו זיך עטליכע אָנפיהרער פון דעם פעראיין פון די עכט-רוסישע און האָט זיי געזאָגט מוסר און האָט זיי ערקלערט, ווי דווקא איצט קאָן זייער פּלאַן ברענגען רוסלאַנד פיעל שאָדען, און האָט זיי געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך איבערצייגען, דאָס זיינע ווערטער האָבען נישט גענוצט, וועט ער זיין געצוואונגען אָנצונעהמען זעהר שטרענגע מיטלען געגען דעם פעראיין פון די עכט-רוסישע. און באמת זעהען מיר, אַז די עכט-רוסישע האָבען אָנגעהויבען אַרומצוקריכען דער רעגירונג אַביסעל צופיעל שוין אויפ'ן קאָפּ און אָפּט ברענגען זיי זי אין אַ פערלעגענהייט. די „בנים גדלתי ורוממתי" הויבען אָן צו ווערען אַ רעכט ביסעל אונבעקוועם. די רעגירונג האָט אַליין אַרויפבעשוואוירען די דאָזיגע שדים, און איצט קאָן זי זיי נישט מעהר בענדיגען.

ווי ווייט די דאָזיגע אַלע קלאַנגען זענען ריכטיג, קאָן קיינער נישט זאָגען. קלאָר איז נאָר איין זאַך: עפּעס קומט פאָר אין דער מחנה פון די עכט-רוסישע, און טאַקי עפּעס שרעקליכעס. ווער ווייסט וואָס מיט טויזענדער אָרימע יודען וועט זיין אין צוויי, אין דריי אָדער אין פיער וואָכען. די פראַגע, וועלכע בעשעפטיגט איצט יעדען יודישען מוח, איז: וועלען זיין אָדער וועלען נישט זיין פּאָגראָמען? וועט דער שטוהל, אויף וועלכען איך זיץ, מאָרגען זיין צעבראָכען

אָדער נישט? וועט דאָס קינד, וואָס שפּיעלט זיך איצט אַהנונגסלאָז, מאָרגען ליגען ערגעץ־וואו בעהאַלטען אָדער נישט? — איי איז דאָס אַ לעבען אַביסעל! איי האָבען מיר פרעהליכע ימים טובים!

און דערווייל, ווי געזאָגט, געהען אין דער דומאַ די פערהאַנדלונגען וועגען דעם בודזשעט. וועהרענד אַלע אַנדערע פערהאַנדלונגען האָבען כמעט קיינעם נישט אינטערעסירט, אינטערעסירט די בודזשעט־פראַגע יעדען בעזונדערס געוואַלדיג. עפּעס האָט מען געוואוסט און געפיהלט ביי די אַנדערע זאַכען, אַז עס ווערט נאָר אַ קאָמעדיע געשפּיעלט, און אויב, למשל, מען רעדט געגען די פעלד־געריכטען אָדער מען איז מסכים צו זיי, זעגען עס נאָר ווערטער און דאָס גאַנצע האָט קיין שום פּראַקטישען נוצען נישט. ביי דער פראַגע וועגען דער מטבע איז דאָס אַביסעל אַנדערש. מען פיהלט פּאָרט, אַז געלד האָט די רעגירונג נויטיג, און געלד וועט דאָס אויסלאַנד געבען נאָר בהסכם הדומא, און עפּעס מיינט מען, אַז די דומאַ איז צו שוואַך און וועט סוף־כל־סוף מסכים זיין צו אַ הלוואה: זי וועט בלויז קריטיקירען דעם בודזשעט, זי וועט רעדען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד און וועט ווייזען איהר קונציגע גבורה אין חכמות הרעדנעריי, אָבער צום סוף וועט זי מסכים זיין צו אַ הלוואה. זי וועט סוף־כל־סוף מורא האָבען, אַז מען זאָל זי נישט צעטרייבען, זי וועט וועלען היטען איהרע ביינער און וועט קרעכצען און וועט מסכים זיין. עס פרעגט זיך נאָר: און וואָס איז דאָ דער מעהר, ווען מען זאָל אַפילו יאָ צעטרייבען אַ דומא? מען וועט זי דאָך סיי־ווי צעטרייבען נאָך דער הלוואה — וואָלט נישט אפשר גלייכער געווען, זיך צו לאָזען צעטרייבען שוין איצט און צו יענער הלוואה נישט מסכים צו זיין? קוטלער אין זיין רעדע האָט בעוויזען, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם געלד, וועלכעס רוסלאַנד בעדאַרף, בעדאַרף זי אויף תפיסות און אויף זשאַנדאַרמען און אויף פּאָליציי־אַגענטען וכדומה — איז דאָס אַזוי דער יושר, אַז אַ „רעוואָלוציאָנערע" דומא זאָל זיך לאָזען נאַרען אין זאַק אַריין און זאָל אַליין בידים פערשאַפען די מיטלען, וועלכע מען בעדאַרף, אום זי שפּעטער צו פייניגען? עס איז די אַלטע מעשה מיט יענעם זאָטלער. וועלכער האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענד אויסגעאַרבייט די לעדערנע נאַגאַיקע. מיט וועלכער ער קריגט שפּעטער געשלאָגען.

מעגליך איז נאַטירליך, אַז אויך דאָס דאָזיגע איז נאָר אַ קאָמעדיע און די רעגירונג ברויכט גאָרנישט אַזוי זעהר די הסכמה פון אַ דומא, אום צו קריגען ביי די אויסלענדער די עטליכע מטבעות — יעדענ־פאַלס אָבער האָט מען דאָס פובליקום איינגעוויעגט אין דעם דאָזיגען גלויבען, און דאָס פובליקום שטעהט איצט און קוקט אַהין צו דער דומא צווישען פחד און האָפנונג.

אַכטאוּנדרייסיגסטער בריעף

אין פּאָביעדאָנאָסצעוו'ס פּאָליטישער צוואה, וועלכע עס האָבען איצט עטליכע צייטונגען פערעפענטליכט, געפינען זיך פאָלגענדע דריי פּונקטען: 1) פעלד-געריכטען מוזען בלייבען אויף שטענדיג, נישט בלויז פאַר מיליטער-עבירות, נאָר אויך פאַר אַלע מינים פון אַלגעמיינע עבירות; 2) שולען און צייטונגען מוזען איבערגעגעבען ווערען אונטער דער השגחה פון דער הייליגער גייסטליכקייט און יודען טאָרען צו זיי נישט צוגעלאָזען ווערען; 3) אין קיין רוסישער שטאָדט טאָר זיך קיין יוד נישט געפינען, אָהן אַ שום אונטערשייד, צי דאָס איז אַ בעל-מלאכה אָדער אַ סוחר, אַ דאָקטאָר אָדער סתם אַ יוד. חוץ דעם פערעפענטליכען איצט די צייטונגען אינטערעסאַנטע דאָקומענטען פון די ערשטע טעג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטענס רעגירונג און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פּאָביעדאָנאָסצעוו און אַלע אַנדערע רעדעלפיהרערס דענסמאָל אינ'ם הויף האָבען אויסדריקליך עמפּפוהלען דאָס סיסטעם פון אַ שרעקענס-רעגירונג, און איינער זאָגאַר האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „אום רוסלאַנד צו בערוהיגען מוז מען אַ צוויימאָל הונדערטטויזענד מענשען אויסקוילען, אַזוי אַז די ניעוואַ זאָל זיין אויסגעשטאָפּט מיט פגרים און רויט פון בלוט". און ווירקליך זעהען מיר, אַז זינט דענסמאָל האָט דאָס דאָזיגע סיסטעם געוועלטיגט אין רוסלאַנד; אונמענשליכע רעפּרעסיעס און הריגות און יודען-פּאָגראָמען זענען געוואָרען די טאָג-אָרדנונג. און נון בעט איך אייך, אדרבא זאָגט מיר, וואָס קאָנען מיר ערוואַרטען פון אַ לאַנד, אין וועלכען מען רעדט פון אויסקוילען 200,000 מענשען ווי מען רעדט פון אַביסעל אַש פון אַ ציגאַר? וואָס נוצען אונז די שעהנע פראַזעס פון אַ פרייהייט און די קאָמעדיע פון אַ קאָנסטיטוציע און דאָס שפּיעלכעל מיט אַ דומאַ, ווען אין גרונד גענומען

זענען פאראַן אַזעלכע פרינציפּען? וואָס קאָנען אונז העלפען אַלע אונזערע „גליקען“ און „נצחונות“ און אונזער שטאָלץ און צופרידענ־הייט. אַז דער און דער האָט אין דער דומאַ פיין און קלוג גערעדט און אַז דאָ און דאָ האָט די רעגירונג געהאַט אַ „מפלה“ און מיר כלומר'שט האָבען געהאַט אַ „זיעג“, ווען דאָס גאַנצע איז בלויז אַ קינ־דער־שפּיעל און אין גרונד האַלט מען זיך ביים פּרינציפּ פון אַ שרע־קענס־רעגירונג? צוויימאָל הונדערטטויזענד מענשען אויסקוילען. פעלד־גערילכטען איינפיהרען אויף אייביג, יודען נישט צולאָזען צו קיין שום עפענטליכער שטעלונג און זיי צוזיפּקוועטשען אין דעם ענגסטען תחום — דאָס, זעהט איהר, איז די אייגענטליכע סחורה, מיט וועלכער אונזער רעגירונג האַנדעלט, און עס שאדט איהר גאָרנישט, ווען די הענגט דערזעלביגער סחורה אָן עטליכע נייע עטיקעטען און רופט זיי „פרייהייט“, „קאָנסטיטוציע“ און „דומאַ“. צום קרעדיט קאָן עס נישט שאָדען.

דערוויילל פיהרט זיך אַלעס, ווי עס בעדאַרף צו זיין, פונקט נאָך פונקט, ווי לויט אַ געשריבענעם רעצעפּט: דער פעראיין פון די עכט־רוסישע (אין מיינע אויגען איז אייגענטליך דער פעראיין נאָר אַ פיליאַלע פון דער רעגירונג) האָט אין זיינע צייטונגען „רוסקאָיע זנאַמיאַ“ און „וויעטשע“ אָבגעדרוקט עפּעס אַ צייכען פון אַ קרייץ אויף דער ערשטער זייט, אַלס אַ געוויסען סימן פאַר אַ געוויסער טהאַט וואָס די מיטגלידער האָבען צו טהון. אוןווירקליך האָבען זיך אָנגעהויבען זינט יענעם טאָג צו שיטען טעלעגראַמען פון אַלע עקען און ענדען רוסלאַנד'ס אויפ'ן נאָמען פונ'ם קייזער, מיט דער ביטע, ער זאָל צעטרייבען די דומאַ. ביז 500 אַזעלכע טעלעגראַמען זענען פובליצירט געוואָרען אין פערלויף פון עטליכע טעג; נאַטירליך האָט עס געמוזט מאַכען דעם איינדרוק, אַז דאָס פאָלק וויל נישט קיין דומאַ. — גלייכצייטיג האָבען די עכט־רוסען זיך ענטשלאָסען אַרויסצוטרעטען מיט אַנ'עפענטליכער וואָרנונג צו די יודען אין רוסלאַנד, אַז זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון אַנטיילנעהמען אין דער רעוואָלוציע, ווען נישט, וועט דער „פעראיין“ אַליין זיך נעהמען צו דער מלאכה, צו פערענטפערען די יודען־פראַגע לויט זיין אייגענעם שטייגער. מיט וואָס דאָס שמעקט — פערשטעהט איהר דאָך? — געבענביי האָט דער

„פעראיין” אָבגעטהון נאָך אַ גוט שטיקעל: ער האָט דעם עקסטראַ-אונטערזוכונגס-ריכטער אין מאָסקווא געסטראַשעט מיט טויט, ווען ער וועט נישט אויפהערען צו מאַכען אויספאָרשונגען וועגען יאָלאָס'ענס ערמאָרדונג, אַזוי אַז דער אונטערזוכונגס-ריכטער האָט זיך צום סוף אָבגעזאָגט פון זיין אַרבייט. איבריגענס, האָט דער רעדאַקטאָר פון „וויעטשע”, וועלכען דער אונטערזוכונגס-ריכטער האָט געהאַט אַרויס-גערופען, גאָרנישט געוואָלט קומען, און האָט אין זיין בלאַט חוזק גע-מאַכט פון דעם ריכטער און דעם פאָליציימאַן, וועלכער האָט איהם געבראַכט די אויפפאָדערונג. — די הויפטזאַך אָבער ביי דעם גאַנצען שפּיעלט דער געהיים-צירקוליאַר, וועלכען דער „פעראיין” האָט אַרומגע-שיקט צו זיינע הויפט-מיטגלידער. דער רעדאַקציע פון „ריעטש” איז געלונגען צו קריגען איין עקזעמפּליאַר דערפון. אין דעם דאָזיגען ציר-קוליאַר בעפעהלט דער פרעזידענט פון'ם פעראיין, ה. פורישקעוויטש, צו שיקען צום קייזער די אויבענדערמאָהנטע טעלעגראַמען וועגען צע-טרייבען די דומאַ און וועגען מאַכען נייע וואַהל-געזעצען, אַזוי אַז אין דער דומאַ זאָלען נישט קאָנען אַריינקומען „די געזעלשאַפט-ליכע אויסוואורפען און פערברעכער”; חוץ דעם זאָל מען אין דעם טאָג, ווען די דומא וועט צעטריבען ווערען, מאַכען גרויסע פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס (איהר ווייסט דאָך שוין, מיט וואָס דאָס שמעקט?) מיט פאָהנען און מיט הייליגע בילדער און מיט'ן קייזערס בילדער. נאַטירליך ווערט אויך אָנגעזאָגט, אַז דעם צירקוליאַר זאָל מען האַלטען בסודי-סודות און וויסען דערפון זאָלען נאַר די פערטרויטעסטע מיט-גלידער.

דאָס איז פון איין זייט. פון דער אַנדערער זייט טהוט די רעגירונג אַליין דאָס איהריגע: אויף דעם הויפט-טעלעגראַפען-אַמט האָט מען איינגעפיהרט אַ צענזור אויף טעלעגראַמען צו די דומאַ-דעפּוטאַטען; אין קיעוו, אין יעקאַטערינאָדאַר און אין נאָך שטעדט האָט דער טעלעגראַפען-אַמט איינפאַך אויפגעהערט אָנצונעהמען טעלעג-ראַמען, וועלכע ווערען געשיקט אויף דעם נאָמען פון אַ דומאַ-דעפּו-טאַט. די דומאַ-דעפּוטאַטען זעלבסט ווערען בעהאַנדעלט ווי די פער-ברעכער. דער דעפּוטאַט אַלעקסינסקי, למשל, ווערט געהיטען פון פּאָליציי-אַגענטען; נאָך איהם געהט נאָך אַ גאַנצע אַרמעע פון שפּיאָ-

נען; יעדעס וואָרט, יעדער שריט זיינער ווערט פערשריבען. די אַגענטען גיבען אָב ראַפּאָרט פון זיין רעדען יעדען טאָג, דאָ האָט ער גערעדט אויף אַ מיטינג, דאָ אין אַ פאַבריק, דאָ אין איינער פון די הענכערע לעהר-אַנשטאַלטען. איבערהויפּט איז דאָס לעבען פון די דעפּוטאַטען נישט בעזונדערס זיכער און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס די טעג האָבען כמעט אַלע דעפּוטאַטען פון דער דומאַ בעקומען אַ פאָרשלאַג פון דער געזעלשאַפט „ניו-יאָרק", זיי זאָלען אַסעקורירען זייער אונבעריהרליכע פערזענליכקייט; די געזעלשאַפט פערגעסט נישט צו דערמאָהנען, אַז הערצענשטיין איז געווען אַסעקורירט אויף 50,000 און יאָלאָס אויף 10,000 רובעל. — אינטערעסאַנט איז אויך, אַז דווקא איצט האָט זיך דער מיניסטער פון אינערן מישב געווען און האָט ערלויבט אַרויסצוגעבען 12,000 רובעל צו שטיצען דעם רעדאַקטאָר פון „סעלסקי חיעסטניק", אויף צו דרוקען „נוצליכע" בראָשורען. אגב האָט דער מיניסטער אויך געגעבען אַ דאַנק-טעלעגראַמע דעם פעראיין פון די עכט-רוסען פאַר זייערע האַרציגע ברכות, וועלכע זיי האָבען איהם געגעבען פאַר זיינע שעהנע רעדעס אין דער דומאַ. אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס דווקא איצט האָט די הויף-קאַמאַרילע אָבגעאַרבייט אַ שטיקעל, אַזוי אַז דער קייזער האָט בעגנעדיגט איינעם, מאָסעיענקאָ, וועלכער איז געווען פער'משפט אין אָדעס אויף 8 חדשים געפענגניש פאַר בעטייליגען זיך אין אַ יודישען פּאָגראָם. איבריגענס, האָט געמאַכט אויפזעהן אויך פאָלגענדער פאַל: קאָקאָווצעוו האָט אין איינער פון זיינע רעדעס זיך בעדיענט מיט אַזאַ זאַץ: „וועגען גלייכבערעכטיגונג פון נאַציאָנען וועלען מיר רעדען אין אַן'אַנדערער צייט און אין אַן'אַנדער אָרט". אמת, די דאָזיגע אונפּאַרזיכטיגע ווערטער פון הערן מיניסטער זענען שפּעטער געוואָרען אַוועקגעלאָזען אין די סטענאָגראַפישע בעריכטען; עס איז אָבער געווען פערפאַלען, אין די קולוואַרען פון דער דומאַ האָבען זיי אָנגעמאַכט אַ גרויסען רעש, דען מען האָט אין זיי געזעהן אַ רמז אויף דעם גיכען צעטרייבען פון דער דומאַ און אויף דעם אמת'ען פערהעלטניש פון דער רעגירונג צו דער יודען-פראַגע. — בזה הרגע איז מיר אָנגעקומען אויף די נאַכריכט, אַז דריי מיטגלידער פו'נם פעראיין פונ'ם רוסישען פאָלק, וועלכע זענען פער'משפט געוואָרען צו אַרעסטאַנטען-

ראַטע פּאַר אָרגאַניזירען דעם פּאָגראָם אין טולאַ, זענען אַלערהעכסט בעגנעדיגט געוואָרען.

נאַטירליך האַלט דאָס אַלץ נישט אָב די רעגירונג, צוצוואַרפען אַמאָל אונז אויך אַ לעקעכעל און צו שפּיעלען פלוצלינג אַ גאָר אַנ־דערע קאָמעדיע: אַזוי, למשל, געהט ווידער אין די לעצטע דריי טעג די סדרה פון ליבעראַל־זיין — צו וועלכען צוועק זי בעדאַרף דאָס, ווייסט מען דערווייל נאָך נישט. סטאָליפּין לאָזט טעלעגראַפירען צו די אויסלאַנד׳ס־צייטונגען, אַז די רעגירונג האָט בעשלאָסען זיך שטרענגער צו בעגעהן מיט די עכט־רוסען, און דורכאויס נישט צו דערלאָזען זייערע ווילדע מעשים. די „רוסקאָיע זנאַמיאַ״ האָט פלוצלינג אויפגע־הערט צו דרוקען די טעלעגראַמען וועגען צעטרייבען די דומאַ. דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט פערמאַכט די שוואַרצע צייטונג „וויעטשע״, ווייל זי האָט אָנגערופען די דומאַ־דעפּוטאַטען אַ באַנדע רוצחים, און דער שוואַרצער רעדאַקטאָר איז געוואָרען אַרויסגעשיקט אויף צוויי יאָהר פון דער מאָסקווער גובערניע. אַלעס, דאַכט זיך, זעהר שעהן. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס קיינער גלויבט נישט אין דער אויפריכטיגקייט פון דעם אַלעם און מען בעטראַכט עס ווי אַ שטיקעל קאָמעדיע, וועלכעס מען האָט גראָד נויטיג.

דערווייל נאַטירליך מאַכען די עכט־רוסען ביסלעכווייז די פּאָרט־זעצונגען פון זייער דראַמאַ, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען אויפצופיהרען. אין דער דומאַ מאַכען זיי יעדען טאָג סקאַנדאַלען, און מען זעהט גענוי, ווי זיי ווילען די דומאַ פּראָוואָצירען און בעאַבזיכטיגען — זאָל קאָסטען וואָס ס׳זאָל קאָסטען — אַז עס זאָל ווערען עפּעס אַ שטיקעל וועלט־סקאַנדאַל. אַזוי אויך בעמיהען זיי זיך, אַרויסצורופען צו דער קומענדער רוסישער פּאַסחא אַנ׳עלילת־דם אויף יודען. אין „רוסקאָיע זנאַמיאַ״ איז שוין געווען אָבגעדרוקט אַ מעלדונג, אַז „אין פּעטערבורג זענען פלוצלינג פערפאַלען געוואָרען צוויי קינדער און חושד אין דעם איז מען י ו ד ע ן״. דעסגלייכען זענען אָנגעקומען נאַכריכטען פון יעליסאַוועטגראַד, אַז דורך אַ פּראָוואָקאַטאָרען־שאָס איז דאָרט גע־וואָרפען געוואָרען אַ חשד אויף אַלע איינוואוינער און מען שרעקט זיך שטאַרק פּאַר אַ פּאָגראָם. אין אַ היינטיגער טעלעגראַמע, וועלכע איז געקומען פון פּעטערבורג, לייענען מיר: „ד י ש וו אַ ר צ ע ה ו נ־

דערטער האָבען בעקומען פיעל געלד אויף צו פערשפרייטען זייער אגיטאַציע. יעדען טאָג בעקומען זיי גאַנצע טראַנספּאָרטען געוועהר און זיי פערגרעסערען זייער קריעגס-מחנה. ווי עס ווייזט זיך אויס, גרייטען זיי זיך צו עפּעס". פון מאָסקוואַ קומט די נאַכריכט, אַז דער גייסטליכער גרעגאָרי פּעטראָוו האָט אין דער האַנד וויכטיגע דאָקומענטען, פון וועלכע עס איז קלאָר צו זעהען, דאָס די מעשה מיט דעם קרייץ-צוג איז אַ פאַקט און אַז די עכט-רוסען בעאַבזיכטיגען באַלד נאָך זייער פּאסחא אָנצוהויבען אַן׳אַלגעמיינע שחיטה אויף יודען; די שחיטה וועט זיך אָנהויבען אין פערשידענע ערטער גלייכצייטיג לויט אַ געגעבענעם סיגנאַל. פון ביאַליסטאָק שרייבט מען: אַלס תשובה אויף די אָנפאַלען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט ביי אונז,' גרייט זיך די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע צו ענטפערען מיט אַ נייעם בלוט-באָד. די פּאָליציי אַליין מאַכט נישט דערפון קיין סוד: דער פּריסטאַוו פונם 4-טען צירקעל האָט אָפען ערקלערט איינעם פון אונזערע פאָרשטעהער, אַז „ביאַליסטאָק וועט זיך אָהן אַ פּאָגראָם נישט אויסדרעהען"; אַן׳אַנדערער בעאַמטער האָט ביי יאַנאָווסקי׳ן אין דער פּאַפּיראָסען-פאַבריק אָפען פאַר אַלע אַרבייטער געזאָגט, אַז „מיט ביאַליסטאָק וועט בקרוב זיין זעהר שלעכט"; אַ דריטער, אַ גענעראַל, האָט זיך עפענטליך געאויסערט, אַז ס׳איז שוין בעשלאָסען צו מאַכען אַ „שיסעריי" אין 3-טען און 4-טען צירקעל. דאָס זענען אַפּנים נישט בלויז קלאַנגען, ווי מען קאָן עס זעהען פון דער גאַנצער אויפפיהרונג פון דער פּאָליציי: די גאַנצע שטאָדט שטעלט פאַר מיט זיך אַ מיליטערישען לאַגער, די גאַסען זענען פערפּלייצט מיט קאָזאַקען און מיליטער-פּאַטרולען, די פּאָליציי רעווידירט אָהן אויפהער אַלע דורכגעהער. זיי קוקען אַרויס אויף עפּעס אַ גינסטיגען צופאַל, כדי זיך צו קאָנען אַרויפוואַרפען אויף די ביאַליסטאָקער איינוואוינער".

און די רוסישע פּאסחאַ קומט נעהנטער און נעהנטער — און דאָס בלוט ווערט פערגליווערט אין די אָדערען. רבונו של עולם! וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבען? וואָס פאַר אַ טויט? וואָס וועט ווערען? וואָס וועט ווערען?

און אַלץ שפּיעלען מיר זיך נאָך אין פּאָליטיק, אין אַ „קאָנסטיטוציע“, אין שעהנע רעדעס אין דער שעהנער דומאַ און מיר מאַכען זיך צו נאַר ווי די קינדער — און די שווערד ליגט אויפ׳ן האַלז.

צווייטאָל הונדערטטויזענד מענשען אויסקוילען — וואָס פּאַר אַ ראָלע שפּיעלט אין רוסלאַנד די קליינינקייט פון צוויימאָל הונדערטטויזענד מענשען? ס׳איז דאָך נאָר אַ טראָפּען פּאָליטיק! ס׳איז דאָך נאָר איינס פון די הונדערט מיטלען, אום צו פערפעסטיגען דאָס רעזשים פון איינינע טויזענד בעאַמטע אין רוסלאַנד!

ניינאונדרייסיגסטער בריעף

דאָס פאָרשפּיעל צו דעם הויפּט-טעאַטערשטיק, וועלכעס ווערט אין פינסטערען צוגעגרייט, ווערט דערווייל ווייטערגעשפּיעלט: דער פעראיין פון די עכט-רוסישע האָט בעקומען די ערלויבניש זיך צו בענוצען צווישען זיך מיט שיפרירטע טעלעגראַמען. פורישקעוויטש און קרושעוואַן זענען געוואָרען רעגירונגס-בעאַמטע און פערנעהמען איצט רעגירונגס-שטעלען; פורישקעוויטש אַלס משגיח אין דער הויפּט-פערוואַלטונג פון פרעסע אָנגעלעגענהייטען מיט אַ געהאַלט פון 1800 רובעל יעהרליך און קרושעוואַן אַלס בעאַמטער אין דעם בילדונגס-מיניסטעריום. די בעשטראָפטע פּאָגראָם-מאַכער און יודען-מערדער ווערען טאָג-טעגליך אַלץ מעהר און מעהר בעגנעדיגט פונ׳ם קייזער. איין אָבטיילונג פונ׳ם פעראיין פון די עכט-רוסישע האָט בעקומען אַנ׳אַלערהעכסטע דאַנק-טעלעגראַמע פאַר איהרע פּאַטריאָטישע געפיהלען. דער „פעראיין״ פערעפענטליכט אַ טעלעגראַמע אויפ׳ן נאָמען פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט מיט דער בקשה, צו לאָזען אויך אויף ווייטער די פעלדגעריכטען, און אין דער דאָזיגער טעלעגראַמע שטעהט: מיר ווייסען, אונזער טייערער פאָטער, ווי שווער דיר איז, איינצוהאַלטען אַזאַ בעשטראָפונג; האָבען מיר דען נישט רוסישע נשמות? בעדאַרפען מיר דען דעם טויט פון אַ מערדער אפילו, אויב ס׳וואָלט נאָר מעגליך זיין צו לעבען אין רוסלאַנד אָהן דעם? טהו אָבער אַ קוק, קייזער, וואָס עס טהוט זיך אין אונזער גרויסען לאַנד: קוק זיך נאָר אַרום און זעה, ווי דאָס גוטע האָט זיך בעהאַלטען און עס זענען אַרויסגעשוואומען נאָר די פסולת, וואָס זענען דורשטיג נאָך בלוט, ווייל זיי זענען פון אַזאַ נידעריגער אָבשטאַמונג, בעשטראָף אונז נישט, טייערער קייזער, וואָס אויף דיין צורוף צו די טרייע זיהן פון רוסלאַנד, צו שיקען אין די דומאַ אַריין די בעסטע מענשען, האָבען מיר דיר געקאָנט שיקען אַהין נאָר קוים

עפעס מעהר ווי אַ הונדערט, און די איבעריגע זענען — די ערגסטע מענשען. מיר האָבען זיך געסטאַרעט, געמוטשעט זיך, געליטען אין קאַמף, אָבער דיינע מיניסטאָרען האָבען פערנאַרט דעם רוסישען מענשען, און מיר קאָנען גאָרנישט מאַכען. בעזייטיג, קייזער, די יודען פון די וואַהלען—און אונזער לעבען וועט ווערען, ווי עס דאַרף זיין. זיי האָבען דאָך נישט מיטגעהאָלפען בעשאַפען דאָס רוסישע לעבען, נאָר פערקעהרט, זיי האָבען חרוב געמאַכט אַלע פעלקער, מיט וועלכע זייער גורל האָט זיי צונויפגעבראַכט. וואָס בעדאַרף מען זיי דאָ אין רוסלאַנד? מען קאָן נישט צוגלייך האַלטען מיט די רוסען און געבען יענע די מעגליכקייט חרוב צו מאַכען אונזער מלוכה! טהו באמת אַ קוק, קייזער, וואָס עס טהוט זיך אין רוסלאַנד: די נידעריגע און די העכערע שולען ווערען רעוואָלוציאָניזירט און ווילד, דאָרט וואו אין זיי קומען אריין יודען. די אַרמעע ווערט אויסגעלאַסען דורך איהר מגע־ומשא מיט יודען. די קאָזאַקען זענען געבליבען אויסגעצייכענט מיט זייער געטריישאַפט, ווייל אַהין לאָזט מען נישט צו קיין יודען. דער האַנדעל, דאָס האַנדווערק, די אַדוואָקאַטור, די מעדיצין, וואו נאָר עס זענען אַריינגעדרונגען די יודישע כוואַליעס, זענען דורך זיי דעמאָראַליזירט געוואָרען. די יודען האָבען פערכאַפט אין זייערע הענד כמעט דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע פרעסע. די רעוואָלוציע וואָלט שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, ווען די יודען וואָלטען זי נישט שטיצען, ווייל זיי ווילען אויף דעם אומגליק פון די רוסען גרינדען דאָס גליק פון די יודען. מען וואָלט זיי קאָנען צולאָזען אפילו אין די דומא אַריין אויך — אָבער נאָר אַלס עקספערטען, בשעת מען וועט רעדען וועגען זייערע אינטערעסען. אָבער ווי קאָן דאָס זיין, אַז נישט־קריסטען זאָלען בעשטימען פראַגען, וואָס קעהרען זיך אָן מיט דעם לעבען פון קריסטען?"...

בקיצור, מען אַרבייט אויף אַלע כלים — די אַרבייט איז לויט אַ בעשטימטען פלאַן, לויט אַ בעשטימטען סיסטעם. דערווייל געהט אויך דער פרעמיער־מיניסטער נישט לעדיג, און אַרבייט אויך פון זיין זייט, וואָס ער קאָן, כדי צוצוקומען צום זעלביגען צ"על. אין איינעם פון די לעצטע טעג האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אין די דומא זאָל קיינער נישט צוגעלאָזען ווערען, חוץ די דעפוטאַטען. מען האָט

נישט צוגעלאָזען צו דער דומא אפילו די זשורנאַליסטען, וועלכע האָ־בען געהאַט איינטריטס־קאַרטען פונ׳ם דומא־סעקרעטאַר טשעלנאָקאָוו; מען האָט נישט צוגעלאָזען קיינעם אפילו אין דער גאַרדעראָבע אַריין. דער פּרעזעס פון דער דומא און דער סעקרעטאַר האָבען טעלעפאָנירט צו סטאָליפּינען, און האָבען בעקומען אַ תשובה, אַז קיינער וועט נישט צוגעלאָזען ווערען. דאָ האָט זיך מיישב געווען גאָלאָווין און האָט טעלעפאָנירט, אַז באופן זה וועט ער אויך נישט צולאָזען קיינעם אין דער רעכטער לאָזשע, חוץ די מיטגלידער פון דעם רעגירונגס־ראַט און דעם דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס. אָט דאָ איז געקומען די תשובה פון סטאָליפּינען, אַז ווען אַזוי וועט ער פון זיין זייט נישט ערלויבען „קיין שום פּובליקום צוצולאָזען צו דער רעגירונג״. גאָלאָווין האָט זיך איינ־געעקשנ׳ט און איז געבליבען ביי דאָס זייניגע. די טעלעפאָנישע אונ־טערהאַנדלונגען האָבען דערוייל אויפגעהערט. בין כך וכך האָט דאָס דומא־פּרעזידיום אָנגענומען דעם בעשלוס, נישט צוצולאָזען צו דער דומא די מענשען פון דער „געהיים־פּאָליציי״, נישט אין דעם זאַל פון די זיצונגען און נישט בשעת די פערהאַנדלונגען, און אַזוי אויך זאָל דער דומא־אויפזעהער הייסען אַרויסגעהן אַלע „פרעמדע״, וועלכע ווילען זיין ביי דער זיצונג; צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע געהערען אַלע בעאַמ־טע פון די פערשידענע מיניסטעריומס, וועלכע קומען אַריין אין די לאָזשע לינקס פונ׳ם פּרעזידענטס אָרט. אַזוי זעהט אויס דאָס פּורים־שפּיעל פון דער דומא! אַזוי ווערט געאַרבייט סיסטעמאַטיש, אום די דומא צו ברענגען צום שטורץ!

און דאַן איז מען געגאַנגען נאָך איין שריט ווייטער. מען האָט געלאָזען דעם פּראָפעסאָר מאַרטענס שרייבען זיין אַרטיקעל אין דער „טיימס״, אַז די דומא איז נישט אַרבייטספעהיג און די דומא־לייט זענען גראָבע, אונוויסענדע יונגען און ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה ווי נאָר די דומא צו צעטרייבען — און דער דאָזיגער אַרטיקעל האָט געטהון דאָס זייניגע און האָט אָנגעמאַכט אַ בהלה אין דער וועלט און גאַנץ בעזונדערס אין רוסלאַנד זעלבסט. הויפּטזעכליך, טענה׳ט דער בעקאַנטער פּראָפעסאָר, דער „טשינאָווניק״ פון אונזער מיניסטעריום פון אויסערן פאַר בעזונדערס וויכטיגע ענינים, מוז מען ענדערען דאָס וואַהל־געזעץ; פּויערים און יודען און אַרבייטער טאָרען נישט צוגעלאָזען

ווערען צו די וואַהלען. דער צוועק איז קלאָר: מען האָט אָנגעשיקט
פּראָפעסאָר מאַרטענס, כדי דער דומא צו מאַכען אַ שם־רע און כדי
פאָרצובערייטען אייראָפּא דערויף, אַז מען ועט זי צעטרייבען, אגב
וויל מען דערווייל אָבשרעקען די דעפּוטאַטען אין דער דומא, וועלכע
פערטרעטען די אינטערעסען פון די פויערים און די יודען און די
ארבייטער, זיי זאָלען נישט פון דער רעגירונג צופיעל פאָדערען ביי
די פערהאַנדלונגען פון די דאָזיגע אינטערעסען. יודען, למשל —
וואָס קאָנען נאָך יודען, אָדער זייערע פערטרעטער, מישטיינס געזאָגט
פאָדערען און פערלאַנגען, נאָך דעם ווי זיי האָבען געקריגען אַזאַ פּאַטש
אין פנים אַריין? די קאַדעטען האָבען אַוועקגעזעצט אַן׳עקסטרא
קאָמיסיע צו בעקלערען די יודען־פראַגע, דער פאָרזיצענדער איז ווי־
נאַווער און אין די קאָמיסיע זענען אַריינגעגאַנגען די דעפּוטאַטען
טעסלענקאָ, ראָדיטשעוו, אַדושעמאָוו, בולהאַקאָוו, קיזעוועטער, קוזניע־
צאָוו, גאָלונאָוו, יערעניעוו, סעלינאָוו, רוביסאָוו, אַבראַמסאָן, העססען,
דער צווייטער העססען, פערגאַמענט, שאכטאנטינסקי, האַסמאַעדאָוו, חאַן־
חויסקי, סולטאַן־קאַראַטאַיעוו, עלדאָרכאַנאָוו, פּאַרטס, לעאָנאַס, קאָטלאַ־
רעווסקי, פּעטראַזשיצקי, קולישער און סליאָזבערג — כמעט אַלע אָנגע־
זעהענסטע מענשען פון דער פּאַרטיי און איבערהויפּט פון דעם אינ־
טעליגענטען רוסלאַנד — אָבער וואָס קאָנען זיי אייגענטליך טהון נאָך
אַזאַ ברוך־הבא? וואָס פאַר אַ ממשות קאָן האָבען אונזער גאַנץ טהון
און אַרבייטען, ווען די ליעבע רעגירונג שטעהט אויף איהר אַלטען
שטאַנדפונקט און לאָזט אונז אויפפיהרען קאָמעדיעס, ווי, למשל, די
קאָמעדיע איצט אין דעם פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר היינטיגע
וואָך אין ביאַליסטאָק וועגען דעם דאָרטיגען פּאָגראָם? די
רעגירונג לאָזט דאָך מן הסתם דעם דאָזיגען פּראָצעס דווקא איצט
גראָד, אין דער געפעהרליכסטער צייט, אויפפיהרען, אום צו ווייזען
וועמען מען בעדאַרף, אַז עס קומט גאָר קיין שטראָף נישט פאַר אַזעלכע
מעשים! וואָס קאָנען אונז נוצען אַלע אונזערע קאָמיסיעס און אַלע
אונזערע חכמות?

פּראָפעסאָר מאַרטענס איז גערעכט: אַ גרויסער טייל פון אונ־
זערע דומאַ־דעפּוטאַטען זענען עפּעס נישט אַזעלכע וואַזשנע פאַרשוינען.
אַבער יעדעס לאַנד האַט אַזאַ פּאַרלאַמענט ווי עס פערדיענט! רוסלאַנד

קאָן נישט האָבען קיין בעסערס. רוסלאַנד האָט פיעל אונגעבילדעטע אין זיין דומאַ — ווייל רוסלאַנד אַליין איז אַזוי ווענינ געבילדעט. רוסלאַנד׳ס פערטרעטער ציהען איינער אַהין און איינער אַהער — ווייל דאָס גרויספירשטענטום מאָסקוואַ אַליין האָט אין זיך איינגעשלונגען אַזויפיעל פרעמדע עלעמענטען, וועלכע רייסען זיך נאָך ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג אַ מינוט אַהין אַ מינוט אַהער. רוסלאַנד׳ס פערטרעטער זענען אָהן ליעבע צום לאַנד — ווייל רוסלאַנד איז נישט געווען קיין מוטער, וועלכע האָט צוגעטוליעט צו זיך די געזעלשאַפטס־קלאַסען און די צעהנדליגער פעלקער, וועלכע זי האָט. פון פערפאָלגונג ווערט נישט געבוירען קיין אחדות, פון אונטערדריקונג קאָן נישט אַרויסקומען קיין ליעבשאַפט. די דומאַ אָטעמט מיט שנאה — ווייל זי קומט אַרויס פון אַ מלוכה, וואו דער דעספּאָטיזם און די אונגערעכטיגקייט איז געווען די אַטמאָספערע און בעליידיגונג און ערנידערונג איז געווען דאָס טעגליכע ברויט, מיט וועלכען מען האָט געמוטשעט פעלקער און גערייצט מענשען. רוסלאַנד, ווייל עס איז אַזוי גרויס, אַזוי ווייט, אַזוי פערשידען אין זיינע פעלקערשאַפטען און זיינע בעדערפנישען זענען אַזוי אונענדליך און פערשידען, קאָן ווייניגער ווי אַלע מלוכות געפיהרט ווערען דורך איין ווילען. צוריקגעהן צו דעם, וואָס איז געווען, צוריק צו דעם צושטאַנד פון פאַר דעם 30־טען אָקטאָבער, איז נישט מעגליך, צוליעב דעמזעלבען טעם וואָס נאָך פרייטאָג מוז ווערען שבת, און נישט צוריק דאָנערשטאָג. דאָס לאַנד אַליין איז אַ וואונדער־לאַנד, און די געגענזאַצען זענען שאַרף ווי אין קיין לאַנד אין דער וועלט. איך קען פיעל רייכע הויפּט־שטעדט אין רייכע לענדער; אין קיינער פון זיי האָב איך נישט געזעהן אַזאַ ים מיט געלד, אויסגעגעבען אַזוי לייכט ווי אין פּעטערבורג. דאָרט צעהלט מען זעלטען די סומעס, וועלכע מען נעהמט אָדער מען גיט. יעדער האָט אַנ׳אָפענע האַנד, ווייל אין ערגעץ קומט נישט אָן געלד אַזוי גרינג. אָבגאָבען, איינקונפטען, בעשטעכונגען שווימען צו פון ברעג אַמור און פון ברעג טערעק. אין איין און דעמזעלבען טאָג קומט־אויס אַמאָל אַ גרויסען פאַרשוין צו געהן אויף צוויי אָדער דריי פריהשטיקען אין קובאַ׳ס רעסטאָראַן. אָדער זענען געקומען ספעקולאַנטען פון באַקו און בעשיטען אַלעמען מיט גאָלד, ווייל עס האַנדעלט זיך מכוח מיליאָנען־

ספעקולאַציע. און אַז די פּאָהרען אַרויס, קומען ווידע אַנדערע פון אַלטיי, און דאַן ווייטער און ווייטער. רוסלאַנד האָט די רייכסטע הויפּטשטאָדט, אין איהר זענען דאָ די גרויסאַרטיגסטע טעאַטערס, די בעריהמטעסטע אין טייערסטע זינגערס, די רעסטאָראַנס, וואו מען פּער־שווענדעט צעהנדליגער טויזענדער — דערפאַר אָבער איז דאָ דער שאַרפסטער געגענזאַץ און עס זענען דאָ גובערניעס מיט דער בעסטער, רייכסטער ערד, וואו דאָס פּאָלק שטאַרבט טאָג־טעגליך אין די הונ־דערטער פאַר הונגער און נויט און אָרימקייט. נאַטירליך אָבער וויל נישט און קאָן נישט אַ ביוראָקראַטיע אַרויסגעבען אַזוי מיר נישט, דיר נישט די ממשלה פון דער האַנד, אַ ממשלה, פון וועלכער דער קלענסטער זאַמעלט אָן צעהנטויזענדער, און דער גרעסערער מיליאָנען און דער נאָך גרעסערער — צעהנדליגער מיליאָנען אין דער קירצעסטער צייט פון זיין קאַריערע. עס איז אַ גאָלדגרוב, טייערער ווי הונדערט קאַליפאָרניעס. עס איז גענוג אַפילו, ווען איך זאָל בלויז רעכענען דאָס געלד, וועלכעס ווערט זיי אויסגעצאָהלט בהיתר — די „לעגאַלע" קאָסטען. דער רעגירונגס־ראַט, די קאַנצעלאַ־ריע פון מיניסטאָרען־קאָמיטעט און די הויף־קאַנצעלאַריע קאָסטען 418,000 רובעל; דער סינאָד, דאָס קאָנסיסטאָריום, די קלויסטערס, די גייסטליכקייט — 14,578,000 רובעל; דער הויף און די קייזערליכע פאַמיליע — 12,845,000 רובעל; מיניסטעריום פון אויסערן — 4,040,000 רובעל; קריעגס־מיניסטעריום און זשאַנדאַרמען (אויסער די סאָלדאַטען און אָפיצירען) — 30,104,000 רובעל; פינאַנץ־מיניסטעריום — 59,131,000 רובעל; פלאָט־מיניסטעריום — 3,329,000 רובעל; מיניסטעריום פון ערד־אַרבייט — 12,458,000 רובעל; דאָס אינערן־מיניסטעריום — 78,091,000 רובעל; דאָס קאָמוניקאַציאָנס־מיניסטעריום בעקומט פּענסיע 5,500,000 רובעל; דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום — 628,000 רובעל; דאָס קאָנטראָל־מיניסטעריום — 9,143,000 רובעל; די פערוואַלטונג פון די פערד־שטאַלען — 107,000 רובעל; פּענסיע פאַר טשינאָווניקעס, שטיצע פאַר אַלמנות א.ז.וו. 40,000,000. אַלעס צוזאַמען: 275,218,000 רובעל. — איך בעט אייך, ווער וויל דאָס אַזאַ גאָלדען געשעפט אַזוי לייכט אַרויסגעבען פון דער האַנד? און אין מיטען מאַכט זיך נאָך, אַז די רעגירונג שענקט אַוועק עפּעס אַ טשינאָווניק אַ הויז אינ'ם יאָהר 1882, און דער דאָזיגער פערלאַנגט אַ צוגאָב 15,000 רובעל אויף רע־

מאָנט, און די רעגירונג צאָהלט איהם יעדעס יאָהר צו 15,000 רובעל ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג, סך-הכל אַ קלייניגקייט פון 375,000 רובעל נאָר ביז אַהער. און אַזעלכע זענען פאַראַן טויזענדער.

דערווייל טהוט אויך די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״ דאָס איהריגע אין דרוקט מענשיקאָוו׳ס אַרטיקלען וועגען יודען. אין איינעם פון זיינע לעצטע אַרטיקלען בעווייזט ער, אַז יודען זענען געווען רעוואָלוציאָנערען פון אייביג אָן. „די נביאים — זאָגט ער — זענען געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי רעוואָלוציאָנערען: גרויזאַמע בעשולדיגער פון מלכים, פון אַלע הערשער, פון רייכע און מעכטיגע, בקיצור בעשולדיגער פונ׳ם גאַנצען פאָלק. זיי — געדענקט נאָר אליהו הנביא — האָבען זיך אַראָבגעלאָזען פון די הויכע בערג ווי די וואָלקען, אָנגעפילט מיט דונערען און בליצען. בליצען פון ווערטער, שטורמען פון געדאַנקען. טיראַנען אין זייערע פּאַלאַצען האָבען פאַר זיי געציטערט, ווייל זייערע קללות זענען געוועהנליך איבערגעגאַנגען אין אַן׳אויפרוף צו אַ בונט און אַן׳אויפשטאַנד. מען דאַרף נאָר עפענען די ביבעל, אום צו זעהען, אַז זיי זענען געווען נישט אַזוי גלויבענס-לעהרער, ווי פּאָליטישע קעמפער, נישט אַזוי זיטען-קריטיקער, ווי סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרען. זייער רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע דריקט זיך אויס נישט בלויז אין גרויזאַמער, טיילמאָל אינקוויזיטאָרישער סאַטירע, אין בעשולדיגונגען, וועלכע זענען אָפטמאָל נאָהנט צו רכילות, — נאָר אויך אין אויפרייצען צו אַ פאָלקס-קאַמף. די נביאים זענען נישט געווען ווייט פון געוואַלט, פערקעהרט, זיי זענען געווען אויפהעצער צו ברודער-קאַמף, און אָפטמאָל זענען זיי געווען גרויזאַמע הענקער, אַזוי אליהו, אלישע און נאָך אַנדערע. אליהו האָט מיט זיין אייגענער האַנד אויסגעשאָכטען הונדערטער נביאים פון דער פיינדליכער פּאַרטיי...״ און מענשיקאָוו ווייזט אויף, אַז דער דאָזיגער גייסט פון רעוואָלוציע איז געקומען צו די איצטיגע יודען אין רוסלאַנד בירושה, און אַזוי ווי די פּאַרציייטיגע וועלט האָט זיך אַן׳עצה געגעבען מיט די נביאים און האָט מיט זיי געמאַכט אַ סוף, מען האָט זיי געה׳רג׳עט מיט שטיינער, געברענט און געבראָטען, אַזוי מוז מען אויך איצט מאַכען אַ סוף מיט זייערע יורשים. — דער צוועק פון אַזאַ אַרטיקעל איז קלאָר

פערציגסטער בריעף

אינדערפריה טרייבט מען די דומאַ פונאַנדער, מיטאָגס־צייט הערט גאָלאָווין גוט אויפגענומען אין צאַרסקאָיע סעלאָ און עס איז שוין ווידער שמחה־ששון, פאַרנאַכט הערט זיך, אַז 22 עכט־רוסישע האָבען דעסגלייכען זיך אויסגעפּוצלט אַנ׳אוידיענץ און עס ווערט פונדאָסניי ביטער, אָוועגדס ווערט מען געוואָהר, אַז סטאָליפּין האָט אָנגענומען אַ יודען־דעפּוטאַציע און איז געגען פּאָגראָמען און עס ווערט „ליהודים״, ביינאַכט ווידער געהט מען שלאָפען מיט אַ ביטער האַרץ: עפּעס אַ גרויסער מאַן האָט געזאָגט עפּעס אַ זשורנאַליסט פון אַ גרויסער צייטונג, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען און ס׳איז שלעכט — דאָס איז רוסלאַנד. מען האָט גאָרנישט נויטיג אָנצונעהמען, אַז דאָס אַלעס איז לויטער קאָמעדיע, ניין, מען איז צערודערט באמת׳דיג און יעדע מינוט קאָן דאָס לעבען ווערען אַ קאַטאַסטראָפע; אַ לאַנד, וואו די אַנאַרכיע איז אין גרויסען און אין קליינעם, קאָן נישט אַנדערש זיין. באמת׳דיג ווייסט קיינער נישט, וואָס עס וועט זיין אין דער נעכסטער שעה. נישט אין צאַרסקאָיע סעלאָ, נישט הערר סטאָליפּין, נישט די ווייטזעהעוודיגע געוועזענע מיניסטאָרען, ווי למשל וויטע און דורנאָוואָ, נישט איינער פון די אָנפיהרער פון דער אָפּאָזיציע אָדער זאָגאַר פון די ביי זיך זעהר זיכערע רעוואָלוציאָנערען — קיינער קאָן זיך נישט וואַגען אַרויסצוזאָגען מיט אַ געוויסער זיכערהייט, וואָס אין רוסלאַנד וועט פאָרקומען נישט בלויז אין 10 יאָהר, נאָר אַפילו אין 10 וואָכען, אין 10 טעג אָדער זאָגאַר אין 10 שעה אַרום. וואָס מיט אונזער צווייטער דומאַ וועט זיין און ווען איהר לעצטע זיצונג וועט פאָרקומען, ווייסט קיינער נישט. אין די אַזויגערופענע „הויכע״ ספערען און ביי זייערע מקורבים האָט זיך איצט אַלעס פערדרעהט און פערפּלאָנטערט: רעכטע זענען געוואָרען לינק, לינקע — רעכט, סטאָליפּין איז פּלוצלינג געוואָרען אַ

גאַנצער מליץ־יושר פאַר דער דומאַ, מענשיקאָוו פון דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ" איז געוואָרען אַ בעשיצער פון דער קאָנסטיטוציע און אַ פייערדיגער געגנער פון דער רעגירונג. בקיצור אַ גאַנצער דור הפלגה.— איין זאַך נאָר ווייס איך: אַז די דומאַ זאָל איצט צעטריבען ווערען, איז דאָס אומגליק, וועלכעס וואַרט אויף דעם אומגליקליכען רוסלאַנד, גאָרנישט אויסצודענקען. מעגליך, אַז דאָס פאָלק איז שוין פערמאַ־טערט און וועט קיין כוחות פאַרלויפיג נישט האָבען, צו געהן אין איין אָפענעם קאַמף מיט זיינע געגנער; מעגליך, אַז בעוואָפענטע אויפ־שטאַנדען וועלען איצט נישט זיין, — אָבער פערגעסען טאָר מען נישט, אַז אַ פערשטיקטער ליידענשאַפטליכער צאָרן איז אָפט געפעהרליכער פאַר אַ לאַנד ווי אַן'אָפענער קאַמף. צעטרייבען קאָן מען די רעוואָלו־ציאָנערע עלעמענטען, אָבער זיי אַוועקשאַפען פון דער וועלט קאָן מען נישט, און זיי וועלען גראָבען און מינירען אין פינסטערען, און אַ טעראָר וועט זיך דערוועקען אין רוסלאַנד, ווי די געשיכטע האָט איהם נאָך נישט געזעהן: ראַסען־קאַמף און ברודער־קאַמף און באַנדיטיזם, אַז די שטיינער אין די גאַסען וועלען זיך באָדען אין בלוט.

דערווייל אָבער איז אַלעס וואויל און גוט: גאַלאָווין איז צוריק־געקומען פון דער אוידיענץ אין צאַרסקאָיע סעלאָ מיט אַ לאַכעדיג פנים און סטאָליפין האָט צוגענומען אַ דעפוטאַציע פון יודישע און פון נאָך אַנדערע דומאַ־דעפוטאַטען, וועלכע זענען געקומען רעדען מיט איהם וועגען די פאָגראָמען, וואָס מען ערוואַרט איצט אין רוסלאַנד. מילא די אוידיענץ ווי די אוידיענץ, מען ווייסט וועגען איהר נאָר דאָס איינע, אַז גאָלאָווין איז צוריקגעקומען אַ צופרידענער. אָבער וועגען דער דעפוטאַציע און איהר ווערט קאָן מען זיך גאָרנישט נאַרען. די דעפוטאַטען פערגאַמענט, אַבראַמסאָן, ראַבינאָוויץ, סאַיקאָ, יאַטשינאָווסקי, פרוידא, קיריענקאָ, קאָראָזניעוו און יורעניעוו האָבען געשריבען צוזאַ־מען אַ בריעף צו סטאָליפינען, אין וועלכען זיי האָבען געבעטען אַן' אוידיענץ ביי איהם, כדי צו בעשפרעכען מיט איהם די מיטלען, וועלכע די רעגירונג האָט אָנצונעהמען, אום צו פערמיידען די פאָגראָ־מען, וואָס דאַרפען פאָרקומען אין יודישע שטעדט אין דער וואָך פון פאסחא. סטאָליפין האָט זיי פערבעטען צו זיך, און די הערען זענען אויפ־גענומען געוואָרען אַ טאָג דערויף אין דעם ווינטער־פאַלאַץ. דער ערשטער,

װעלכער האָט גערעדט, איז געװען דער דעפּוטאַט פּערגאַמענט פון אָדעס. ער האָט געהאַט בעװײזען אין די הענד, אויף װעלכע עס שטיצט זיך די מורא פאַר פּאָגראָמען. הויפּטזעכליך האָט ער אָנגעװיזען אויף דער טעטיגקייט פון דעם „פעראיין פון די עכט־רוסען" אין אָדעס און אויף דער בעשיינפערליכער אונטערשטיצונג, װאָס דער גענעראַל קױלבאַרס שטיצט זײ דערבײ. אויף דעם האָט דער פּרעמיער־מיניסטער געענטפערט, אַז מיט דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע האָט אייגענטליך נישט צו טהון דער גענעראַל קױלבאַרס, נאָר דער גענעראַל־גובערנאַטאָר גלאַגאָלין. דאָס הייסט, עס איז אַ טעות אין דער געאָגראַפיע; די מלאכה פון פּאָגראָמען געהער נישט צו דעם און דעם רעסאָרט, נאָר צו יענעם און יענעם. יעדענפאַלס אָבער מוז הערר סטאָליפּין זיין אַביסעל נאַאיװ. װי װייסט ער דאָס נישט, אַז בשעת הדחק װעט מען זיך שוין אַנ'עצה געבען און קױלבאַרס װעט שוין אַריינטרעפען אַפילו דאָרט װאו ער געהער גאָרנישט אַהין. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אין רוסלאַנד איז אַלעס מעגליך. ס'איז מעגליך אַפילו, אַז אַ פּאָגראָם זאָל מאַכען דער, װאָס על־פּי פּאַראַגראַף דעם און דעם ברויכט ער איהם גאָרנישט צו מאַכען. — דאַן האָט גערעדט קיריענקאָ, דער קיעװער דעפּוטאַט, און האָט אָנגעװיזען דערויף, װאָס אין דער לעצטער צייט זענען אָנגעקומען אין קיעװ הונדערטער אַגיטאַטאָרען פון די שװאַרצע מאות, װעלכע רעדען עפענטליך פון אַ שרעקליכען פּאָגראָם, װעלכער דאַרף פּאָרקומען אין קיעװ. אויף דעם האָט דער הערר פּרעמיער געענטפערט, אַז דער דאָזיגער פאַקט איז איהם געװענליך נישט בעװאוסט. דאָס הייסט: מיר האָבען אַ פּרעמיער־מיניסטער אַ גרויסען עניו, װעלכער שעהמט זיך גאָרנישט צו זאָגען, אַז ס'זענען פאַרהאַן אין רוסלאַנד זאַכען, װעלכע ער װייסט נישט. װייסט איין גאָט אין הימעל, װיפיעל זאַכען אונזער פּרעמיער־מיניסטער װייסט נאָך נישט. ס'איז נאָך גוט, װאָס ער װייסט װעניגסטענס די זאַכען, װעלכע זענען שוין געשעהען, װי, למשל, דער פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק און דער פּאָגראָם אין שעדלעץ. מן הסתם װעט ער אויך װיסען פון די נייע פּאָגראָמען, נאָכדעם װי זיי װעלען שוין זיין געשעהען. — דאַן האָט גערעדט דער קאָװנער דעפּוטאַט אַבראַמסאָן, און איהם האָט געענטפערט דער פּרעמיער זעהר איינפאַך: אין קאָװנער

גובערניע איז קיין שום ספק נישט, אַז עס וועט זיין געגצליך רוהיג; דאָרט האָט ער, סטאָליפּין, זיינע גיטער... דאָס הייסט, ווען סטאָליפּין וואָלט האָבען אייגענע גיטער אין אַלע גובערניעס פון רוסלאַנד, וואָלט קיין שום ספק נישט געווען, אַז אין אַלע גובערניעס פון רוסלאַנד וואָלט קיין פּאָגראָם נישט זיין. די לעזונג פון דער יודען-פראַגע אין רוסלאַנד, אויף וויפיעל זי בעציהט זיך אויף פּאָגראָמען, איז אַלזאָ גאַנץ איינפאַך: דער שעף פונ׳ם מיניסטעריום פון אינערן מוז אומעטום האָבען גיטער, דאַן איז מען זיכער, אַז קיין פּאָגראָמען וועלען אין ערגעץ נישט פּאָרקומען. — צום סוף פון דער אודיענץ האָט סטאָליפּין נאָך מבטיח געווען, אַז „פּאָגראָמען וועלען נישט זיין״, „זיי וועלען דערשטיקט ווערען באַלד ווי עס וועט זיך נאָר וואָס ווייזען״, „צו אַלע גובערנאַטאָרען וועט באַלד אָבגעשיקט ווערען אַ צירקוליאַר וועגען דעם, און דער צירקוליאַר וועט ווערען אויסגעקלעבט אין די גאַסען״.

און ווירקליך האָט סטאָליפּין געהאַלטען וואָרט. צו אַלע גובערנאַטאָרען אין דעם יודישען תחום און צו די גענעראַל-גובערנאַטאָרען און צו די שטאָדט-אויבער-אויפזעהער האָט ער געשיקט אַ צירקוליאַר-טעלעגראַמע בזה הלשון: „איך האָב בעקומען נאַכריכטען, אַז צו דעם רוסישען פּאַסחאַ גרייט מען זיך, צו מאַכען יודישע פּאָגראָמען. איך בין איבערצייגט (?) אַז די פאָרשטעהער פון דער רעגירונגס-מאַכט אומעטום נעהמען-אָן אַלע מיטלען (?) צו פערהיטען אַלע מיני גוואַלדטהאַטען, און איך לעג פאָר, אַז כדי צו בערוהיגען די בעפעלקערונג, זאָלט איהר פּובליקירען דורך מודעות אין די גאַסען, אַז יעדע פּראָבע צו מאַכען אונרוהען וועט מען תיכף דערדריקען דורך פּאָליציי-און מיליטער-קראַפט. אין דער איצטיגער צייט איז ביי מיר גאָר נישטאָ קיין שום ספק, אַז די אַדמיניסטראַציע וועט זיך נישט ווייזען שוואַך; נאָר צוליעב איהר פעסטיגקייט, רעכען איך, האָט מען זיך אָנגעהויבען בערוהיגען אין די דערפער. די בעפעלקערונג דאַרף זיין דורכגעדרונגען פון דער איבערצייגונג, אַז די געזעצליכע רעגירונג איז מחויב איינצושטילען באַלד און פעסט אַלע אונגעזעצליכע מעשים, ווייל פאַר פּויערים-אונרוהען און אַנדערע אונרוהען און אַזוי אויך פאַר יודישע פּאָגראָמען וועלען זיין שטרענג פעראַנטוואָרטליך די פאָר-

שטעהער פון דער מאַכט. דער פרעזעס פון מיניסטאָרען־ראַט און מי־ניסטער פון אינערן ס ט אָ ל י פ י ן".

וואויל דעם, וועלכער גלויבט. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס אַזעלכע צירקוליאַרען זענען נישט מעהר גאַנץ ביי און אַז כמעט פאַר יעדען פאָגראָם־סעזאָן האָט מען אַזעלכע פונאַנדערגעשיקט, און חברה האָט אַלעמאָל פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט אַזוי ערנסט געמיינט, און האָט אַלעמאָל געטהון דאָס איהריגע. עס זענען קאַלטע ווערטער. ווען מען וואָלט באמת׳דיג מיינען, די פאָגראָמען נישט צו דערלאָזען, וואָלטען עס געווען גאָר אַנדערע ווערטער. אפשר ווייניגער, אפשר נאָר צוויי־דריי, אָבער גאָר אַנדערע. עס איז גענוג דעם רוסישען קוליגאַן און אפילו דעם רוסישען גובערנאַטאָר נאָר א י י ן וואָרט צו זאָגען, אָבער זעהר בעשטימט, און ער פערשטעהט אויגענבליקליך, צי יאָ אָדער נישט. אַזאַ בעשטימט וואָרט האָט אַמאָל דער גענעראַל־גו־בערנאַטאָר טאָדלעבען אין ווילנא געזאָגט, דענסמאָל ווען איבער רוסלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען גיסען פאָגראָמען, און „א י ך ו ו י ל נ י ש ט, עס זאָלען זיין פאָגראָמען אין מיין גובערניע" האָט ער געשריען, — און פאָגראָמען זענען נישט געווען. און „א י ך ו ו י ל נ י ש ט", האָט געזאָגט אין פאָריגען יאָהר בעשטימט און פעסט דער שטאָדט־הויפטמאַן אין אַ שטעדטעל נישט ווייט פון שעדלעץ, דענסמאָל ווען אין שעדלעץ איז געווען דער פאָגראָם און מען האָט זיך מכין געווען צו מאַכען עפּעס עהנליכעס אויך אין די אַנדערע שטעדטלעך אַרום — און פון די הכנות איז גאָרנישט געוואָרען, און אפילו דאָס מיליטער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכען. פון סטאָליפינס רעדעס און צירקוליאַר האָט מען דעם איינעם איינדרוק, אַז ב ע ש ט י מ ט וועט קיין פאָגראָם נישט זיין אין דער קאָוונער גובערניע, דאָרט וואו ער האָט זיינע גיטער, אָבער אַלעס אַנדערע איז פאָרלויפיג נאָר פראַזע. סטאָליפין שרייבט, אַז ער איז איבערצייגט — וועהרענד אַ קליין קינד אין דער וויעג ווייסט, אַז ער איז כלל וכלל נישט איבערצייגט. סטאָליפין שרייבט, אַז די פאָרשטעהער פון דער רעגירונגס־מאַכט נעהמען אומעטום אָן מיטלען, צו פערהיטען גוואַלד־טהאַטען — וועה־רענד יעדער פון אונז ווייסט, אַז יענע פאָרשטעהער נעהמען כלל וכלל נישט אָן מיטלען, נאָר אדרבא, זיי טהוען אַלעס מעגליכע, דאָס

אומגליק צו ברענגען, מיט אייגענע הענד צו ברענגען, און מיט איי-
גענע הענד פערגיסען זיי דאָס בלוט. און ווייל די ערשטע העלפט
איז אַ ליגען, דערום ווערען יענע פאָרשטעהער אויך נישט איבערציינט
פון דער עהרליכקייט פון דער צווייטער העלפט, און דערום איז אַזאַ
צירקוליאַר קיין גראָשען נישט ווערט. אַזאַ צירקוליאַר קאָן אַמאָל נאָך
גאָר זיין אַ פּראָוואָקאַציע.

צו וואָס זאָלען מיר אַלע חכמות? בעת אין רוסלאַנד איז די
אונבעריהרליכקייט פון דער פּערזאָן נישט פאַרהאַן, איז פאַרהאַן אַ
גרופּע מענשען, וואָס זייער פּערזאָן איז דורכאויס אונבעריהרליך.
די דאָזיגע גליקליכע מענשען זענען די מיטגלידער פונ'ם „רוסישען
פעראיין”, די כוליגאַנעס און די שוואַרצע הונדערטער. און נישט נאָר
דאָס אַליין. אַלע פריי־הייטען, וואָס מיר, די געוועהנליכע בירגער, האָבען
נישט, האָבען די שוואַרצע הונדערטער יאָ. זייערע צייטונגען מעגען
רופען צו פּאָגראָמען, צו בלוט-בעדער און הריגות. אַלע רוסישע פער-
איינען און פערבאַנדען זענען שטרענג פערבאָטען, און דער שוואַרצער
רוסישער פעראיין עקזיסטירט פראַנק און פריי, און גובערנאַטאָרען
און שטאָדט-הויפּטמענער און רעגירונגס-פאָרשטעהער בעטייליגען זיך
אין זיינע שמחות. די באַנדיטען פון די שוואַרצע הונדערטער מעגען
אונגעשטערט מאַכען מיטינגען, מאַניפעסטאַציעס און פּראָצעסיעס. גע-
וועהנליכע בירגער טאָרען קיין געוועהר נישט האַלטען, בילדען בע-
וואָפענטע גרופּעס איז אַ שווער פערברעכען, שטערען די רוהע טאָר
מען נישט; פאַר די שוואַרצע הונדערט אָבער איז נישטאָ קיין שום
פערבאָט און עס עקזיסטירט פאַר זיי קיין שום איינשרענקענד געזעץ
נישט. זייערע בעוואָפענטע באַנדעס רופט מען אָפיציעל „פאָלקס-
קעמפּפער” און זיי זענען כשר, זיי פערגיסען בלוט אין אַלע גאַסען
אָפען פאַר אַלעמענס אויגען, און גאָרנישט. זיי מעגען. גענעראַל-גו-
בערנאַטאָרען גיבען זיי אָב כבוד, ביסקופּען גיבען זיי ברכות. די
שוואַרצע העלדען הרג'ענען מערדעריש הערצענשטיינען, אַלע וויסען,
ווער די מערדער זענען. דער פּראָקוראָר בעפעהלט זיי צו אַרעסטירען—
און די פּאָליציי זוכט די מערדער איבער גאַנץ רוסלאַנד און קאָן זיי
כלומר'שט בשום-אופן נישט געפינען. די מערדער שפּאַצירען פראַנק
און פריי איבער די גאַסען, מען ווייזט אָן אויף זיי מיט די פינגער—

און די פּאָליציי קאָן זיי אַלץ נישט געפינען. מען דער׳הרגעט אויף אַ שרעקליכען אופן יאָלאָסען, עס גיט כלומר׳שט אַ ברען, מען נעהמט זיך צו דער אויספאָרשונג מיט פייער, מען זאָגט אַ ליגען, אַז דער יוסטיץ-מיניסטער אַליין מאַכט וועגען דעם עקסטראַ אַ רייזע — און פון אַלעם לאָזט זיך אויס אַ גאָרנישט, און אַ טאָג שפּעטער לאָזט מען שוין דעם נאָמען נישט דערמאָהנען, און די עכט-רוסישע פייערען עפענטליך זייערע נצחונות —

און איהר ווילט האָבען, אַז איך זאָל גלויבען אַ צירקוליאַר? אין עטליכע ווערטער, גערעדטע און געשריבענע און געדרוקטע, זאָל איך גלויבען?

דעם „פּעראיין", דעם „פּעראיין" זאָל מיר סטאָליפּין אַוועקשאַפען פון דער וועלט, און איך וועל איהם דאַן גלויבען אויך אָהן צירקוליאַר; איך וועל וויסען דאַן, אַז ער מיינט עס עהרליך!

אייננאונפערציגסטער בריעף

היינט, ווען איך שרייב אייך דעם דאָזיגען בריעף, איז דאָס אַ טאָג פאַר דער רוסישער פסחא; ווען דער דאָזיגער בריעף וועט זיין געדרוקט, וועט שוין זיין עטליכע טעג נאָך יענעם יום־טוב — אינצווישען אָבער ליגט יענע פירכטערליכע וואָך, אויף וועלכע יעדער יוד אין רוסלאַנד קוקט מיט אַנגסט און מיט האַרץ־קלאַפּען. דו גרויסער גאָט! וואָס וועל איך אייך האָבען צו שרייבען פון היינט איבער אַכטאָג? — אמת, די רעגירונג האָט אין די לעצטע טעג כלומר׳שט עפּעס געטהון פונאונזערטוועגען. דער מיניסטער האָט געשריבען צירקוליאַרען צו די גובערנאַטאָרען. אַ גרויסער טייל פון די גובערנאַטאָרען האָבען אַרויסגעהאָנגען מעלדונגען, אַז זיי וועלען נישט דערלאָזען צו „אונאָרדנונגען”. אַ נומער פון דער „רוסקאָיע זנאַמיאַ” איז געוואָרען קאָנפיסקירט. אין דער רעדאַקציע פון דער הויפּט־צייטונג פון די שוואַרצע הונדערטער האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע. אין אַ טייל־הויז, וואו די שוואַרצע האַלטען אָב זייערע פערזאַמלונגען, האָט מען כלומר׳שט פערלאַנגט אַנ׳ערלויבניש צו אַזאַ פערזאַמלונג. אין טייל שטעדט האָט מען כלומר׳שט אָנגעזאָגט, אַז ס׳וואָלט זיין רעכט, דאָס די שוואַרצע זאָלען נישט האַלטען ביי זיך קיין געוועהר. בקיצור, די רעגירונג האָט תשובה געטהון און איז כלומר׳שט אַנ׳אָפּענע געגענערין פון דעם פעראיין פון די עכטע רוסען. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס קיינער וויל איהר נישט גלויבען. ווען אַ ליגנער זאָגט אפילו אַמאָל אַנ׳אמת גלויבט מען איהם נישט, און בפרט נאָך ווען עס פרעגט זיך, אויב דאָס איז גאָר אַנ׳אמת. צירקוליאַרען האָט מען אויך אין פאָריגען יאָהר און פאַר צוויי יאָהרען אַרויסגעשיקט — און פּאָגראָמען זענען געוועזען. מעלדונגען פון גובערנאַטאָרען, אַז זיי ורעלען נישט דערלאָזען צו אונאָרדנונגען, זענען אויך געוועזען פאַראַיאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען און פּאָגראָמען זענען געוועזען. אַ שפּיעלכעל פון מוסר־זאָגען די

שוואַרצע הונדערטער איז אויך געווען פּאַראַיאָהרען און אַלעמאָל — און פּאָגראָמען זענען געווען. וואָס נוצט דאָס אַלעס, ווען דער אמת׳ער פערבאָט, דער פערבאָט מיט נאָכדרוק און איבערצייגונג איז נאָך אַלץ נישט געהערט געוואָרען? די דאָזיגע אַלע קליינינגקייטען זענען דערווייל נאָר שפּיעלערייען. אפשר דאַרף מען עס צום עסק; אפשר טויג עס צו דער הלוואה. דערווייל אָבער זענען די „רדיפות", וואָס די רעגירונג „רודפ׳ט" נעבעך די עכט-רוסען, נישט אַזוי געפעהרליך. אָט לייענען מיר פלוצלינג, אַז די שוואַרץ-מאה׳שע צייטונג „וויעטשע", וואָס די רעגירונג האָט פערבאָטען, הויבט ווידער אָן צו אַרבייטען; דער מאָסקווער שטאָדט-הויפּטמאַן האָט געגעבען דער פרוי אימער (דער מוטער פון דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון „וויעטשע") די ערלויבניש, אַרויסצוגעבען אין מאָסקווא נייע פיער צייטונגען אונטער׳ן נאָמען „מאָסקאָווסקאָיע וויעטשע", „רוסקאָיע וויעטשע", „נאַשע וויעטשע", און „נאָוואָיע וויעטשע". אָט לייענען מיר אין דער „רוסקאָיע זנאַמיאַ", ווי די שוואַרצע סטראַשען די רעגירונג אָפּען, אַז זיי וועלען זיך נוקם זיין אָן איהר און וועלען נישט הערען אויף איהרע רייד — און די רעגירונג שווייגט. אָט שרייבט דער בעוואוסטער בולאַצעל אָפּען: „סטאָליפּין פערוועהרט אונז יודישע פּאָגראָמען אין יום-טוב און ערלויבט צו מאָרדען די אמת׳דיגע רוסען" — און די רעגירונג שווייגט. אָט לייענען מיר אין אַ קיעווער שוואַרץ-מאה׳דיגער צייטונג גאַנץ אָפּען אַ בריעף צו סטאָליפּינען: „וועלכעס רעכט האָסטו געהאַט צו פערביטען אמת׳דיגע רוסישע מענשען פּאָגראָמען געגען יודען און איבערהויפּט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו צו שיקען צירקוליאַרען צו די גובערנאַטאָרען?" — און די רעגירונג שווייגט. דאַגעגען אָבער לייענען מיר אַ שטרענגען בעפעהל, נישט צו דערלאָזען קיין שום זעלבסטשוץ — און וואָס דאָס דאָזיגע בעדייט, ווייסען מיר שוין פון דער פּראַקטיק פון פריהערדיגע צייטען. איז נישט דאָס אַלעס אַ שטיקעל קאָמעדיע?

אַמבעסטען ווערט כאַראַקטעריזירט דער איצטיגער געמיטס-צושטאַנד פון יודען אין רוסלאַנד דורך אַ בריעף, וועלכער איז אָבגעדרוקט אין „נאָווי". די רעדאַקציע רופט דעם דאָזיגען בריעף „דאָס וואַרטען אויפ׳ן טויט", און בעמערקט דערצו, אַז דעם בריעף האָט געשריבען אַ פּראָסטער יוד אָהן שום קונצען; ער שרייבט נאָר אַזוי,

ווי עס איז איהם אין האַרצען ביי זיין גרויסער פערצווייפלונג. דער בריעף לויטעט: „די אונגלויבליכע נאַכריכטען, וואָס האָבען זיך פערשפרייט, אַז דער אַרכי־יעפּיסקאָפּ אַרעסטעני מיט דעם דר. דובראָווינעט קאָמפּאַניע האָבען עולה־רגל געוועזן קיין ירושלים, מיט דעם צוועק זיך צו רייניגען פון דער זינד, וועלכע זיי וועלען אפשר טהון, ווען זיי וועלען הרג׳ענען רעוואָלוציאָנערען און יודען — די דאָזיגע אונגלויבליכע נאַכריכטען הויבען אָן צו ווערען אַנ׳אמת. גאַנץ דרום־רוסלאַנד וואַרט אויף דעם טויט, און די קומענדע פּסחא מיט די פּראָצעסיעס פון די עכט־רוסישע פערגרעסערען נאָך מעהר דעם טויט־שרעק. דאָקטוירים בעמערקען, אַז אין דער לעצטער צייט זענען מענשען מאַסענווייז בעפאַלען געוואָרען פון דער קראַנקהייט, וועלכע בעשטעהט אין פערפאָלגונגס־וואַהנזין. אונז — האָבען ערקלערט די איינוואוינער פון יעליסאַוועטגראַד, יעקאַטערינאָסלאַוו, קישיניעוו, אָדעס און קיעוו — אונז שרעקט נישט דער טויט; פערקעהרט, עס איז דאָ מאָמענטען, וואָס עס ווילט זיך מיט איין מאָל מאַכען אַ סוף צו דעם לעבען, איידער זיך אַזוי פּלאָגען אויף דער וועלט. מיר שרעקען זיך נישט פאַר׳ן טויט, נאָר אונז און אונזערע פאַמיליעס שרעקט מעהר דאָס בעגעגנען זיך מיט דעם מערדער, דעם שוואַרץ־מאה׳ניק; עס שטעלען זיך יעדע מינוט רק פאָר די אַלטע בילדער: דאָס אויפרייסען פון בייכער, דאָס צעשניידען פון קינדער, דאָס קלאַפּען מיט נעגעל אין די אויגען. נישט דער טויט — נאָר דאָס וואַרטען אויפ׳ן טויט איז שרעקליך. פּסחא קומט אַלץ נעהנטער, און אין די טעלעגראַמען און אין די קאָרעספּאָנדענצען, איבער׳חזרט זיך אַלץ מעהר און מעהר דאָס וואָרט „פּאָגראָם“. און דאָס דאָזיגע וואָרט בעדייט נישט דער פּאָגראָם אַליין, צו וועלכען מען האָט זיך צוגעוועהנט ווי צו תליות, צו שיסען מענשען, צו פייניגען אַרעסטירטע, נאָר עס איז נאָך חוץ דעם אויך עפּעס גאַנץ בעזונדערס: עס איז דער „פּאָגראָם פון וואַרטען“. זיץ, האַנדעל, עס, טרינק און — וואַרט. וואַרט, אַז אָט־אָט וועט מען קומען און מען וועט אויפרייסען די בייכער דיר, דיין פרוי, דיין מוטער, דיינע קינדער, און מען וועט זיי אָנשטאָפּען מיט פעדערען און אין די אויגען וועט מען אַריינקלאַפּען טשוועקעס. — מענשען, מענשען! ווער איהר זאָלט נישט זיין—

אַלטע אָדער יונגע, קלוגע אָדער נאַראָנים, געלעהרטע אָדער אונגע־בילדעטע, רעכטע אָדער לינקע, מיליטערישע אָדער ציווילע — ווער איהר זאָלט נישט זיין, הערט זיך צו צום רוף פון אומגליקליכע, הייסט מען זאָל אָבשטעלען דעם וואַהנזין פון בלוטפערגיסען, דעם וואַהנזין פון פאָגראָמען!״ — אַזוי ווייט דער בריעף.

גלייכצייטיג לייען איך אין דעם היינטיגען „טאָוואַרישטש״ אַ קאָרעספאָנדענץ פון וויען: אין די לעצטע טעג קומען דאָרט אָן מענ־שען פון אָדעס, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו און קישיניעוו מיט גאַנצע פאַמיליעס; מען אַנטלויפט דאָרט אַהין, אום זיך צו ראַטעווען פאַר דעם היילינגען יום־טוב פון פריעדען, פאַר פּסחא. מענשען לאָזען זייערע געשעפטען אין מיטען און לויפען וואו די אויגען טראָגען זיי. דער קאָרעספאָנדענט האָט גערעדט מיט עטליכע פון זיי. „מיר זענען אַהערגעקומען נאָר אויף אַ קורצע צייט; מיר ווילען דאָ נאָר איבער־קומען דעם יום־טוב, און דאַן פאָהרען מיר אַהיים״. — „מיינע הערען! די דומא אַרבייט דאָך איצט, וואָס האָט איהר מורא? זאָל מען דען ווירקליך גלויבען אין דער מעגליכקייט פון אַ פאָגראָם?״ — „מען זעהט באַלד, אַז איהר, מיין הערר, זענט אַן׳אויסלענדער. ווען איהר וואָלט וואוינען אַזאַ וואָך אָדער צוויי אין אָדעס, וואָלט איהר אַנדערש רעדען. און אין ביאַליסטאָק ווען עס איז דער פאָגראָם געווען, האָט דען די דומא נישט געאַרבייט?״ — אַזוי רעדען די אָדעסער, די קיעווער אָבער דריקען זיך אויס נאָך פיעל שרעקליכער. „די שוואַרצע הונדערטער בעהאַלטען גאָרנישט זייערע פאָרבערייטונגען. נאָך מעהר, זיי זאָגען עפענטליך, אַז זיי נעהמען זיך איצט נישט בלויז צו יודען אַליין, נאָר אויך צו די אינטעליגענטען און איבער־הויפט צו אַלע מענשען, וועלכע סימפּאַטיזירען מיט דער פרייהייט. די פּראָוואָקאַציע און דער טעראָר ווערען געמאַכט עפענטליך, און די פּראָקלאַמאַציעס ווערען פערשפּרייט פון טאָג צו טאָג מעהר״... אַזוי איז איצט דאָס לעבען פון די יודען אין רוסלאַנד.

אמת, די „ראָסיאַ״ (סטאָליפּינס אָרגאַן) האָט דעם מוט געהאַט צו ערקלערען אין איהר לעצטען נומער, אַז „קיין איינציגער פּאָגראָם איז נישט אַרויסגערופען געוואָרען נישט בלויז נישט דורך די דירעקטע מיטווירקונג פון דער אַדמיניסטראַציע, נאָך אפילו אויך נישט דורך

איהר אומדירעקטע מיטווירקונג"• איך מוז מודה זיין, אַז אפילו פון אַזאַ רעגירונגס-צייטונג ווי „ראָסיאַ" האָב איך נישט ערוואַרט אַזאַ געמיינעם און דורכזיכטיגען ליגען, וועלכער איבערראַשט נישט בלויז מיט זיין פרעכהייט, נאָר אויך מיט זיין נאַרישקייט. עס איז ביי אונז נישטאָ קיין קינד אין דער וועלט, וועלכען מען זאָל קאָנען איינרעדען די אונשולד פון אונזער רעגירונג. און דעריבער איז עס פאַר אונז קיין נייעס נישט, ווען די „ריעטש" שרייבט: „איצט נאָך די צאָהלרייכע גערישטליכע אויספאָרשונגען, איז עס פאַר קיינעם נישט קיין סוד, אַז פון דעם בעריהמטען קישיניעווער עקספערימענט אָן, וועלכען פלעווע האָט געמאַכט, ביז די מאַסען-הריגות פון יודען אין אָקטאָבער 1905 לכבוד דער געשענקטער קאָנסטיטוציע, זענען די פאָ-גראָמען אַלעמאָל פאָרגעקומען אונטער דער דירעקטער, אָדער אין בעסטען פאַל, אונטער דער אומדירעקטער מיטווירקונג פון דער אַדמי-ניסטראַציע. דאָס זענען פאַקטען, וועלכע עס האָט פעסטגעשטעלט נישט בלויז די פרעסע, נאָר וועלכע זענען קאָנסטאַטירט געוואָרען אויך דורך די אָפיציעלע בעריכטען, ווי, למשל, דורך דעם אָפיציעלען בעריכט פון דעם סענאַטאָר טורוי וועגען קיעווער פאָגראָם, דורך דעם בעריכט פון דעם מיניסטער-געהילף סאַוויטש וועגען האָמלער פאָגראָם און דורך דעם בעריכט פון דעם ראָטמייסטער פיעטוכאָוו וועגען שעדלעצער פאָגראָם". צו דעם דאָזיגען קאָן מען מוסיף זיין: און דורך דעם בעריכט פון פירשט אורוסאָוו אין דער ערשטער דומא, און דורך דעם דירעקטאָר פונ'ם פאָליציי-דעפּאַרטאַמענט לאָפוכין, און דורך די מיטגלידער פון דער ערשטער דומא, וועלכע האָבען געמאַכט זייער אויספאָרשונג אין ביאַליסטאָק. אַזוי אויך: דורך די אָפיציעלע פעסטגעשטעלטע פאַקטען, ווי דער ראָטמייסטער בודאגאָווסקי האָט אָרגאַניזירט פאָגראָמען אין אַלעקסאַנדראָווסק אָדער ווי דער זשאַנ-דאַרמען-אָפיציר ביעלאָוואָדסקי האָט זיי אָרגאַניזירט אין סימפע-ראָפאָל א. ז. וו. א. ז. וו.

בין כך-וכך איז אין די לעצטע טעג אין די דומא אַריינגע-טראָגען געוואָרען אַנ'אינטערפעלאַציע וועגען דעם שעדלעצער פאָגראָם. אין דער אינטערפעלאַציע ווערט קודם-כל דערצעהלט אין דער אויס-פיהרליכסטער פאָרם אַלעס, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון אין שעדלעץ.

דער בעוויז-מאַטעריאַל איז אַזוי רייך און די פאַקטען אַזוי בולט, אַז קיין שום אָבלייקענונג קאָן נישט מעהר נוצען; מען זעהט בעשיינפערליך אַלעס, וואָס דאָס מיליטער האָט געמאַכט. די אינטערפּעלאַציע איז צום מיניסטער פון אינערן, צום קריעגס-מיניסטער און צום יוסטיץ-מיניסטער און ענדיגט זיך מיט די פראַגען: 1) צי זענען מיטלען, און וועלכע מיטלען, אָנגענומען געוואָרען, אום די שולדיגע איבערצוגעבען דעם געריכט פאַר די אויבען בעשריבענע מעשים? 2) צי זענען מיטלען, און וועלכע מיטלען, אָנגענומען געוואָרען, אַז די ציווילע און מיליטערישע מאַכט זאָל דורך איהר טעטיגקייט אָדער דורך איהר נישט-טעטיגקייט נישט מעהר דערלאָזען צו פּאָגראָמען געגען רוהיגע איינוואוינער בכלל און פּאָגראָמען פון מיליטער געגען יודען בפרט? 3) די אינטערפּעלאַציע זאָל אַריינגעטראָגען ווערען צו דער אינטערפּעלאַציאָנס-קאָמיסיע אָהן שום פריהערדיגע דיספוטען וועגען דעם גאַנג פון דער אינטערפּעלאַציע.

די דאָזיגע אינטערפּעלאַציע איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין די דומא דורך די פוילישע דעפּוטאַטען. גלייכצייטיג מיט איהר איז אויך אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ צווייטע אינטערפּעלאַציע וועגען דעמזעלבען געגענשטאַנד דורך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַזוי אַז די דומא וועט האָבען צו בעראַטען זיך וועגען צוויי אינטערפּעלאַציעס צוגלייך בנוגע דעם שעדלעצער פּאָגראָם.

אַזוי אויך האָב איך ערהאַלטען פון פּעטערבורג די נאַכריכט, אַז באַלד אין דער ערשטער וואָך נאָך די איצטיגע דומא-פעריען וועט בעהאַנדעלט ווערען אין דער דומא די יודען-פראַגע. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דעם „פעראיין פאַר יודען-גלייכבערעכטיגונג" האָט געטיילט צווישען זיך די אַרבייט פון די רעדעס און די דיסקוסיעס אין דער דאָזיגער פראַגע אויף אַזאַ'ן אופן: טעסלענקאָ וועט זיין דער הויפּט-רעפערענט; י. העססען וועט רעדען וועגען דער בעגרענצונג פון די יודישע רעכט אויפ'ן פעלד פון אויפקלערונג; קאַראַוואַיעוו, דער לידער פון די „טרודאָוויקעס", וועט האַלטען אַ גרויסע רעדע וועגען יודען-אַרבייטער; פּערגאַמענט, אַלס עד-ראיה, וועט געבען אַנ'אויספיהרליך בילד פון די פּאָגראָמען געגען יודען; ראָדיטשעוו וועט האַלטען אַ רעדע אין ברייטען סטיל וועגען דער לאַגע אין אַלגעמיין פון די

יודען אין דער גאַנצער רוסישער אימפעריע. חוץ דעם וועלען רעדען צערעטעלי און אַלעקסינסקי וועגען דעם יודישען פראָלעטאַריאַט, און מאַנדעלבערג — דער יודישער נייער דעפוטאַט — וועט האַלטען אַ רעדע וועגען דעם „תחום המושב”.

דערווייל אָבער געהט דאָס אַלעס נישט אין קאָפּ אַריין. דערווייל שטעהט „פּסחא” פאַר דער טהיר. דו גרויסער גאָט! וואָס וועל איך איך האָבען צו שרייבען פון היינט איבעראַכטאָג?

צוויאונפערציגסטער בריעף

די הייליגע „פסחא״ איז אַריבער בשלום: פּאָגראָמען זענען פאַרלויפיג נישט געווען. „פאַרלויפיג״ זאָג איך — און דאָס דאָזיגע וואָרט נעהמט זיך ביי מיר פון אַן׳אָפיציעלער קוועלע: פונ׳ם מויל פון אַ מיניסטער. אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער אויסלענדישער צייטונג האָט אין איינעם פון די לעצטע טעג געהאַט אַן׳אינטערוויו מיט איינעם פון אונזערע גרעסטע מיניסטאָרען, מיט סאַכאַראָוו דעם קריעגס־מיניסטער, וועגען פּאָגראָמען (מסתם ווייסט דאָך דער קאָרעספּאָנדענט, אַז פּאָגראָמען געהערען צום רעסאָרט פונ׳ם קריעגס־מיניסטער־יום) און דער הערר מיניסטער האָט ערקלערט בעשטימט און אויסדריקליך, אַז פ א ר ל ו י פ י ג קאָן מען זיין זיכער, דאָס קיין פּאָגראָמען וועלען נישט פאָרקומען. „איי פאַר וואָס זענען געווען פּאָגראָמען אין די פריהערדיגע יאָהרען, הגם די רעגירונג האָט דעסגלייכען הייליג פער־זיכערט, אַז ס׳וועט גאָרנישט זיין?״ דאָס איז — האָט דער הערר מי־ניסטער געענטפערט — ווייל די רעגירונג האָט דענסמאָל נישט געוואוסט פון די פאָרבערייטונגען; איצט אָבער האָט זי גוט געוואוסט, און האָט דערפאַר געקאָנט עפּעס טהון דאַגעגען. „קאָנען מיר אפשר אויף אַזאַ אופן זיין זיכער, אַז פּאָגראָמען וועלען איבערהויפּט מעהר נישט זיין?״ אין רוסלאַנד — האָט דער מיניסטער געזאָגט — און איבערהויפּט אין די איצטיגע צייטען, קאָן מען קיינמאָל נישט זאָגען מיט בע־שטימטהייט, וואָס אין אַ שפּעטערדיגער צייט וועט זיין אָדער וועט נישט זיין; גענוג, אַז מיר קאָנען פערזיכערען, דאָס פ א ר ל ו י פ י ג וועלען פּאָגראָמען נישט געמאַכט ווערען. ווען די דאָזיגע ווערטער פון דעם מיניסטער וואָלטען זיין תורת משה און איך וואָלט דאַרפען מאַ־כען דעם פירוש רש״י צו דער דאָזיגער תורה, וואָלט איך זאָגען, אַז דער טייטש דערפון איז, דאָס אַוויבאַלד ווי די הלוואה וועט זיין גע־

מאַכט אין אויסלאַנד, וועט קיין שום מניעה נישט מעהר זיין, נישט צו דערלאָזען צו פּאָגראָמען. פּאָרלויפיג שטערט נאָך די הלוואה; פּאָרלויפיג מוז די רעגירונג נאָך עפּעס טהון געגען די פּאָרבעּ־רייטונגען צו פּאָגראָמען. פון פּאַריז אָבער קומט אונז איצט אָן די ידיעה, אַז די הלוואה האַלט שוין נאָהנט ביים אָבגעשלאָסען ווערען. נאָך דעם שלוס פון דער דאָזיגער פינאַנץ-אָפּעראַציע איז נאַטירליך קיין שום גרונד נישט מעהר פאַרהאַן, לענגער צו וואַרטען. מיר קומט פאָר, אַז די גאַנצע דומא אין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט דער פּאָגראָם־פאַבריקאַציע, איז נאָר אַזאַ מין אויטאָמאַט מיט אַ שפּאַלט אין דער זייט, אַריינצוּוואַרפען די מטבע; האָט דער אויסלענדישער באַנקיר אַריינגעוואָרפען די עטליכע גראָשען, קלאַפּט זיך די דומא באַלד צו און עס שפּרינגט אַרויס אַ פּאָגראָם.

און ווי זעהר רוסלאַנד ברויכט די עטליכע גראָשען, דאָס ווייסען מיר ערשט איצט. זי ברויכט זיי צו עטליכע זאַכען, ווי יעדעס לאַנד ברויכט, און אַ חוץ דעם אָבער ברויכט זי דאָס געלד צו טויזענד קלייניגקייטען, פון וועלכע מיר האָבען זיך ערשט איצט דערוואוסט. נאָר וואָס האָט איינער אין מאָסקווא, אַ פּראָפעסאָר אָזעראָוו, אָבגעדרוקט אַ ווערק פון אונגעפעהר 300 זייטען אונטער דעם נאָמען „אויף וואָס מ'גיט אויס דאָס פאָלקס-געלד", און דאָרטען לייענען מיר מעשיות, ביי וועלכע האָר און נעגעל שטעלען זיך קאַפּויר. אמת, פאַר אונז דאָ אין רוסלאַנד איז דאָס גאַנצע קיין נייעס נישט; דאָס שעהנע פון דער גאַנצער זאַך איז נאָר, אַז אַלע פאַקטען זענען גענו־מען געוואָרען פון אָפּיציעלע קוועלען, פון דאָקומענטען אין דעם רע־גירונגס־ארכיוו, צו וועלכע דער פּראָפעסאָר אָזעראָוו האָט געקריגען אַ פּרייען צוטריט לויט אַנ'ערלויבניש פון דעם רייכס־קאָנטראָלער שוואַ־נעבאַך. ערשטענס ווערען מיר געוואָהר, וואָס אונזער רייכס־באַנק טהוט. זי טיילט שבת־אויבס אַלע, וועלכע זענען מקורבים מיט די הויכע פענסטער; אין איינעם פון די לעצטע יאָהרען האָט זי פערטיילט אַזעלכע מיני „הלוואות" גאַנצע 88 מיליאָן און ווער פון די מיוחסים האָט ביי איהר נישט געכאַפּט אַ גמילות חסד? זי האָט „געליהען", למשל, עטליכע מיליאָן דעם סערבישען קעניג מילאַן, אַזוי אָפּט ווי דער דאָזיגער איז געווען אַ נצרך אין געלד אויף עפּעס אַ שאַנסאָ־

נעטקע; זי האָט „געליהען“ עטליכע מיליאָן איינעם אַ דענישען קאָנסול, פאליזען, אַזוי אָפּט ווי דער דאָזיגער איז געוועזן פעשווינדעלט אין זיין פאַפיר־פאַבריק; זי האָט „געליהען“ אפילו דאַן, ווען דער פינאַנץ־מיניסטער האָט געזאָגט אויסדריקליך ניין. איהרע אָפּעראַציעס ווערען אָבגעטהון אין דער פינסטער; עס ווייסען פון זיי נאָר די, וואָס נעהמען און די וואָס געבען; די, וועלכע האָבען די שליסלען, געבען און פרעגען קיינעם נישט. „די רייכס־באַנק — זאָגט אָזוע־ראָוו — איז ביי אונז געוואָרען אַ הויז פון האַזאַרד־שפּיעלער, וואו יעדער קאָן פּרובען זיין מזל. צייטענווייז ברענגט אַזאַ שטיקעל מזל איינעם אַ סומע פון צעהנדליגער מיליאָנען. אָבער טייער, זעהר טייער האָט דאָס שפּיעל געקאָסט דעם אָרימען רוסישען פאָלק“...

נישט קיין קלענערע ראָליע אין געלד־פערשווענדען ווי די באַנק שפּיעלען אויך די אַנדערע רעגירונגס־אונטערנעהמונגען. מיר הערען מעשיות, וועלכע דערמאָהנען אונז „טויזענד און איין נאַכט“. מען האָט געבויט אין פעטערבורג עפּעס אַ האָספּיטאַל פאַר קימפּעטאָרינס. יעדעס בעטעל האָט אָבגעקאָסט די קלייניגקייט פון 17.000 רובעל; אַנ׳אָרגעל האָט מען דאָרט געקויפט, וועלכער קאָסט 23.000 רובעל. צו וואָס אַ האָספּיטאַל האָט נויטיג דווקא אַנ׳אָרגעל, איז נישט גאַנץ קלאָר; מסתמא, לויט אַ רוסישער היגיענע, קומט אויס, אַז מיט הילף פון אָרגעל־מוזיק האָט אַ געווינערין לייכטער דאָס קינד, הויפּטזעכליך ווען מען דער־לאַנגט אַ חשבון, אַז אַזאַ אָרגעל האָט געקאָסט נישט צוויי־דריי טוי־זענד רובעל, ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר דריי־ און צוואַנציג. חוץ דעם קאָסט דעם האָספּיטאַל אַ פוד סאָדע 4 רובעל און אַ פוד זייף 6 רובעל מיט 70 קאָפּיקעס, בשעת דער אמת׳ער מקח איז אַ דריטעל דערפון. — פון דער אָסט־כינעזישער אייזענבאַהן ווייסט פּראָפעסאָר אָזעראָוו אַ היבש ביסעל מעשיות צו דערצעהלען. ביז 400 מיליאָן האָט זי אָבגעקאָסט, אָבער איין גאָט אַליין ווייסט, וואו דאָס געלד איז אַהינגעקומען. געוועהנליך מוז ביי יעדען איינקויף ווערען צוגע־שטעלט אַ צעטעל פון פערקויפער וועגען דעם געגענשטאַנד, וועלכען מען האָט געקויפט און וועגען דעם פּרייז. אָבער כמעט אַלע די דאָ־זיגע צעטלען ביי דעם דאָזיגען אונטערנעהמען זענען ענטוועדער גע־פעלשט אָדער גלאַט נישט געשטויגען, נישט געפלויגען. פיעל פון זיי

זענען אָנגעשריבען עפּעס מיט אַ מלאכים־כּתב, פּאַסעקלעך און דרעהדלעך און דערגליייכען, אַזוי אַז מען זאָל קאָנען מיינען, אַז דאָס איז כינע־זיש. אויף איין אויסגאַבע פון 41 מיליאָן רובעל געפינט זיך אין די ביכער פונ׳ם פינאַנץ־מיניסטעריום נאָר אַזאַ „דאָקומענט״: „אָבגעשיקט דעם הויפּט־אינזשיניער 41 מיליאָן״. אויף וואָס אָבער דאָס געלד איז נויטיג געוועזן — נישט איין וואָרט.

נישט קיין ערגערע געשעפטען מאַכט די רעגירונג אויך בשעת זי גיט אַוועק געשעפטען אין די הענד פון פּריוואַטע ליפעראַנטען. מען צאָהלט אָפט דאָס דריי־און פיער־פאַכע פאַר יעדען געגענשטאַנד און סחורה קריגט מען, וועלכע איז ערגער אום דאָס צעהנפאַכע. אָפט גיט מען אָב אַ ליפערונג, וועלכע מען מוז אויפ׳ן מיסט אַרויסוואַרפען; ווייל אָבער דער בעטרעפענדער בעאַמטער האָט דאָס געלד שוין פריי־הער אויסגעצאָהלט (אָפט זענען עס מיליאָנען) און ווייל על־פּי־רוב האָט מען געמאַכט דערביי אַ שטיקעל יחלוקו, דערפאַר מוז די ליפערונג כּלומר׳שט אָבגענומען ווערען. אַזוי געהט עס צו מיט די ליפערונגען פאַר דעם פלאָט־מיניסטעריום; אַזוי — מיט די ליפערונגען פאַר די אייזענבאַהנען; אַזוי — מיט די ליפערונגען פון די שנאַפּס־מאָנאָפּאָלען פונ׳ם פינאַנץ־מיניסטעריום (פאַר צעבראָכענע פלאַשען אין די שנאַפּס־מאָנאָפּאָלען אין מאָסקווא אַליין איז אויפגעשטעלט אַ סומע פון 60.000 רובעל); אַזוי איז עס אויך מיט די ליפערונגען פון דעם קריעגס־מיניסטעריום. פאַר איין און דיזעלביגע סחורה האָט מען איינמאָל געגעבען 700.000 רובעל און איינמאָל נאָר 200.000. איינמאָל זאָגאַר האָט מען געגעבען פאַר עפּעס אַ סחורה אונגעפעהר אַ מיליאָן רובעל האַנדגעלד, און דערמיט האָט זיך געענדיגט דאָס גאַנצע געשעפט, דען די סחורה האָט מען גאָרנישט געפאָדערט.

אין דעם העכסט אינטערעסאַנטען ווערק פון פּראָפעסאָר אָזעראָוו געפינען מיר מעשיות, וועלכע האָבען גאַנץ גוט געקאָנט שטעהן אין שמר׳ס אינטערעסאַנטע ראָמאַנען. — נעבען קאַזאַן האָט די רעגירונג עפּעס געדאַרפט לאָזען אַוועקרוימען שטיינער, און דערצו האָט מען געלאָזען מאַכען אַ מעכאַנישען אַפּאַראַט; יעדער קלאַפטער שטיינער אַוועקרוימען האָט דאַן געקאָסט 426 רובעל, וועהרענד אַ פּראָסטער אינזשיניער האָט פערלאַנגט פאַר׳ן קלאַפטער נאָר 32 רובעל. — עפּעס

איינער האָט ערפונדען אַ ספירט־מאָטאָר, און אויף די עקספערימענטען צו דער ערפינדונג האָט ער גענומען פון דער רעגירונג 30.000 רובעל. בשעת דער מאָטאָר איז שוין געווען פערטיג, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אַ שעה אַרבייט אויף איהם, געהייצט מיט ספירט וועט דאַרפען קאָסטען נישט ווייניגער ווי 3.300 רובעל. מיט אַנדערע ווערטער: אויף אַ מינענשיפעל, וואָס קאָסט אינגאַנצען 500 טויזענד רובעל, וואָלט מען געדאַרפט אויסגעבען מעהר ווי 28.000.000 רובעל אַ יאָהר, אום עס צו לאָזען שווימען דורך די קראַפט פון דעם דאָזיגען מאָטאָר! איינער, אַנ׳אינזשיניער ג., האָט געקריגען פונ׳ם פלאָט־מיניסטעריום אַנ׳אונגעהייערע סומע געלד, אום צו מאַכען דעם אונטער־וואַסער־אַפּאַראַט, וועלכען ער האָט אויסגעקלערט. בשעת דער אַפּאַראַט איז שוין געווען פערטיג, האָט דער אינזשיניער נישט געוואָלט זיך אַריינזעצען אין איהם און איהם אויספּרובען. זיין זאַך, האָט ער געזאָגט, איז געווען נאָר דאָס מאַכען; אַריינזעצען זיך אין איהם זאָל — אַ קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט אָבער ערקלערט, אַז דאָס אַריינזעצען זיך איז אַזויפיעל ווי זיך אַריינוואַרפען לעבעדיגערהייט אין וואַסער אַריין, און אַזוי איז געבליבען דער אַפּאַראַט נישט קיין אויספּרובירטער. נאַטירליך האָט דאָס דעם אינזשיניער ווייניג געאַהרט; דאָס געלד האָט ער שוין גע־האַט גענומען זינט עטליכע חדשים. — אין דער צייט פונ׳ם רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג האָט אַ ליפעראַנט צוגעשטעלט פאַר ראָזשדעסטווענסקי׳ס עסקאַדרע קויהלען צו 140 שילינג אַ טאָן און דאָס געלד דער־פאַר האָט ער אָבגענומען במזומנים; נאָך דער טשוסימאַ־מפּלה האָט מען איהם צוריק פערקויפט די איבערגעבליבענע קויהלען, אָבער שוין סך־הכל צו 30 שילינג אַ טאָן און אויף אַ יאָהר הקפה. — אין איר־קוטסקער גובערניע האָט מען צוליעב אַ ליפערונג געדאַרפט האָבען פערד, און די רעגירונג האָט איינגעקויפט פערד צו 60 ביז 100 רובעל אַ שטיק; שפּעטער ביים איבערגעבען האָט מען געלאָזט שאַצען די פערד און מען האָט זיי געשאַצט נישט העכער ווי 30 קאָפּיקעס אַ שטיק און מאַנכע זאָגאַר נאָר צו 7 קאָפּיקעס. איהר איבערלעגט אייך נאָר: 7 קאָפּיקעס אַ פערד.

אַזעלכע מעשיות לייענען מיר אין די הונדערטער אין פּראָפע־סאָר אָזעראָוו׳ס בוך. און איצט נאַטירליך ווייסט איהר שוין, וואָס די

רוסישע רעגירונג מאַכט מיט דעם געלד פון דעם עלענדען פאָלק, און דאַן ווייסט איהר איצט שוין, צו וואָס און ווי זעהר נויטיג די רע־גירונג בעדאַרף ווידער אַ נייע הלוואה. יעדענפאַלס בין איך זיכער, אַז באַלד נאָך דעם בעקאַנט־ווערען פון אָזעראָוו'ס ווערק אין אויסלאַנד, וועלען זיך די הערען באַנקירען דאָרט בעאיילען מיט דער נייער הלוואה, שוין פראָסט פון רחמנות וועגען. עס איז דאָך גלאַט אַ צער־בעל־חיים צו קוקען, ווי די רעגירונג שטעהט און קראַצט זיך אין די קעשענעס און בעדאַרף נעבעך דאָס געלד צו אַזעלכע הייליגע צוועקען. חוץ דעם בין איך זיכער, אַז אַזויבאַלד ווי דאָס נייע געלד וועט זיין, וועט זיך אָנהויבען אַ סדרה פון פּאָגראָמען — און אויב אַזוי, טאָר דאָך דאָס אויסלאַנד אַוודאי ובוודאי שוין נישט לענגער לאָזען רוסלאַנד וואַרטען אויף דעם גמילות־חסד.

נאַטירליך האָט מען דערוויל יוצא געווען, אַז מען האָט אַריינ־געטראָגען אין די דומא אַריין אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגען אָבשאַפען אַלע בעגרענצונגען פאַר יודענס וועגען; אין איינער פון די ערשטע דומאַ־זיצונגען נאָך די יום־טוב־פעריען וועט ווערען בעהאַנדעלט די יודען־פראַגע. אַז איך וואָלט קענען אַביסעל וועניגער רוסלאַנד, ווי איך קען עס, וואָלט מיך אַזאַ זאַך אפשר געפרעהט; פאָרט עפּעס אַ טריט ווייטער. אַזוי אָבער ווי איך קען מיין פאַטערלאַנד און קען מיינע מענשען און קען מיין ליעבהאַרציגע רעגירונג, ווייס איך, ווי נאַריש דאָס גאַנצע איז. עס וועט העלפען דער יודישער זאַך ווי אַ טויטען באַנקעס. קודם־כל מוז מען וויסען, אַז די יודען־פראַגע וועט נישט ווערען בעהאַנדעלט אַלס יודען־פראַגע אַן און פאַר זיך, נאָר עפּעס אַלס צוטשעפּעניש צו דער פראַגע וועגען געוויסענס־פריי־הייט. אַזוי ווי מען האָט אַריינגעטראָגען איצט אין די דומא אַריין דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגען געוויסענס־פרייהייט, ווילען די קאַדעטען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט אויך בעהאַנדלען די פראַגע פון די בעגרענצונגען פאַר יודענס וועגען. נאַטירליך, חעט דערויף די רעגי־רונג קאָנען האָבען טויזענד תירוצים; זי וועט קאָנען איינפאַך זאָגען, אַז ביי דעם פּראָיעקט וועגען געוויסענס־פרייהייט שטעהט בפירוש אַ קליינע אָנמערקונג אַז „צו יודען און פּאָליאַקען האָט עס קיין שייכות נישט”, דען די דאָזיגע פעלקער זענען בעגרענצט אין זייערע רעכט

נישט צוליעב זייער גלויבען, נאָר צוליעב זייער נאַציאָן. — חוץ דעם אָבער מוזען מיר נאָך עפּעס אַנדערש אויך וויסען: פון פּעטערבורג, למשל, קומט אונז היינט אָן די נאַכריכט, אַז די הויכע ספערען האָבען צו וויסען געטהון די קאַדעטען, דאָס די בעהאַנדלונג פון דער יודישער פראַגע אין דער דומא גראָד איצט וועט אַוודאי ובוודאי ברענגען דערצו, אַז די דומא וועט מוזען ווערען פונאַנדער-געטריבען. עס איז די אַלטע קאָמעדיע מיט דעם פונאַנדעריאָגען, וועלכע מען שפּיעלט ביי יעדער געלעגענהייט. נאַטירליך אָבער איז גענוג אַזאַ וואונק פון אויבען, אַז די קאָמיסיע פון די הערען קאַ-דעטען זאָל זיך נישט צופיעל מוסר נפש זיין וועגען דער יודען-פראַגע. עס לויהנט נישט וועגען אַזאַ „קליינגקייט״, די דומא צו שטעלען אין אַ סכנה!

דרייאונפערציגסטער בריעף

אין לאָנדאָן זענען זיך צוזאַמענגעפאָהרען די רויטע, און אין מאָסקווא — די שוואַרצע. ווער נאָך קומען אַ צייט, אַז דאָס וועט זיין אומגעקעהרט? אַז די, וועלכע קעמפען פאַר פרייהייט און מענשליכע רעכט און פערלייכטערונג פון לעבען און פערברידערונג, זאָלען קאָנען אָבהאַלטען זייערע בעראַטונגען אין זייער היימאַט, אינ׳ם „האַרץ פון רוסלאַנד," אין מאָסקווא, און די, וועלכע פרעדיגען אומעטום און אַלע-מאָל מאָרד און טויט-שלאָג און מאַסען-פאָגראָמען און קרייץ-צוגען און גיפטיגע שנאה, זאָלען מוזען זוכען אַנ׳אָרט פאַר זיך און זאָלען עס אין ערגעץ נישט געפינען ווי נאָר אין איין לאָנדאָן, ווייל דאָס דאָזיגע לאָנדאָן גיט גאַסט-פריינדשאַפט אפילו די אויסגעוואָרפענסטע בעשעפע-נישען? אַז די, וועלכע ווילען אייגענטליך נאָר בעפעסטיגען און אויס-פיהרליכער מאַכען דאָס, וואָס אַ קייזערליך וואָרט האָט איינמאָל געגע-בען, זאָלען אין זייער פאָטערלאַנד זיין די אָנגעזעהענע און די געזוכטע, און די, וועלכע ווילען דורכאויס אָװעקשאַפען פון דער וועלט דעם בע-גריף פון יעדער פרייהייט און קעמפען אַפּילו געגען דעם, וואָס אַ קיי-זער אַליין האָט געגעבען, זאָלען זיין די גערודפ׳טע און די נישט-גע-דולדעטע? — דערוויילל איז עס נישט אַזוי; דערווייל פאָהרען זיך צונויף אין לאָנדאָן די רויטע און אין מאָסקווא — די שוואַרצע. שרעקט אייך נישט, איהר לאָנדאָנער! עס זענען אפילו „רויטע", אָבער זיי זענען גאָר-נישט אַזוי געפעהרליך, ווי מען זאָגט אייך. איהר מעגט צוגעהן דרייסט צו יעדען, איהר מעגט בעטען ביי דעם און יענעם גאַנץ דרייסט אַ שוועבעלע אָדער אַביסעל פייער פון אַ ציגאַר און מעגט זיכער זיין, אַז דער בעטרעפענדער וועט נישט אַרויסנעהמען עפעס אַ טייוועלס-מאַ-שין, ווי מען נעהמט אַרויס אַ שמעק-טאַבאַק, און וועט אייך דערלאַנגען; אַזאַ רויטער איז גאָרנישט אַזוי שרעקליך, ער טראָגט גאָרנישט ביי

זיך קיין באָמבעס אין וועסטענטעשעל און עסט אויך נישט קיין באָמבעס יעדען טאָג אונטער דער יויך. זיי האָבען אַנ׳ערגערען שם, ווי זיי זענען; בחינם נעבעך האָט מען זיי געלאָזט אַזוי קוועהלען זיך און אַרומלויפען ווי גאָט מיט דער תורה איבער ימים און יבשות, ביז זיי האָבען געפונען אַ שטיקעל עיר-המקלט. אמת, אונזער ליעבהאַרציגע רעגירונג האָט געטהון אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, אום אויך דעם דאָזיגען אָרט פאַר זיי צו פערשפאַרען; עס האָט אָבער נישט גענוצט. דערפאַר אָבער וועט זיך די רעגירונג מיט זיי שוין אָברעכענען ביים אַהיימקומען. ביי די גרעניצען וועט מען זיי מקבל-פנים זיין, און די פערשידענסטע געהיים-פאָליציעס האָבען שוין די בעטרעפענדע אינסטרוקציעס וועגען זיי. אין דערזעלביגער צייט אָבער זיצען זיך ברייט די שוואַרצע אין מאָסקווא און האַלטען אָב זייער קאָנגרעס. זייט פאָרזיכטיג, איהר מאָסקווער! די דאָזיגע לייט רעדען אפילו לויטער מיט גאָט און האָבען הייליגע פאָהנען און דערמאָהנען יעדע ווילע דעם קייזער און דאָס פאָטערלאַנד און די טובה פון די מענשהייט — און מיינען פאָרט נאָר זייערע אייגענע פערזענליכע אינטערעסען. עס זענען אפילו נישט אַזעלכע, וועלכע האָבען פיינד די פרייהייט און יעדע פרייהייטס-בעוועגונג פון איבערצייגונג, נאָר זיי האָבען זיי פיינד, ווייל זיי שאָדען זייערע אייגענע פערזענליכע אינטערעסען. אמת, די רעגירונג האָט צום אָנפאַנג געמאַכט זיך תמ׳עוואַטע און געטהון אַזוי ווי זי וואָלט וועלען זיי פערבייטען דעם צוזאַמענפאָהר. אָבער מיר קענען שוין אונזער רעגירונג. דער סוף איז געווען, אַז מיט פויקען און מוזיק האָט מען זיי בעגעגענט, און גובערנאַטאָרען און שטאָדט-פאָרשטעהער האָבען פאַר זיי אַראָבגענומען די היטלען, און טעלעגראַמען זענען געפלויגען קיין צאַרסקאָיע סעלאָ און פון צאַרסקאָיע סעלאָ צוריק. און זיי זיצען, די גרינגמוטס און די בולאַצעלס און די קרושעוואַנס און די איליאָדאָרס און די פורישקעוויטשעס, און שיטען פעך און שוועבעל אויף די דומא און אויף יודען און אויף מישטיינסגעזאָגט די „קאָנסטיטוציע" און זידלען אפילו דעם „ליבעראַלען", „קאָנסטיטוציאָנעלען" סטאָליפין און רופען צו אַ מלוכה-איבערקעהרעניש; זיי פאָדערען קלאָר און שאַרף, אַז מען זאָל די דומא נישט בלויז צעטרייבען, נאָר מען זאָל זי אויף אַלעמאָל אָבשאַפען און מען זאָל איינפיהרען אַ מיליטער-דיקטאַטור. — די צרה איז נאָר, וואָס

פון די „מיליאָנען מענשען און דאָס גאַנצע פאָלק”, פון וועלכע די עכט-רוסישע האָבען אַלעמאָל גערעדט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ גאָרנישט. געקומען צום קאָנגרעס זענען נאָר עטליכע הונדערט — און דאָס זענען די רעדעלפיהרער אַליין. דאָס פאָלק איז נישט מיט זיי.

ווי זעהר דאָס אייגענטליכע פאָלק איז נישט מיט זיי און דאָס גאַנצע איז בלויז אַ קאָמעדיע פון עטליכע סקאַנדאַליסטען, וואָס די רע-גירונג אַליין האָט אַרויסגעשטעלט, קאָן מען זעהען אויך פון דעם חשבון פון דער הוצאה און הכנסה פונ'ם „רוסישען פאָלקס-פעראיין”, וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרען איצט בשעת'ן קאָנגרעס און וועלכען אַ מאָסקווער צייטונג האָט אַרויסגעקריגען און האָט איהם אָבגעדרוקט. לויט דעם חשבון האָט די הכנסה פונ'ם פעראיין אין יאָהר 1906 גע-גרייכט צו אַ סומע פון נאָר 122 טויזענד רובעל. די קוועלען פון דער דאָזיגער הכנסה בעשטעהט אין אָבצאָהלונגען פון מיטגלידער און פון זייטיגע נדבות. די מיטגלידער-אָבצאָהלונגען האָבען אינגאַנצען אַריינ-געטראָגען נישט מעהר ווי 8 טויזענד רובעל, און אויך דאָס דאָזיגע ביסעל איז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריגקייטען. דערפאַר אָבער האָט דער „פעראיין” בעקומען פיעל נדבות „מן הצד”. אַ גרויסע געלד-שטיצע פון 45 טויזענד רובעל האָט ער בעקומען פון „אַ געוויסען אָרט”. (נישט קיין נאַר קאָן זיך משער זיין, וואו דער געוויסער אָרט איז.) אויסערדעם זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען גרויסע געלד-סומען פון „געוויסע פערזאָנען” (נישט קיין נאַר קאָן זיך משער זיין, ווער די געוויסע פערזאָנען זענען). בכלל זענען די נדבה-געבערס על-פי רוב געצייכענט נאָר מיט ראשי-תיבות. חוץ אַ געוויסער גרעפין קאָ-פוסטאָוו, וועלכע האָט געגעבען 20 טויזענד רובעל, און פירסט שטאַ-כאָווסקאָי, וועלכער האָט געשענקט זיי 5 טויזענד רובעל. — אַביסעל פערטונקעלט איז אויך דער חשבון פון דער הוצאה. סך-הכל איז אויס-געגעבען געוואָרען 143 טויזענד רובעל, וועלכע ווערען צעטיילט אויף פאָלגענדע פאָזיציעס: די קאַנצעלאַריע — 9 טויזענד רובעל, זייערע טיי-הייזער — 22 טויזענד, ליטעראַטור — 76 און נאָך 22 אויף „אָב-היטען דעם פעראיין”. וואָס פאַר אַ מין אָבהיטען דאָס איז, איז נישט געזאָגט, נאָר ווי מען קאָן לייכט פערשטעהן, מיינט מען דערמיט די קעמפער-באַנדעס, וועלכע זיי האַלטען. אין רוסלאַנד נעמליך קאָן מען

קריגען אַזעלכע מעסער-שטעכער שוין פאַר 30-20 קאָפּיקעס אַ טאָג. און אויף אַ פּאָגראָם ווערען אַזעלכע געדונגען, און די דאָזיגע שטע-כען אויגען, רייסען בייכער, קלאַפּען טשוועקעס לויט אַ בעשטימטען פּרייז-קוראַנט. — צום סוף חשבון ווערט אָנגעוויזען אויפ׳ן גרויסען געלד-דעפּיציט, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין די לעצטע חדשים „צוליעב פערשידענע סיבות". ערשטענס איז די הוצאה אויף ליטעראַטור פיעל גרעסער געוואָרען; די „רוסקאָיע זנאַמיאַ" אַליין קאָסט אָב ביז 12 טויזענד רובעל אַ חודש. אַבאָנענטען האָט זי סך-הכל 1700 און אין איינצעל-פערקויף געהט זי נישט מעהר ווי 1000... און דאָס איז די גאַנצע ערליכקייט, אויף וועלכער דער „פעראיין" איז אַזוי שטאָלץ! און דאָס איז אַלזאָ דאָס „פאָלק", מיט וועלכען זיי סטראַשען אונז אַלעמאָל! און דאָס איז די גאַנצע שטיצע, אויף וועלכער אונזערע רעאַקציאָנערען אין דער רעגירונג זעבען זיך סומך! — אַז דער צוזאַמענ-פאַהר זאָל נאָר זיין געווען צוליעב דעם, אום אונז דאָס אַלעס צו חייזען, איז אויך שוין גענוג!

בין כך וכך טהוט דאָס ווירקליכע פאָלק, נישט דאָס פאָלק פונ׳ם „פעראיין", נאָר דאָס פאָלק פון רוסלאַנד, דאָס זייניגע: עס רעוואָלוצי-יאָנירט פון טאָג צו טאָג מעהר. פון די פערשידענסטע עקען און גע-גענדען פון דעם געוואַלדיגען לאַנד קומען אָן מיט יעדער פּאָסט אומ-רוהיגע ידיעות: מען ברענט גיטער און מען ראַבירט תבואה-שפּייכלערס. ס׳קומען פאָר געשלעגען און צוזאַמענשטויסען צווישען די פויערים און דער דאָרפס-פּאָליציי, מען שלאָגט די דאָרפס-בעפעלקערונג מיט נאַגאַי-קעס, מען שיסט פון ביקסען — בקיצור: אַגראַרישע אונרוהען. און זייער צאָהל ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער און זייער כאַראַקטער אַלץ שאַרפער און טיעפער. די קאַלטע רפואות פון דער דומא און אויך די וואַרעמע בערוהיגונגס-מיטלען פון דער רעגירונג העלפען ביי-דע נישט. די פויערים ווי עס ווייזט זיך אויס, זענען מיעד געוואָרען צו וואַרטען אויף די גליקען, וועלכע די דומא וועט זיי אַמאָל געבען, און פון די שמיץ פון דער רעגירונג זענען זיי אויך נישט זאַט געוואָ-רען, האָבען זיי זיך בעשלאָסען, אַליין זיך צו העלפען. פון טולאַ, פון וולאַדימירער גובערניע, פון טווער, פון בעסאַראַבער גובערניע, פון וואָראָניעזש, פון וואָלגער ראַיאָן, פון ראַדאָמער גובערניע, פון ריאַזאַנער

גובערניע, פון סאַראַטאָוו און פון הונדערטער אַנדערע ערטער קומען אָן נאַכריכטען, איינע שרעקליכער פאַר דער אַנדערער. — די רעגירונג האָט דערווייל צוגעשיקט אינסטרוקציעס צו אַלע גובערנאַטאָרען און די בלוט-בעדער האָבען זיך אָנגעהויבען.

דעסגלייכען האָבען אויך די אַרבייטער-קלאַסען, ווי עס ווייזט זיך אויס, ווידער אָנגעהויבען אויפצולעבען. דער רוסישער ערשטער מאַי האָט זיי אומעטום געזעצט אין בעוועגונג, און די דעמאָנסטראַציעס זענען געווען אַזעלכע, ווי מען האָט זיי שוין זינט חדשים מעהר נישט געזעהען. אין פעטערבורג אַליין האָבען געשטרייקט אין דעם דאָזיגען טאָג 90.000 אַרבייטער אין 236 פאַבריקען; צווישען די דאָזיגע אַרבייטער זענען אויך געווען 14.500, וועלכע אַרבייטען אין רעגירונגס-אַנשטאַלטען, די אַרבייטער האָבען געמאַכט אַ פראָבע, אָנצוקריגען אַ דאַמפער אויף דער ניעוואַ און מיט איהם אַרויס אויף אַן׳אינזעל, אום דאָרט אָבצוהאַלטען אַ מיטינג. נאַטירליך איז געוועזען אַ צוזאַמענשטויס צווישען זיי מיט׳ן מיליטער. די פאָליציי האָט אָנפאַנגס נישט געשאָסען, נאָר האָט געאַרבייט מיט די נאַגאַיקעס. דער סוף איז אָבער געווען, אַז גענוג בלוט איז פערגאָסען געוואָרען.

און אויך די אַטענטאַטען און גלאַט אָנפאַלען האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען. אין צאַרסקאָיע סעלאָ איז געווען צוגעגרייט אַ שרעקליכער אַטענטאַט אויף איינעם פון די העכסטע פערשוינען, און איצט ווערען טעגליך הונדערטער מענשען אַרעסטירט. אין וואַרשא איז מען היינט ביי טאָג בעפאַלען אַ רעגירונגס-קאַסע און מען האָט צוגענומען צוויי-טויזענד רובעל מזומן און 88 טויזענד רובעל אין ווערט-פאַפּירען.

וואָס טהוט אָבער די רעגירונג? די רעגירונג איז זיך נוהג מיט די „פרייהייטען״, וועלכע זי האָט געגעבען, אַזוי ווי זי האָט זיך נוהג געווען מיט זיי ביז איצט. די געפענגנישען זענען איבערפולט, די נאַגאַיקעס און די ביקסען אַרבייטען אומעטום, די פייניגונגען אַ לאַ ריגא זענען געוואָרען אומעטום אַן׳אַלטעגליכע ערשיינונג, און אָנשטאָט די אָבגעשאַפטע פעלד-געריכטען אַרבייט איצט דאָס איינפאַכע קריעגס-געריכט און מען הענגט און מען שיסט אָהן אַן׳אויפהער. דאָס איז בנוגע דער פערזענליכער פרייהייט, אָבער בנוגע דער וואָרט-פרייהייט זעהען מיר אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: זינט די צענזור איז „אָבגעשאַפט״

געוואָרען איז די צאָהל פון די צענזאָרען פערדאָפּעלט געוואָרען און די הוצאה אויף דעם צענזור־קאָמיטעט איז פיעל גרעסער געוואָרען. אין חשבון הוצאות פון מיניסטעריום פון אינערן פאַר׳ן יאָהר 1907 געפינען זיך פאָלגענדע ציפערען: מען האָט אסיגנירט: פאַר דער פערוואַלטונג פון פרעסע־אַנגעלעגענהייטען — 74,007 רובעל פאַר די בעאַמטע (18,281 מעהר ווי אינ׳ם פאָריגען יאָהר); פאַר דער קאַנצעלאַריע 20,920 (מעהר מיט 17,920); פאַר ספּעציעלער אַרבייט 34,750 (מעהר מיט 22,400). פאַר נאָך אַזעלכע אויסגאַבען 48,654 (מעהר מיט 24,959) — בסך־הכל: 412,242 רובעל. אַלזאָ נאָכדעם ווי ס׳איז געגעבען געוואָרען די וואָרט־פרייהייט, זענען די אויסגאַבען אויף צענזור געוואַקסען און מען פאָדערט פאַר׳ן יאָהר 1907 די קלייניגקייט פון 91 טויזענד רובעל מעהר ווי אינ׳ם פאָריגען יאָהר!

און די העלפערס העלפער פון דער רעגירונג וואָס טהוען? עס איז גענוג, ווען איך וועל ציטירען דעם אינהאַלט פון איין אַרטיקעל, וועלכער איז אָבגעדרוקט אין דעם פאָרלעצטען נומער פון „רוסקאָיע זנאַמיאַ״. דער אַרטיקעל רייצט אָן די שוואַרצע דעפּוטאַטען אין דער דומא, צו מאַכען דאָרט יעדען טאָג סקאַנדאַלען. אין פאַל אָבער ווען מען וועט זיי אויסשליסען פון דער זיצונג, זאָלען זיי נישט פערלאָזען דעם דומא־זאַל. די „רוסקאָיע זנאַמיאַ״ איז מבטיח, אַז די רעגירונג וועט נישט שיקען קיין מיליטער, אום אַרויסצופיהרען מיט גוואַלד די „רעכטע״ דעפּוטאַטען; אויב די רעגירונג וועט דאָס יאָ טהון, איז נאָך בעסער, ווייל די סאָלדאַטען וועלען זיך געוועהנען צו געברויכען ביקסען געגען די דעפּוטאַטען... די צייטונג גיט אַנ׳עצה, אַז בשעת די סאָלדאַטען וועלען קומען, אום אַרויסצופיהרען די „רעכטע״ דעפּוטאַטען, זאָלען זיי צו די סאָלדאַטען האַלטען רעדעס און זיי אויפקלערען, אַז עס איז נויטיג מיט גוואַלד צו צעטרייבען די דומאַ — — און אונזער רעגירונג הערט און לייענט דאָס אַלעס און שווייגט. זי האָט דאָך געגעבען וואָרט־פרייהייט!

און איצט געה, טענה מיט אַזאַ רעגירונג און מיט אַזעלכע העלפערס־העלפער פון איהר!

פיעראונפערציגסטער בריעף

„אין איינער פון די אַלער-ערשטע דומא-זיצונגען באַלד נאָך די יום-טוב פעריען וועט בעהאַנדעלט ווערען די יודען-פראַגע" — אַזוי איז געוועזען די נאַכריכט, די אָפיציעלע און די נישט-אָפיציעלע, וועלכע מען האָט אַרויסטראָמפּייטערט אין אַלע פיער עקען פון דער וועלט. אַזש צוויי אינטערפּעלאַציעס גלייכצייטיג זענען וועגען דער יודען-פראַגע אַריינגעטראָגען געוואָרען — אַזוי האָט מען אַלעמען מודיע געוועזען. און אָט זענען שוין אַריבערגעגאַנגען שעהנע עטליכע זיצונגען, אַלער-ערשטע און ערשטע און גלאַט אַזוי זיצונגען, און וועגען יודען איז אין קול ואין קשב. אמת, איך האַלט נישט זעהר פיעל פון דער דומא און איהרע בעשלוסען בכלל און פון דער דומא און איהרע בעשלוסען וועגען יודען בפרט, און ווען אפילו מען וועט בעהאַנדלען דאָרט די יודען-פראַגע, וועט אונז זיין דערפון לא קרירא ולא חמימא, נישט קאַלט און נישט וואַרעם. נאָר פאָרט וואָלט עס דאָך זיין אַ שטיקעל סאַטיספאַקציע! ווייניגסטענס וואָלטען מענשען רעדען און אַ וועלט וואָלט הערען, ווייניגסטענס וואָלט מען אויפדעקען וואונדען און אַ וועלט וואָלט זעהען, ווייניגסטענס וואָלטען מענשען-גזלנים רויט ווערען און וואָלטען זיך מוזען שעהמען זיבען איילען אין דער ערד אַריין. און אָט מאַכען זיי גאָר אַ שווייג און אין קול ואין קשב. נאָך מעהר ווי דאָס: עס בעשטעטיגען זיך די קלאַנגען, אַז אויב מען וויל, דאָס די דומא זאָל ווייטער עקזיסטירען און די רעגירונג זאָל נישט צושליסען דאָס דאָזיגע קרעמעל, טאָ טאָר מען כלל וכלל נישט בעריהרען די יודען-פראַגע. פון פּאַריז לייען איך היינט אַ טעלעגראַמע אין „רוסקאָיע סלאָוואָ", אַז אַ זעהר הויכע פּערזאָן, וועלכע איז דאָרט איצט אַהינגעקומען פון פעטערבורג, האָט זיך געאויסערט, דאָס אין די הויכע רעגירונגס-ספערען אין רוסלאַנד איז בעשלאָסען געוואָרען,

די דומאַ צו לאָזען עקזיסטירען און צו אַרבייטען מיט איהר צוזאַמען נאָר אין דעם פאַל, ווען זי וועט זיך ענטזאַגען פון פאָדערען אַמנעסטיע און וועט בעשטעטיגען דעם בודזשעט און וועט פראָטעסטירען געגען פאָליטישע אָנפאַלען און וועט זיך אַרויסזאָגען געגען גלייכבע-רעכטיגונג פון יודען און געגען אויטאָנאָמיע פאַר פוילען. עס איז נאָך גוט כ'לעבען, וואָס מען פערלאַנגט נישט, אַז יעדער דומא-דעפּוטאַט זאָל מוזען געבען אַ קוש אין האַנד אַריין דריימאָל טעגליך יעדען מיניסטער אָדער גאָר יעדען ביוראָקראַט בעזונדער, וועלכען מען וועט איהם הייסען — אַז נישט, וועט מען די דומא צושליסען און מען וועט נישט „אַרבייטען" מיט איהר צוזאַמען. עס פרעגט זיך נאָר: ווי אַזוי איבערהויפּט אַרבייט דאָס די דומא צוזאַמען מיט דער רעגירונג. ווען זי האָט נישט איהר אייגענעם ווילען אַפילו פאַר אַ גראָשען און מוז שטענדיג טהון נאָר דאָס, וואָס אַ רעגירונג שרייבט איהר פאָר? וואָס פאַר אַ צוזאַמען-אַרבייטען, מישטיינס-געזאָגט, איז עס, ווען היינט טאָר זי נישט וועגען דעם בודזשעט רעדען און מאָרגען טאָר זי נישט וועגען יודען רעדען און איבערמאָרגען נישט וועגען פוילען אָדער וועגען אַמנעסטיע און מוז רעדען נאָר דאָס, וואָס סטאָליפּין וועט הייסען? וואָס פאַר אַ דומאַ איז דאָס און וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע איז דאָס? און ווער ברויכט אַזאַ דומא און אַזאַ קאָנסטיטוציע און ועמען נוצט אַזאַ דומא און אַזאַ קאָנסטיטוציע?

איבריגענס האָבען מיר מיט אונזער דומא נאָך אַ שענערע זאַך דערלעבט: אויף איין אינטערפּעלאַציע וועגען אַ רעוויזיע, וועלכע די פּאָליציי האָט געמאַכט ביי דעם דומא-דעפּוטאַט אָזאָל, האָט סטאָליפּין געענטפערט קורץ און שאַרף: „מיינע געעהרטע העררען! אַזוי האָבען מיר געטהון און אַזוי וועלען מיר טהון אויך ווייטער". זעהט איהר, דאָס איז גאָרנישט קיין שלעכטע תשובה. דאָס איז אַ תירוץ, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אויף אַלע מה-נשתנה'ס פון דער וועלט, און מען קאָן מיט איהם דורכגעהן גאַנץ רוסלאַנד און אַלעס וועט זיין רעכט. אַזוי האָבען מיר געוואָלט און אזוי וועלען מיר טהון אויך ווייטער — און דו גזה, פערקלאָג אונז ביים ונתנה תוקף! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער הערר פּרעמיער-מיניסטער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט מיט

דער דאָזיגער תּשובֿה און האָט זי נישט געגומען באַלד אין ערשטען טאָג פאַר אַ דעוויז אָדער פאַר אַ שילד, אויפגעהאָנגען ביי דער טהיר פון דער דומא; מען וואָלט האָבען פערשפּאָרט אַזויפיעל אָנ־פראַגען און אַזויפיעל דיבורים און וויכּוחים. — און נאָכאַמאָל פרעג איך: וואָס פאַר אַ דומא איז דאָס און וואָס פאַר אַ קאָנסטי־טוציע? ווער ברויכט אַזאַ דומא און ווער נוצט אַזאַ קאָנסטיטוציע?

די דומא — זאָגט מען מיר — האָט וועניגסטענס איין זאַך, אַ פּאָזיטיווע, דורכגעזעצט: זי האָט מבטל געווען די פעלד־געריכטען, און ווען זי וואָלט נאָר האָבען עקזיסטירט בשבֿיל זה אַליין, איז אויך דיינו. מבטל געווען האָט זי? עס איז אַ ליגען! דעם נאָמען נאָר האָט מען געענדערט, און אַלעס איז געבליבען ביים אַלטען. אינ׳ם היינטיגען טאָג, בעת איך שרייב די דאָזיגע פּאָר שורות, האָט דאָס קריעגס־געריכט אין וואַרשא (אַלזאָ קריעגס־געריכט און נישט פעלד־געריכט!) פערורטיילט אַכט מענשען צום טויט. — עס האָט נאָר איין אַנדע־רען נאָמען.

בין כּך וכך פיהרט זיך אַלעס אויפ׳ן אַלטען שטייגער: פון אָדעס קומען ווידער אָן שוידערהאַפטע נאַכריכטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָרט אַ סדרה פון קליינע פּאָגראָמען און מען שלאָגט יודען. מחנות כוליגאַנעס ציהען דורך די גאַסען און אַרבייטען מיט בלייערנע נאַגאַי־קעס און אָפט אויך מיט רעוואָלווערען. מען ברענגט פון אַלע זייטען געשלאָגענע יודען אין די שפּיטעלער. אומעטום, וואו עס בעווייזען זיך די רוצחים, פאַלט אַנ׳אימת מות אויף אַלעמען און די קראָמען ווערען געשלאָסען. אין לעצטען מאָנטאָג איז די מהומה געווען אַ גאָר שרעקליכע. מען האָט איינעם, אַ יודישען סטודענט מיט דעם נאָמען זייצעוו, שיער נישט צום טויט געשלאָגען. נישט ווייט פון דער רע־דאַקציע פון „רוסקאַיאַ ריעטש” איז געווען אַ שיסעריי צווישען די בעלי־מלחמה פון די „עכט־רוסישע” און צווישען דעם יודישען זעלבסט־שוץ. אין פערלויף פון טאָג זענען ביז 40 מענשען, כּמעט אַלע יודען, געשלאָגען און פערוואונדעט געוואָרען. מען האָט כּלומר׳שט גערופען דאָס מיליטער פונ׳ם לאַגער, פערשטאַרקט די פּאַטרולען אין די גאַסען און אָנגעגרייט קאָזאַקען אומעטום. אַ טאָג שפּעטער, דינסטאָג, איז די בהלה געוואָרען נאָך שטאַרקער. די מיטגלידער פון די „עכטע רוסען”

האָבען געשאָכטען אין די גאַסען זאַלפּנווייז פון רעוואָלווערען; זיי האָבען געשאָסען אין די הייזער. אַ גרויסע מענגע מענשען, גאַנץ בעזונדערס יודען, זענען פערוואונדעט געוואָרען. אויף פיעל גאַסען האָט מען געשלאָסען די מאַגאַזינען; אין פיעל קראָמען אָבער האָבען זיך די כוליגאַנעס אריינגעכאַפּט און האָבען ראַבירט געלד און צוגע־נומען פיעל סחורות. אַרעסטירט, נאַטירליך, האָט מען דאַן יודען. — אוּן דאָרט אין פעטערבורג איז פאַרהאַן אַ דומאַ און אין דער דאָזי־גער דומא טאָר מען די יודען־פראַגע נישט בעריהרען, דען „ביום אכלך ממנו מות תמות”, אַזויבאַלד ווי מען וועט בעריהרען די פראַגע וועגען יודען, וועט מען די דומא צעטרייבען!

איבערהויפּט, דאַכט זיך, האָט דאָס גאַנצע דאָרט געקריגען אַ פנים פון חוזק. — דער פאָרזיצענדער פון דער דומא האָט, למשל, געוואָלט בעשטראָפען דריי פון די דעפּוטאַטען, ווייל זיי האָבען גע־מאַכט סקאַנדאַלען אין דער דומא, און האָט זיי אויסגעשלאָסען פון די זיצונגען אויף 15 טעג, אַזוי אַז זיי זאָלען גאָרנישט טאָרען אַריינ־קומען אין טאווּרישען פאַלאַץ. נאַטירליך, זענען די דאָזיגע דריי גע־קומען אַ טאָג שפּעטער און האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין די קולוּ־אַרען פון דער דומא, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געוועזען, און דער פאָרשטעהער פון דער דומא־געהיים־פּאָליציי און זיינע לייט האָבען זיי בכיוון אָבגעגעבען אין דעם דאָזיגען טאָג אַ גאָר בעזונדערען כבוד. דער פירוש דערפון איז, אַז די רעגירענדע קרייזען ווילען ווייזען דער וועלט, און טאַקי דער דומא אַליין אויך, ווי ווייניג ווערט עס האָט פאַר זיי די דומא און דער כבוד פון דער דומא און דער כבוד פון איהר פאָרזיצענדען און זיינע בעפעהלען, און אַז מען קוקט אויף זיי ווי אויפ׳ן פאַראַיעהריגען שניי. דאָס איז שוין אַזוי דער דרך פון די ביוראָקראַטען אין רוסלאַנד. דאָס איז אַ וועלטעל פאַר זיך! — אינטערעסאַנט איז, אַז די סטענאָגראַפּיסטען אין דער דומא האָבען דערלאַנגט אַנ׳אָנקלאַגע צו גאָלאָווינען דערויף, וואָס זיי — ווייל זייערע ערטער זענען נעבען די בענק פון די רעכטע — מוזען אויסהערען אַזעלכע מיאוסע שמוציגע ווערטער, מיט וועלכע די סקאַנדאַליסטען צווישען די רעכטע בענוצען זיך, און דאָס דאָזיגע רופט אַרויס ביי זיי אַ טיעפען ווידערווילען. אונטער אַזעלכע בעדינגונגען, צו מוזען

הערען שטענדיג אַזעלכע ווערטער און רעדענסאַרטען, וועלכע מען הערט נישט אפילו צווישען בעלי־עגלות, קאָנען זיי, די סטענאָגראַפיסטען, נישט אַרבייטען.

דערוויילּ קאָכט זיך גאַנץ רוסלאַנד — און מיט רוסלאַנד אויך דאָס גאַנצע אויסלאַנד — וועגען דעם גרויסען אָנפאַל, וועלכער האָט געזאָלט געמאַכט ווערען אין צאַרסקאָיע סעלאָ אויף דעם קייזער און דעם קרוינפרינץ און דעם קייזערס ברודער און סטאָליפינען און אויף נאָך אונצעהליגע גרויסע לייט. נאָר ווען אין אויסלאַנד ברענגט מען טאָגטעגליך נייע פאַקטען און איינצעלהייטען וועגען דעם אָנפאַל, איז מען אין רוסלאַנד איבערצייגט, אַז דאָס גאַנצע איז אַנ׳אויסגעטראַכטע מעשה, וועלכע סטאָליפין האָט נויטיג געהאַט נאָר צוליב עפּעס, וואָס מען ווייסט נאָך נישט וואָס. הויפּטזעכליך זינט סטאָליפין האָט אין דער דומא אָבגעגעבען וועגען דעם זיין ערקלערונג, איז מען ערשט רעכט געקומען צו דער דאָזיגער איבערצייגונג. עס האָט זיך עפּעס נישט געקלעבט איין וואָרט צום אַנדערען, און די קאָמעדיע איז געווען צו זעהר בולט. איבריגענס, האָבען די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען ערקלערט אָפען — און די דאָזיגע לייט קאָן מען גלויבען — אַז זיי ווייסען נישט פון קיין שום זאַך צו זאָגען. מיר מוזען אָבער וויסען, אַז אַזעלכע מאַניפּולאַציעס און פאָקוסען זענען אין רוסלאַנד קיין נייעס נישט; אַז מען דאַרף גראָד, עס זאָל זיין געווען אַ גרויסע „פערשווערונג״, ווערט דאָס פאַבריצירט. אין דעם מאַי־נומער פון דעם זשורנאַל „רוסקי אַרכיוו״ איז אָבגעדרוקט אַ זעהר אינטערעסאַנטער בריעף פון פּאָביעדאָנאָסצעוו׳ן צו זיינער אַ בעקאַנטער. אין דעם דאָזיגען בריעף, געשריבען דעם 25־טען מערץ 1881, דערצעהלט פּאָביעדאָנאָסצעוו, ווי עס איז געקומען צו איהם באַראַנאָוו, דער פּעטערבורגער שטאָדט־הויפּטמאַן פון דענסמאָל, און האָט איהם מודיע געווען, אַז נאָר וואָס איז ער און זיין חברה דערגאַנגען דעם סוד פון אַ גראַנדיעזער פערשווערונג, ווי מען האָט צוגעגרייט אַנ׳אַטענטאַט אויפ׳ן קייזער (אַלעקסאַנדער III) און אויפ׳ן פּרייסישען קרוינפרינץ, וועלכער האָט זיך גראָד געפונען אין פּעטערבורג. אין פיער פערשידענע פונקטען פון דער שטאָדט איז דער אָנפאַל צוגעגרייט. דעם גאַנצען פּלאַן פון דער פערשווערונג האָט ער, באַראַנאָוו, שוין אין זיינע

הענד. פון 48 מאַן, וועלכע האָבען זיך געזאָלט בעטייליגען אין דעם אַטענטאַט, זענען 19 שוין ענטדעקט. יעצט פאָהרט ער, באַראַנאָוו, מאַכען אַרעסטען „און איין גאָט ווייסט — האָט ער געזאָגט — וואָס איך וועל נאָך היינטיגע נאַכט ענטדעקען". חוץ דעם גיט אונז פּאָביעדאָנאָסצעוו איבער אויך איינצעלהייטען, וועלכע קאָנען, דאַכט זיך, שוין ביי קיינעם נישט ערוועקען קיין שום ספקות: „פאַר דעם ווינטער-פּאַלאַץ, אַנטקעגען סאלטיקאָוו'ס געסעל, גראָבט מען, לויט באַראַנאָוו'ס פעראָרדנונג, אַ קאַנאַל און דערביי האָט מען שוין איבערגעשניטען 17 דראָטען פון אַ מינע, וועלכע די טעראָריסטען האָבען געפיהרט צום ווינטער-פּאַלאַץ". — קאָן מען עפּעס צווייפלען נאָך אַזעלכע פּרטים? נישט ווילענדיג מוז מען אָנהויבען צו גלויבען אין דער מעשה. מאַכט זיך אָבער מעשה שטן: דער אמת איז אַרויס. עס איז איצט פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנצע מעשה פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף איז געווען אַנ'אויסגעטראַכטע, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען; נישט ס'איז געווען אַ פערשווערונג געגען קייזער, נישט געגען פריי-סישען קרוינפּרינץ. די פערשווערונג איז נויטיג געווען באַראַנאָוו'ן און זיין קאָמפּאַניע צוליעב די אינטערעסען פון דער הערשענדער כנופיא, און מען האָט זי אויסגעטראַכט מיט אַלע פרטים און פיצלעך, ווי להבדיל שמ"ר האָט אויסגעטראַכט אַ מעשה-ביכעל. אָט אַזוי מאַכט מען געשיכטע, אָט אַזוי שאַפט מען אַ פּאָליטישע אַטמאָספערע!

מען מוז נאָך בעמערקען, אַז די ערשטע ידיעות וועגען אַ פערשווערונג אין צאַרסקאָיע סעלאָ זענען ערשיענען קודם-כל אין דער אויסלענדישער פּרעסע און זענען געקומען פון יענעם ליטעראַרישען לאַבאָראַטאָריום, וואו עס זענען שוין אָפט פאַבריצירט געוואָרען די בבא-מעשיות, וועלכע רוסלאַנד דאַרף האָבען צוליעב איהר אינערליכער פּאָליטיק. מען זאָל נישט פערגעסען: די ערשטע קוועלע איז דער „דיילי טעלעגראַף"!

פינפאונפערציגסטער בריעף

אונזער דומא — וואָס זאָל איך זאָגען? „די באָבע האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָרגען, איז זי געגאַנגען און האָט זיך איינגעהאַנדעלט... אַ דומא״! און זינט דענסמאָל, זעהט איהר, האָבען מיר נישט קיין טאָג און קיין נאַכט. מיר האָבען דאָך עפּעס אַ דומא. פריהמאָרגענס וועקט מען אונז אויף פון שלאָף און מען סטראַשעט אונז אָב, אַז אַט אָט, ווען מיר וועלען חלילה נישט טהון אַזוי און אַזוי, נאָר אַזוי און אַזוי, וועט מען אונז פערמאַכען די דומא; אָוועגדס לעגען מיר זיך שלאָפען און עס ווערט אונז אָנגעזאָגט, אַז אָט אַט, ווען מיר וועלען חלילה חלומ׳ען אַזוי און אַזוי און נישט אַזוי און אַזוי, וועט מען אונז צוקלאַפּען די דומא; אין מיטען טאָג און אין מיטען נאַכט, יעדעסמאָל, ווען די רעגירונג דאַרף עפּעס אויספיהרען אַ שטיקעל אָדער אונז אָבטהון אַ שפּיצעל, נעהמט זי איהרע געטרייע משרתים, ווי, למשל, דעם מיסטער דילאָן, וועלכער אַרבייט פאַר דעם „דיילי טעלעגראַף״ אָדער דעם קאָרעספּאָנדענט פון דעם „עקאָ דע פּאַריז״ און לאָזט אַרומפּויקען אין דער מחנה, אַז אָט אָט איז די געפאַהר שוין זעהר נאָהנט און מאָרגען אָדער איבערמאָרגען ווערט פונאַנדערגעטריבען די דומא. בקיצור, מיר האָבען זיך איינגעהאַנדעלט סחורה; מיר האָבען אַנ׳עסק מיט אַ דומא. אמת, קיין טובת־הנאה האָבען מיר נאָך נישט געהאַט פון איהר, וואָס איז ווערט אַ קאָפּיקע, דערפאַר האָבען מיר אייביגע טויט־אַנגסט וועגען איהר. אַ קלייניגקייט, אַנ׳אויסגעבעטענע, אויסגעוויינטע זאַך, אַ זייגערעל, וועלכעס דער פעטער האָט געשענקט און וועלכעס ער וויל יעדע מינוט צוריק אָבנעהמען פון אונז. עס איז שוין אַזוי ווייט, אַז דאָס גאַנצע הויבט אָן צו ווירקען אַ רעכט ביסעל קאָמיש און רייצט די לאַך־מוסקולען. יאָ דומא — נישט דומא — יאָ דומא, איבריגענס, האַבען מיר אַ סטאָליפּין, אַ מענש אַ פּקח אַ חרוץ,

איינער װעלכער װייסט על צד היותר טוב, װי זיך צו בענוצען מיט דעם דאָזיגען מאַריאָנעטען־שפּיעל. ער מאַכט עס זעהר געשיקט און מען זעהט כמעט נישט, װי ער מאַכט מיט די פינגער. אָנשטאָט צו האָבען אַ דומא, װעלכע זאָל סוף־כל־סוף פערטרעטען, װי נישט װי, די אינטערעסען פון אונז, פונ׳ם פאָלק הייסט עס, איז זי ביי איהם ביסלעכ־װייז געװאָרען אַנ׳אינסטיטוט, אין װעלכען די רעגירונג לאָזט אויסאַר־בייטען גאַנץ געשמאַק אַלעס, װאָס זי בעדאַרף צו איהרע אייגענע גע־שעפטען — און נאָר איהרע געשעפטען. עס װעט מסתם נאָך קומען אַ צייט, װען די דומא װעט עקזיסטירען נאָר צוליעב דעם איינעם צװעק, אַז זי זאָל בעשטעטיגען אַלע געזעץ־פּראָיעקטען װעגען בויען תפיסות און װעגען שיסען און הענגען און װעגען געלד־געבען און מיליטער־געבען און כדומה, און װעלען עטליכע דומא־לייט װעלען האָבען אַמאָל אויך עפּעס אַ פּריי ליפּטעל, װעט מען באַלד מאַכען אַ גװאַלד. אַז אָט האָט מען דערטאַפּט די רעװאָלוציאָנערען און מען מוז זיי צעטרייבען װי די קרעציגע הינד, אַז אָט האָבען זיי געזינדיגט און זענען נישט אויפגעשטאַנען פון די שטוהלען ביי „הנותן תשועה" און אָט האָבען זיי בעליידיגט דאָס מיליטער, און אָט האָבען זיי נישט פּראָטעסטירט געגען שאַרף געגען טעראָר, און אָט האָבען זיי פערלאַנגט אַביסעל רעכט פאַר יודענס װעגען, און אָט האָבען זיי דערמאָהנט ביאַליסטאָק און שעדליץ. — נאַטירליך, האַלט דאָס אַלעס נישט אָב אונזערע דומאַ־דעפּוטאַטען פון צו זיין שטאָלץ אויף זייערע גרויסע טהאַטען: זיי זע־נען דאָך עפּעס די פערטרעטער פונ׳ם פאָלק און אַרבייטען דאָך עפּעס לטובת הפאָלק! זיי דערמאָהנען שטאַרק אָן יענעם מלמד, װעלכען זיין װייב האָט געפּלעגט שעדיגען טאָג װי נאַכט, און ער איז געלעגען אונטער׳ן בעט און האָט אַלץ געשריען: „והוא ימשול בה!"

און נישט בלויז די דומא איז אַ קאַנטשיק אין די הענד פון דער רעגירונג, אום צו דערגרייכען אַלע איהרע צװעקען; זי בענוצט זיך דערצו אויך מיט טויזענד אַנדערע מיטלען. אָט איז, למשל, גע־װען די מעשה מיט די פאַרבערייטונגען צו דעם גרויסען אַטענטאַט אין צאַרסקאָיע סעלאָ. װי װייט דאָס איז געװאָרען אויפגעפּוצט און װי װייט עס איז אַ סברה, אַז דאָס גאַנצע איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען דאָס איז אייך שוין גענוג בעקאַנט. דערװייל אָבער

טהוט סטאָליפּין דאָס זייניגע און וויל דורך די מעשה מיט'ן אָנפּאַל־פלאַן פּטור ווערען פון אַ סך לינקע דעפּוטאַטען. עס ווערען איצט געמאַכט הכנות, צו פאָדערען פון דער דומא, אַז זי זאָל אויסשליסען 36 דעפּוטאַטען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען, דען דער פּראָקוראָר בעשולדיגט זיי, אַז זיי האָבען זיך בעטייליגט אין אָרגאַניזירען אַנ'אויפשטאַנד דורך די מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. מען זאָל אין דער וואוינונג פון דעם דעפּוטאַט אָזאָל האָבען געכאַפּט עטליכע פערקליידעטע סאָלדאַטען, וועלכע געהערען צום רעוואָלוציאָנערען „מיליטער־פעראיין”. נאַטירליך, לאָזט מען די דאָזיגע נאַכריכטען פערשפּרייטען דורך דעם „מאַטען” און דעם „דיילי טעלעגראַף” און די „אינדעפּענדאַנס בעלזש”, כדי דאָס אויסלאַנד מכין צו זיין צו אַזאַ שריט, וואָס די רעגירונג מאַכט, אום אויסצושליסען די לינקע דעפּוטאַטען פון דער דומא; דער „אינדעפּענדאַנס בעלזש” טעלעגראַפירט מען, אַז אויב די דומא וועט נישט וועלען אויסשליסען די דאָזיגע דעפּוטאַטען, האָט די רעגירונג פעסט בעשלאָסען — דעם אַלטען פזמון כדאתמול — צו צעטרייבען די דומא. און נון אָבער איז אַריינגעקומען פּלוצלינג אַ שטיקעל שטריך אין דעם חשבון; עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע זאָגען אויס פון חדר און ווילען דאָס אויסלאַנד דורכאויס אויפקלערען. אין איינעם פון די לעצטע נומערען „טאָוואַרישטש” איז אָבגעדרוקט אַנ'ערקלערונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז די מעלדונג פון'ם יוסטיץ־מיניסטער און פון'ם אינערן־מיניסטער אין דער דומא־זיצונג פון 21־טען מאַי, וועגען דער הויז־זוכונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, אין דער קוואַרטיר פון דעפּוטאַט אָזאָל, האָט געגעבען געלעגענהייט דער פּרעסע פון אַ געוויסען סאָרט אויפצוהויבען אַ לאַרם פול מיט רכילות און שמוץ געגען דער פראַקציע, און דעריבער איז די פראַקציע געצוואונגען צו ערקלערען פאַר'ן גאַנצען לאַנד, אַז די בעהויפּטונגען פון'ם אינערן־מיניסטער, דאָס אין דער דירה פון דער פראַקציע קלייבען זיך כלומר'שט צונויף די צענטראַלע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען, וועלכע האָבען אַ פערבינדונג מיט דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, זענען כ ז ב ו ש ק ר (זאָגען אַ מיניסטער עפּענטליך, אַז זיינע ווערטער זענען כזב ושקר, איז ספּע־

ציעל רוס'ש!). אין דער דירה פון דער פראַקציע זענען נישט געווען נישט דעם 19-טען מאַי אָוועגדס און נישט פריהער קיין שום פערזאַמ־לונגען, אויסער די זיצונגען פון דער פראַקציע און איהרע קאָמיסיעס וועגען עקאָנאָמישע און יורידישע פראַגען. — און נון קומט דער בעוויז, און דער בעוויז איז באמת אַ דבר המתקבל על הלב; די פראַקציע נעמליך ערקלערט ווייטער: ס'איז בכלל זעהר נאַאיוו צו רעכענען, אַז די „צענטראַלע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען", און בפרט נאָך אַזעלכע, וועלכע האָבען צו טהון מיט דער מיליטערישער אָרגאַני־זאַציע, זאָלען מאַכען פערזאַמלונגען אין אַ דירה, וואו ס'איז פריי געווען יעדען אַריינצוקומען און וואו די טהירען פון אַלע צימערען און אויך די טהיר פון דער גאַס זענען נישט פערשלאָסען געווען. די דירה פון דער סאָצ. דעמ. פראַקציע פלעגט רעגעלמעסיג בעזוכט צו ווערען פון דומאַ־דעפוטאַטען, אויך פון פערזאָנען, וועלכע זענען איינגעלאַדען געוואָרען אין די קאָמיסיעס אַלס ספעציאַליסטען, אַזוי אויך פון ציי־טונגס־קאָרעספאָנדענטען, אָהן אונטערשייד צו וועלכער ריכטונג זיי געהערען, און אויך פון פריוואַט־מענשען, וועלכע פלעגען קומען אַהין אום אויסצודריקען זייערע וואונשען און בעדערפנישען; נאַטירליך, זענען אַהינגעקומען טאָג־טעגליך אויך גענוג שפּיאָנען פון דער געהיים פּאָליציי. אונטער אַזעלכע בעדינגונגען איז עס פּראָסט אַ נאַרישקייט, צו וועלען איינרעדען אַ וועלט, אַז דאָרט זענען געכאַפּט געוואָרען צענטראַלע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען ביי זייער צונויפקלייבען זיך; אַזוי נאַריש און לייכטזיניג זענען דאָך אַזעלכע קאָמיטעטען קיינמאָל נישט געווען, דאָס ווייסט די רעגירונג אַליין אַמבעסטען.

דערווייל אָבער איז ביי אונז „עולם כמנהגו נוהג". אין אָדעס האָבען די קליינע כראָנישע פּאָגראָמלעך ביז צום היינטיגען טאָג נישט אויפגעהערט. אין באַלטא האָבען יודען איבערגעלעבט עטליכע טעג אין פּאָגראָם־שרעקען, פון וועלכע אַ סך מענשען זענען אַראָב פון זינען און ביי פיעל זענען די האָר גרוי געוואָרען. אין סימפעראָפּאָל ווערט בעהאַנדעלט דער פּראָצעס וועגען דעם דאָרטיגען פּאָגראָם, און לויט די גביות־עדות'ן שטעלט זיך אַרויס פון מינוט צו מינוט מעהר, אַז דאָס מי־ליטער אַליין, ווי דער שטייגער איז, האָט דעם גרעסטען אָנטייל גע־נומען אין דעם פּאָגראָם. אין קישיניעוו האָט דער פּראָקוראָר געמאַכט

אַ סענסאַציאָנעלע ענטדעקונג: מען האָט געפונען אַ גאַנצן לאַגער פון גאָלד און זילבער, וועלכעס איז אָנגעראַבעוועט געוואָרען אין דער דאָרטיגער געגענד בשעת די אָקטאָבער-פּאָגראָמען. דער לאַגער האָט געהערט צו אַ גאַנצער אָרגאַניזאַציע, און איז אָבגעהיט געוואָרען דורך איינצעב פון די אָנגעזעהענסטע עכט-רוסען, בקיצור, עס איז אַלעס כדאתמול.

בין-כך-וכך זענען מיר נאָך עפּעס דערגאַנגען. מיר האָבען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי מיט דעם נאָמען „אָקטאָבריסטען" — מענשען וואָס האַלטען זיך פעסט אין די יסודות פון'ם מאַניפעסט פון 30-טען אָקטאָבער און שפּיעלען די ראָלע פון כלומר'שט ליבעראַלע, קאָנסטיטוציאָנעלע מענשען. דאָ אָבער האָבען זיי לעצטענס אָבגעהאַלטען זייער קאָנגרעס און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אייגענטליך איז דער חילוק צווישען זיי און די עכט-רוסען גאָרנישט אַזוי גרויס. בנוגע צו יודען האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ רעזאָלוציע מיט די ווערטער: „אַנערקענענדיג דאָס רעכט פון גלייכהייט פאַר'ן געזעץ פון אַלע רוסישע בירגער אָהן אונטערשייד פון גלויבען און נאַציאָן, האָט דער אָקטאָבריסטישער צוזאַמענפאָהר נישט געפונען פאַר מעגליך, מחמת די עקאָנאָמישע און קולטורעלע בעדינגונגען פון אונזער פאַטערלאַנד, צו פערענטפערען זאָפאָרט די יודען-פראַגע און האָט בעשלאָסען, אַז די גאַנצע געזעץ-געבונג פאַר יודען דאַרף נאָר ביסלעכווייז איבערגעקוקט ווערען". ווי געפעלט אייך דאָס דאָזיגע? אמת טאַקי, אַז גאָר לייכט איז זיי דער ביסען נישט אַראָבגעגאַנגען: אַ פערביטערטע און שאַרפע רעדע געגען דעם האָט געהאַלטען זייער מיטגליד דער פּראָפעסאָר גריגאָריעוו, וועלכער האָט געזאָגט: „בירגער! ביז איצט האָבען מיר גענאַרט אַ וועלט מיט אונזער פּראָגראַם, אין וועלכען עס איז אָפען אַרויסגעזאָגט דער פּרינציפּ פון גלייכבערעכטיגונג. איצט אָבער וועט איהר שוין נישט מעהר האָבען די העזה אָנצוווייזען אויף אייער פּראָגראַם. אייער פּראָגראַם האָט איהר איצט מיט אייערע אייגענע פיס צעטרעטען. וואַרפט-זשע אַוועק אייער פאָהן פון 30-טען אָקטאָבער און געהט צוזאַמען מיט גרינגמוט'ן און פורישקעוויטש'ן און זאָגט אָפען, אַז איהר זענט עכט-רוסישע לייט! — די געגנער פון יודישער גלייכבערעכטיגונג שרעקען דעם עולם דערמיט, אַז אויב יודען וועלען בעקו-

מען גלייכע רעכט, וועלען זיי פערקנעכטען דאס רוסישע פאלק. דאס איז א ליגען! איך, וואס איך ליעב און שעץ דאס רוסישע פאלק, וועל קיינמאל נישט גלויבען, אז 6 מיליאן יודען קאנען געוועלטיגען איבער א רוסישער בעפעלקערונג פון 140 מיליאן!" — נאטירליך, איז געווארען א גרויסער לארם, און מען האט געשריען צום רעדנער: ארויס! אראב! אוועק פון אונז! — אזוי אויך איז עס געגאנגען א צווייטען רעדנער, דעם אדוואקאט באבאַרישטשעוו-פושקין, וועלכער האט גערעדט לטובת די יודען. „געדענקט — האט ער געזאגט — אויב איהר זאגט אב יודען פון גלייכבערעכטיגונג, הייסט עס, איהר גיט זיי איבער אויף צרות אין די הענד פון די פאליציסטען. געדענקט, אויב איהר נעהמט אן די רעזאלוציע, שטעלט איהר א מצבה אויפ'ן קבר פון דער אקטאבריסטישער פארטיי. אויב איהר זאגט זיך ארויס געגען דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, וועט איהר אבמעקען די גרעניץ, וועלכע טיילט אב די „אקטאבריסטען" פון די „עכט-רוסישע לייט". איהר, מיינע הערען, גלויבט נאך אלץ אין דעם פאליציסט. געדענקט-זשע, אז בעוואהרענענדיג דעם פאליציסט, דער'הרגעט איהר די נאציא-נאלע בעוואוסטזיניגקייט און איהר וועט קיינמאל נישט זוכה זיין צו זעהען דאס פרייע רוסלאנד". — נאטירליך, האט מען אנגעהויבען שטארק צו פייפען און צו לארמען. און די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען דורך א מעהרהייט פון אלע געגען 17 שטימען.

צום סוף האב איך היינט נאך צו דערמאהנען אן'אינטערעסאנטען פראצעס, וועלכער איז פארגעקומען אין מאסקווער קריעגס-געריכט. אויב איהר געדענקט, האט אינ'ם פאריגען יאהר אנ'אפיציר סמירנסקי ארויס-גערופען דעם יודישען געוועזענעם דומא-דעפוטאט יאקאבסאן אויף א דועל, ווייל יאקאבסאן האט כלומר'שט בעליידיגט דאס מיליטער בשעת זיין רעדע וועגען ביאליסטאקער פאגראם. דאן האט זיך אבגעדרוקט אין „רוסקאיע סלאווא" א בריעף, אין וועלכען ס'איז ארויסגעזאגט געווארען א שארפע קריטיק געגען סמירנסקי, ווייל „ער טראגט אריין גאנץ אומזיסט א פארטיי-קאמף אין די ארמעע". ווייטער שטעהט אין יענעם בריעף, אז יאקאבסאן איז באמת גערעכט געוועזען און „אין אונזער ארמעע איז נישט געוועזען און ס'איז נישטא קיין קריעגערישע פעהיגקייט, און דאס האט זי בעוויזען אין איהר אבטרעטען אהן

אָרדנונג פון פּאָרט-אַרטור ביז כאַרבין און ביי מוקדען" א. ז. וו. בקיצור אַ שרעקליכער בריעף. דערויף האָט זיך געווענדעט סמירנסקי צו דער רעדאַקציע „רוסקאָיע סלאָוואָ", זי זאָל איהם אַרויסגעבען דעם נאָמען פונ'ם שרייבער פון דעם דאָזיגען בריעף. באַלד דערויף האָט זיך אָבגערופען דער פּאָלקאָווניק אַניסימאָוו, אַז ער איז דער שרייבער, און נאָך איהם זענען אויך געקומען די אָפיצירען אַנדרעיעווסקי, מיצ־קעוויטש, באָלדירעוו, קניאַזעוו, מאַרקאָוויטש, קיסעליעוו און סקורסאָ־וויטש און האָבען מודיע געווען, אַז זיי האָבען מיט־אונטערגעשריבען דעם דאָזיגען בריעף. נאַטירליך, זענען זיי אַלע איבערגעגעבען געוואָ־רען צום קריעגס־געריכט און איצט זענען זיי פּעראורטיילט געוואָרען. ביי דער געריכטס־פערהאַנדלונג זענען אָבער אַרויסגעקומען אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען אייגענטליך נישט אַזוי שעהן געווען פאַרן כבוד פון דער רוסישער אַרמעע!

זעקסאונפערציגסטער בריעף

פון אָדעס טעלעגראַפירט מען אונז היינט: „אין דער שטאָדט זענען אויסגעבראָכען אונרוהען. די שוואַרצע הונדערטער האָבען פער־שפרייט פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען, אַז יודען האָבען געשאָכטען זעכציג קריסטליכע מיידלעך. עס הערשט אין דער שטאָדט אַ שרעקליכע פּאַ־ניק. הונדערטער מענשען אַנטלויפען. צעהנדליגער ווערען געשלאָגען און געהרג׳עט". מיר לייענען אַזאַ טעלעגראַמע און מיר גיבען אַ קרעכץ און פערגעסען זי פינף מינוט שפּעטער; מיר זענען שוין אַ רעכט ביסעל אָבגעשטומפט.

און דאָס דאָזיגע אָדעס ליגט אין אייראָפּאַ, און די דאָזיגע טעלעגראַמע איז דאַטירט פון 8־טען יוני אינ׳ם יאָהר 1907! — קלינגט דאָס אַלץ נישט ווי עפּעס אַ מעשה פון דעם ווילדעסטען און פער־וואָרפענסטען ווינקעל אין אַזיען? און איז עס נישט ווי מיר וואָלטען עס לייענען אין עפּעס אַנ׳אַלטער פערשטויבטער כראָניק פונ׳ם עלפ־טען און צוועלפטען יאָהרהונדערט? — וואו איז אונזער קולטור? וואו איז דער פּאָרטשריט? וואו איז דער גאַנצער טאַראַראַם, אויף וועלכען מיר מאָדערנע זענען אַזוי שטאָלץ? עפּעס פערשפּרייט מען קלאַנגען, עפּעס רעדט מען פון זעכציג געשאָכטענע קריסטען־מיידלעך, עפּעס איז אַזאַ נאַרישע בבא־מעשה אויף נאָך אַ סחורה און קריגט איהרע קונים, עפּעס איז אַ מהומה, עפּעס לויפען מענשען ווילד און אין טויט־אַנגסט, עפּעס רינט בלוט אין די גאַסען און יודען פאַלען — — רבונו של עולם, וואו זענען מיר אין דער וועלט? מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען? מיר זענען געוואָרען אַזוי גלייכגילטיג, אַז מיר לייענען זיך אַזעלכע זאַכען רוהיג און מיר ווערען נישט נתפעל. מיר עסען זיך דאַן אונזערע בעפשטעקס, מיר טהוען זיך אָן אונזער פיינע ווייסע וועש מיט שטייף־געמאַכטע קראַגענס, מיר געהען אין די

טעאַטערס צו בערנאַרד שאָ'ס אָדער שלום אַש'ס שטיק און מיר געני־
סען די פרוכטען פון אונזער קולטור מיט אַלע איהרע שעהנע און
נוצליכע ערפינדונגען. פאַרצייטענס האָט מען אונז געהרג'עט און גע־
שלאָגען ביי אַ גראָשענדיג חלב־ליכטעל, און איצט טהוט מען עס ביי
עלעקטרישער בעלייכטונג; פאַרצייטענס איז מען זיך צונויפגעקומען
צוליעב אַזעלכע זאַכען מיט אַ פּראָסטען פערד־און־וואָגען. און איצט
טהוט מען עס מיט דאַמף אָדער מיט אַנ'אויטאָמאָביל; פאַרצייטענס
האָט זיך די וועלט דערוואוסט פון אַזעלכע הריגות דורך אַ בריוועל
און דורך אַ שליח מיוחד נאָך אַ פּערלויף פון וואָכען און חדשים,
און איצט ווערען מיר דאָס געוואָהר זעהר שנעל און נישט אַנדערש ווי דורכ'ן
טעלעגראַף אָדער טעלעפאָן. מיר האָבען דאָך עפּעס נוצליכע ערפינדונגען!
אָבער רויט ווערען מיר נישט און שעהמען שעהמען מיר זיך נישט און מיר
זענען אַלץ קולטיווירטע מענשען. וואָס מאַכט דאָס אויס אַ פּאָגראָם אויף
יודען אין אָדעס זינט וואָכען און חדשים? איך זאָג: זינט וואָכען און
חדשים. דאָס נייעסטע אומגליק אין רוסלאַנד איז, וואָס די פּאָגראָם־
מאַכעריי איז אַריינגעטרעטען אין אַ נייע פאַזע: דער פּאָגראָם ווערט
נישט מעהר געמאַכט קורץ און שאַרף און אין פערלויף פון בעשטימ־
טע צוויי־דריי טעג. ניין, זיי האָבען אויסגעקלערט אַ טויזענדמאָל
מעהר פערטייוועלטען פּלאַן; זיי האָבען אָנגעהויבען מאַכען כראָני־
שע פּאָגראָמען, אַ פּאָגראָם אָהן אייגענטליכען אָנפאַנג און אָהן סוף,
ביסלעכווייז, איינציגווייז, טראָפּענווייז, און אַזאַ פּאָגראָם דויערט וואָ־
כען און מאָנאַטען און קאָן דויערען אויך יאָהרען, און אַזאַ פּאָגראָם —
ווי איך האָב שוין אַמאָל דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט — האָט נאָך
די מעלה, אַז ער מאַכט נישט אָן קיין געפּילדער אין דער גרויסער
וועלט. אין אָדעס דויערט שוין דער פּאָגראָם אַ סך חדשים, און
צעהנדליגע זענען אומגעקומען און הונדערטער זענען פעראומגליקט גע־
וואָרען, וואָס ווייסט די וועלט פון איהם? און ווען זי ווייסט, וואָס
האָט זי געטהון דאַגעגען? — נאָך די וועלט־בעקאַנטע פּאָגראָמען קאָנען
מיר ווענינגסטענס אָנצינדען אַ יאָהרצייט־ליכט; מיר ווייסען אין וועלכע
טעג זיי זענען געפאַלען. נאָך דער אָדעסער פּאָגראָמעריי וואָלטען מיר
דאַרפען אָנצינדען אַ ליכט, וועלכעס זאָל ברענען אַ גאַנץ יאָהר.

דערפאַר אָבער האָבען מיר אַ דומא, און די דאָזיגע דומא —

„אַרבייט”. זי איז פערסאָפּעט און פערשמאַיעט טאָג און נאַכט, און רק זי „אַרבייט”. עס געהען אַראָב און עס געהען אַרויף מיניסטאָרען אויף דער טריבונע און מען רעדט. דאָס אינטערעסאַנטע איז נישט וואָס, נאָר ווי זיי רעדען; זיי רעדען ווי נאָר ביוראָקראַטען אין רוסלאַנד קאָנען רעדען: נישט גוט און נישט שלעכט, נישט קאַלט און נישט וואַרעם, נישט האַרט און נישט ווייך. עס מעג אַזאַ מייסטער רע־דען וועגען טויט־שטראָף, וועגען פייניגונגען און געפענגנישען, וועגען אַגראַר־פראַגען, וועגען דאַמף־שיפס־געזעלשאַפטען, וועגען זון און פינאַנס־טערניש: דערזעלבער טאָן, דיזעלבע שפּראַך, דאָסזעלבע איינערליי און דיזעלבע טרוקענקייט און גלייכגילטיגקייט. מען קען צעפּלאַצט ווערען פון זייער אייזערנער רוהיגקייט. מען שיסט אָדער מען הענגט אַנ'אונשולדיגען; מען אינטערפּעלירט; דער מיניסטער אַליין זעהט שוין איין, וואָס דאָ איז פאָרגעפאַלען, און פאָרט ענטפערט ער: „וואָס זאָל איך טהון? עס איז געווען על־פּי זאַקאָן”. „אָבער אַזאַ „זאַקאָן” איז דאָך שרעקליך! איבריגענס איז דער דאָזיגער „זאַקאָן” שוין אַביסעל אַלט” — „אמת”, ענטפערט דער מיניסטער, „אָבער איידער עס זענען פאַרהאַן נייע געזעצען, מוזען מיר זיך בענוצען מיט די אַלטע”.— און די דומא האַלט אַלץ אין איין „אַרבייטען”. עס קומט, למשל, אַנ'אַנדערער מיניסטער און לעגט פאָר אַ געזעץ־פּראָיעקט, אַז די דומא זאָל בעשטעטיגען דאָס איינפיהרען פון „פערהיטונגס־קייטעלעך”, דען אַזוי ווי אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָפּט געטראָפען, אַז פּאָליטישע אַרעסטאַנטען זענען אַנטלאָפען, דעריבער דאַרף מען זעהר האָבען יענעס צערטליכע, אונשולדיגע מיטעל. אייגענטליך, מוזען מיר וויסען, זענען יענע „פערהיטונגס־קייטעלעך” איינגעפיהרט שוין זינט אַ האַלב יאָהר; עס איז אָבער וויציגער, ווען מען וועט פאָדערען פון דער דומא, אַז זי זאָל אַ שאָקעל געבען מיט'ן קאָפּ און זאָל מסכים זיין. עלעהיי זאָל מען זעהען, אַז די דומא „אַרבייט”. און די דומא „בעטראַכט” דאָס געזעץ־פּראָיעקט און שלייפט זיך דעם מוח און קנייטשט זיך דעם שטערען און טראַכט; זי „אַרבייט”. פערהי־טונגס־קייטעלעך — עפּעס קלינגט עס אַזוי ווייך און אַזוי פיין און אַזוי ליעבליך. מיינט מען נישט, אַז עס האַנדעלט זיך מכּוח קליינע קינדערלעך, וועלכע הויבען אָן צו לערנען זיך געהן, און דאָס וויל

מען פיהרען זיי אויף אַזעלכע בענדעלעך, זיי זאָלען חלילה נישט פאַ־לען? „סך־הכל" — זאָגט דער מיניסטער — וועגען זיי $1\frac{1}{2}$ פונט". חוץ דעם וועט מען זיי קאָנען טראָגען אונטער די קליידער, אונבע־מערקבאַר, אויף דער רעכטער האַנד און אויף דעם לינקען פוס. און געמאַכט זענען די „קייטעלעך" ממזר'דיג, דאָס לעצטע וואָרט פון אויסלענדישער טעכניק, זעהר לייכט, זעהר טראָגבאַר. עס פעהלט נאָר נאָך, אַז דער העריר מיניסטער זאָל אַרויסנעהמען פון דער טאַש אַ מוסטער און זאָל עס ווייזען די פאַלקס־פערטרעטער — עפּעס ווי אַ ריי־זענדער אין „אָרעמבענדער" פּרימא־קוואַליטעט. און אַ חוץ דעם ווי גוט אונזער גוטע רעגירונג איז! און ווי איז זי איינגענומען פאַר גלייכבע־רעכטיגונג! זי וויל, למשל, אַז מיט די דאָזיגע קייטעלעך זאָל מען קיין שום חילוק נישט מאַכען צווישען פרויען און מענער, צווישען יונג און אַלט, צווישען געלערענטע און פּראָסטע מענשען, צווישען פערברעכער און אַזעלכע, וועלכע זענען נאָר אין חשד — אַלע זאָלען זיי פון היינט אָן מוזען טראָגען אַזעלכע קייטעלעך! — אַ גאַנצען טאָג דויערען אין דער דומא די דעבאַטען וועגען דעם דאָזיגען וויכטיגען געגענשטאַנד. די דומא „אַרבייט". ווי דען, האָט איהר געמיינט, זי וועט לעדיג געהן? זי וועט זיך בעשעפטיגען מיט אַזעלכע פּוסטע זאַכען, ווי פּאָגראָמען אין אָדעס? ניין, קינדערלעך, די דומא האָט קיין צייט נישט, די דומא „אַרבייט", די דומא האָט צו „בעטראַכטען" און „אַרומצורעדען" דעם ענין פון קייטעלעך!

און די יודען־פראַגע איז זיך דערווייל יודען־פראַגע. עהערגעכטען איז געווען אַ זיצונג פון דער ערשטער אונטער־קאָמיסיע, וועלכע זיצט און בעשעפטיגט זיך מיט דער פראַגע וועגען רעליגיאָנס־פרייהייט. דער דעפּוטאַט ש. בראַמסאָן האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגען אַלע בעגרענצונגס־געזעצען פאַר יודענס וועגען. פאָרלויפיג האָט ער גע־לייענט נאָר דעם ערשטען טייל פון זיין רעפעראַט: וועגען די בע־גרענצונגען אין דעם וואוינרעכט פאַר יודען, ווי זיי געפינען זיך אין די פערשידענסטע פּאַראַגראַפען פון דעם רוסישען קאָדעקס. די אונ־טער־קאָמיסיע האָט איינשטימיג בעשלאָסען: צוצושטעלען דער אוי־בער־קאָמיסיע, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער פראַגע וועגען רע־ליגיאָנס־פרייהייט, אַ פּראָיעקט, אַז אַלע בעגרענצונגען בנוגע דעם

ידישען וואוינרעכט זאָלען אָבגעשאַפט ווערען. ובכן זעהט מען דאָך, אַז מען „אַרבייט״! אַנ׳אונטער־קאָמיסיע צו אַנ׳איבער־קאָמיסיע, אַנ׳איבער־קאָמיסיע צו אַ דומא, אַ דומא צו אַ רעגירונגס־ראַט, אַ רעגירונגס־ראַט צו... צו אַנ׳אַרכיוו, און אַ סוף מיט אַנ׳עק! עס איז עפּעס אַזוי ווי די פרשה „אמור אל הכהנים״: די גרויסע כהנים זאָגען די קליינע כהנים׳לעך, די קליינע — די נאָך קלענערע און אַזוי ווייטער. אַלס קוריאָז מוז איך נאָך דערמאָהנען, אַז אַ גוואלדיגען חידוש האָבען אָנגעמאַכט אין יענער קאָמיסיע צוויי פּאַראַגראַפען, וועלכע העררבראַמסאָן האָט געבראַכט אַלסביישפּיעל פאַר די פיעל משונה׳דיגע רוסישע געזעצען וועגען יודען: אין איין פּאַראַגראַף ווערט בעגרענעצט דאָס רעכט פאַר יודען אַלס לייער־קאַסטען (קאַטאַרינקא־שפּיעלער), אַלס קונצענמאַכער און אַלס ציגיינער, און אין דעם צווייטען פּאַראַגראַף ווערט יודישע פרויען פערוועהרט צו ראַזירען זיך די האָר פון קאָפּ.

אין אַ בריעף, וועלכען איך האָב היינט דערהאַלטען פון פּעטערבורג, שרייבט מען מיר: דער געזעץ־פּראָיעקט וועגען גלייכבערעכטיגונג פאַר יודענס וועגען איז ביז איצט אונטערגעשריבען געוואָרען פון 80 דעפּוטאַטען. די יודישע דעפּוטאַטען ווילען אָבער נישט דעם פּראָיעקט דערווייל צושטעלען דער דומא, דען זיי וואַרטען, ביז ער וועט זיין פריהער אונטערגעשריבען פון דעם רוב פון די דומא־דעפּוטאַטען, כדי אויף אַזאַ אופן צו בעווייזען, אַז דער רוב דעפּוטאַטען האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר גלייכבערעכטיגונג פאַר יודענס וועגען. — ווי מען הערט, זאָל דער מיניסטאָרען־ראַט האָבען בעשלאָסען ד ע ר ו ו י י ל זיך אָבצוהאַלטען פון אַרויסשיקען פון די אינערליכע גובערניעס יענע יודען, וועלכע האָבען נישט קיין וואוינרעכט. אויף רוסלאַנד קאָן מען אַלעס גלויבען, און איבערהויפּט דענסמאָל, ווען מען בעדאַרף אַנ׳אויסלענדישע הלוואה!

בין כך ובך פיהרט זיך אַלעס ווי געוועזן: אין א י י ן טאָג זענען פון קריעגס־געריכט ע ל ף מענשען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט און זענען געהאָנגען געוואָרען: זעקס אין וואַרשא, דריי אין דער נאָהענט פון וואַרשא און צוויי אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אין פּעטערהאָף זענען אין דעמזעלבען טאָג אָנגענומען געוואָרען אויף אַנ׳אוידיענץ ביים קייזער און דער קייזערין 30 רעכטע דומא־דעפּוטאַטען; צווישען

די אָנגעגומענע געפינען זיך אויך מענשען ווי: דער עפּיסקאָפּ יעוולאָ־גי און דער עפּיסקאָפּ פלאַטאָן, פּורישקעוויטש, שולגין, סאַזאנאָוויטש, ריין און כאָמיאַקאָוו. — דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט אָנגעהויבען אויסצואַרבייטען אַ נייע אינסטרוקציע פאַר יעדער שטאָדט־אַדמי־ניסטראַציע בנוגע צו דעם ווי זי דאַרף זיך נוהג זיין מיט די דעפּו־טאַטען פון דער דומא, ווען זיי וועלען אם־ירצה־השם קומען אַהיים. — עטליכע דעפּוטאַטען, וועלכע זענען געווען צום סאָציאַליסטען־קאָנגרעס אין לאָנדאָן, זענען ביי זייער אַהיימקומען אַרעסטירט געוואָרען און נאָר ערשט שפּעטער האָט מען זיי ווידער בעפרייט. — איך האָב צו־גויפגעשטעלט דאָס ביסעל נייעס, נאָר אום צו ווייזען, ווי הויך עס שטעהט דער באַראָמעטער פון אונזער פרייהייט.

און צום סוף נאָך אַ קליינע סטאַטיסטיק וועגען אונזער פרעסע־פרייהייט: אין די דריי חדשים, וואָס די צווייטע דומא עקזיסטירט, האָט די אַדמיניסטראַציע פערמאַכט צייטונגען און זשורנאַלען: אין פּעטערבורג — 43, אין מאָסקווא — 10, אין טיפליס — 6, אין באַקו — 3, אין יעקאַטערינאָדאַר — 1, אין סעוואַסטאָפּאָל — 1, אין קראַסנאָיאַרסק — 1, אין נאָוואָניקאָלאַיעווסק — 1, אין סעמיפּאַלאַטינסק — 2, אין באַלטישער געגענד — 9, אין וואַרשא — 3, אין ווילנא — 2, אין כאַרקאָוו — 1, אין פּאָלטאַווא — 1, אין יעקאַטערינאָסלאַוו — 1, אין סימפערָאָפּאָל — 1, אין יאַלטאַ — 1, אין יאַראָסלאַוו — 1, אין סאַראַטאָוו — 1, אין וויאַטקאַ — 1, אין יעקאַטערינענבורג — 1, בסך־הכל אַלזאָ 93 צייטונגען. און פאַרט האָבען מיר דאָך עפּעס פרעסע־פרייהייט!

זיבענאונפערציגסטער בריעף

פון פעטערבורג קומען אונז אָן זינט צוויי טעג אַלע האַלבע שעה נייע טעלעגראַמען, איינע שרעקליכער פון דער אַנדערער: צוויי עסקאַדראָנען קאַוואַלעריע רינגלען אַרום די דומא; קאָזאַקען און טשערקעסען מיט בלאַנק געצויגענע שווערדען שטעהען גרייט צום קלאַפּ; פון קראַסנאָיע סעלאָ איז אָנגעקומען קיין פעטערבורג אַ רעגימענט פון דער קיראַסיער-גוואַרדיע און אַ רעגימענט קאָזאַקען; הונדערטער פאַטרולען פון זשאַנדאַרמען און קאָזאַקען ציהען איבער די גאַסען; פאַר די טויערען פון דער דומא וואַרטען צוואַנציג תפיסה-קאַרעטען; מיט אַ דראָהענדער פינסטערער מינע בעפעהלט סטאָליפּין אַ געהיימע זיצונג; 16 דומא-דעפּוטאַטען פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטען, פערלאַנגט ער, זאָל מען איהם זאָפאָרט אויסליפערען, אום זיי איבערצוגעבען דעם אויספאָרשונגס-ריכטער; די עקזיסטענץ פון דער דומא הענגט אויף אַ האָר; אַלע דעפּוטאַטען זענען איבערצייגט, אַז היינט-מאָרגען איז דער לעצטער טאָג פון דער דומא; אַ סך פון זיי האָבען שוין געקויפט רייזעבילעטען, אום אַרויסצופאָהרען פון פעטערבורג; עס זיצט אַ קאָמיסיע און בעקלערט די פראַגע פון אַרויסגעבען אָדער נישט אַרויסגעבען די 55 דעפּוטאַטען וואָס זענען „שולדיג” אין דעם כלומר׳שט געפּלאַנטען אַטענטאַט; ביז מאָנטאָג האָט זיך די דומא אויסגעבעטען אַ טערמין צו איהר בעשלוס; אין דער רעגירונגס-דרוקעריי, זאָגט מען, דרוקט זיך שוין דער אוקאַז צום פונאַנדערטרייבען די דומא. און פּלוצלינג, נאָך לעזענדיג יענע לעצטע טעלעגראַמען, קומט אונז אָן די אַלערלעצטע: עס איז געשעהן! לויט׳ן אַלערהעכסטען אוקאַז פון 3-טן (16) יוני צום רעגירענדען סענאַט איז דעם קייזער געפעלען צו בעפעהלען: 1) די רעגירונגס-דומא פונאַנדערצולאָזען; 2) מודיע צו זיין, אַז די נייע וואַהלען וועלען זיך אָנהויבען דעם 1-טען (14) סעפּטעמבער ה. י.; 3) דעם

טערמין פון דעם צונויפטרעטען פון דער נייער דומאַ צו בעשטימען אויף דעם 1-טען (14) נאָוועמבער ה. י. חוץ דעם איז אינ'ם היינטי-גען טאָג אַרויסגעגעבען געוואָרען אַנ'אַלערהעכסטער מאַניפעסט און אויך נייע וואַהל-געזעצען.

פאַרוואָס האָט מען די דומאַ צעטריבען? פאַרוואָס האָט מען זי גאָר צונויפגערופען? פאַרוואָס וועט מען צונויפרופען די דריטע? וואָס פאַר אַ צוועק האָט דאָס גאַנצע גרויזאַמע שפּיעלען זיך? — עס איז קלאָר, אַז די מעשה מיט די 55 „שולדיגע" דעפּוטאַטען איז נאָר אַ נאַרישער אויסרייד; עס איז קלאָר, אַז מען וואָלט די דומאַ צע-טריבען אַפילו ווען זי וואָלט זיך האָבען ענשטלאָסען אַרויסצוגעבען באַלד אין דער ערשטער מינוט נישט בלויז 55, נאָר זאָגאַר 110 דעפּוטאַטען. די ראיה איז, אַז די אויסגעאַרבייטע נייע וואַהל-געזעצען זענען שוין געלעגען פערטיג אין דער טאַש, און די רעגירונג האָט דאָך נישט געוואוסט, אַז עטליכע דומאַ-דעפּוטאַטען וועלען פערלאַנגען אַ בעדענק-צייט פון צוויי טעג. עס איז קלאָר, אַז נישט אויף דער רעגירונג איז געווען געמאַכט אַנ'אָנפאַל און די מעשה מיט אַ פערשווערונג געגען דעם טראָהן איז אַ פּוסטער אויסרייד, נאָר אומגעקעהרט איז עס: אויף דער מאַיעסטעט פון פאָלק איז געוואָרען געמאַכט אַנ'-אָנפאַל, געגען דער הייליגקייט פון דער קאָנסטיטוציע איז געווען אַ פערשווערונג און דער גרויזאַמער אַטענטאַט האָט זיך איינגעגעבען. דאָס פונאַנדערטרייבען פון דער איצטיגער דומאַ איז די גרעסטע באָמבע, וועלכע איז אין רוסלאַנד געוואָרפען געוואָרען, אַ באָמבע אויף אַ גאַנץ פאָלק; די נייע וואַהל-געזעצען, וואָס זיי זאָלען נישט זייך, זענען דער גרעסטער שווינדעל, וועלכען אַנ'אינטריגע פון ביוראָקראַטען האָט זיך ערלויבט געגען אַ גאַנץ לאַנד. אפשר וועט איצט ענדליך אַ גאַנצע וועלט איינזעהען, וואָס פאַר אַ שפּיעלכעל מען האָט געש-פּיעלט מיט אַ גאַנצער אומה און וואָס די גאַנצע קאָמעדיע איז געווען!

מילא מען האָט צעטריבען די ערשטע דומאַ: אַנ'אויסרייד פאַר אַ וועלט איז געווען, אַז זי איז עפּעס נישט געווען אינגאַנצען כשר — און בשעת הדחק האָט מען געקאָנט אַזאַ אויסרייד אָננעהמען און אויך גלויבען אין איהם. אָבער די צווייטע דומאַ! אַ דומאַ, וואָס האָט נישט געוואַגט אַ הויך וואָרט צו רעדען און האָט נאָר

געקוקט דעם פרעמיער יעדעסמאָל אין מויל אַריין און האָט זיך גע־אײלט יעדעסמאָל זיין ווילען צו טהון נאָך איידער ער האָט אַ וואָרט גערעדט. אַ דומאַ, וואָס האָט שוין נישט געשטורעמט וועגען אַמנעסטיע און טויט־שטראָף און גלייכבערעכטיגונג און פרייהייטען, אַ דומאַ, וואָס האָט, אדרבא, שוין געדיענט נאָר פאַר די רעגירונגס־צוועקען און האָט שוין עקזיסטירט נאָר אום צו בעשטעטיגען געזעצען, וועלכע די פּאָליציי האָט פערלאַנגט פון איהר, ווי, למשל, בויען תפיסות און מאַ־כען קייטען פאַר געפאַנגענע וכדומה, בקיצור אַ דומאַ, וואָס איז גע־ווען כשר וישר אין גוט און פרום און שטיל און טאַקטפול — און אַזאַ דומאַ האָט מען איצט פונאַנדערגעטריבען! וואָס פאַר אַנ׳אויסרייד וועט מען יעצט האָבען פאַר אַ וועלט? וואָס וועט מען זאָגען אַ וועלט, פאַר וואָס האָט מען עס געטהון? מען וועט זאָגען אַ וועלט, אַז ס׳איז געווען אַ געהיימע פערשווערונג געגען דער פערזאָן פון קייזער און געגען דער רעגירונגס־אָרדנונג — אָבער וועט דאָס אַ וועלט גלויבען? וועט דען אַ וועלט נישט איינזעהען באַלד, אַז דאָס גאַנצע קלעבט זיך עפּעס נישט, און אַפילו דעם פּראָצעס וועגען יענער „פערשווערונג״ קאָן מען נישט פיהרען עפענטליך און מען איז געצוואונגען איהם שטילערהייט צו פטר׳ן?

עס איז קלאָר, און אַ גאַנצע וועלט וועט עס איינזעהען, אַז מען האָט געשפּיעלט אַ שרעקליכע קאָמעדיע מיט אַ פאָלק און מיט זיינע רעכט און מיט זיין מענשליכער ווירדע! אין אַ שוואַכער מינוט האָט אַ רעגירונג עפּעס געגעבען, און דאַן האָט זי חרטה גע־האַט, וואָס זי האָט געגעבען און האָט עס געוואָלט צוריקנעהמען — און דעריבער האָט זי געשפּיעלט איהר שרעקליך שפּיעל. נאָך דעם יאַפּאַ־נישען קריעג איז עס געווען. מען איז אַהיימגעקומען אָבגעשמיסען און אַביסעל אונזיכער און אויס יחסן. אין לאַנד האָט עס געקאָכט; די אונצעהליגע הונדערטער מיליאָנען, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען לאיבוד, און די מיליאָנען קרבנות, וועלכע זענען געפאַלען אומזיסט, האָבען אָנגעמאַכט אַביסעל בייז בלוט. מען האָט גערעדט וועגען אַ רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. דענסמאָל איז עס געווען, אַז די רעגירונג האָט געפונען פאַר נויטיג מקדים צו זיין די רפואה פאַר דער מכה, און דעם 17־טען (30) אָקטאָבער 1905 האָט זי געגעבען די קאָנ־

סטיטוציע. מעגליך איז, אַז בשעת'ן געבען איז עס געמיינט געווען ערליך; מעגליך איז אָבער אויך, אַז דאָס גאַנצע געבען איז געווען לכתחילה באַלד אַ קאָמעדיע. ווי די מעשה איז, דאָס פאָלק האָט צוגענומען די מתנה; דאָס פאָלק האָט עס אַוודאי ובוודאי געמיינט ערליך. זעלבסטפערשטענדליך, האָט די רעגירונג באַלד אַרומגעקוקט זיך און האָט געזעהן, וואָס זי האָט דאָ געטהון; אַ קאָנסטיטוציע האָט זי געגעבען, עפּעס ווי אין שלאָף האָט זי עס געגעבען, עפּעס ווי אין צושטאַנד פון אַ נאַכטוואַנדלער — און באמת'דיג איז עס דאָך געווען אַן איבערגעאיילטער שריט. און דאָ האָט האָט אָנגעהויבען די רעגירונג צו זוכען עצות, דאָס געגעבענע צוריק אַרויסצוקריגען פון די לאַפּעס פונ'ם פאָלק. זי האָט געפּרובט מיט קאָנטר־רעוואָלוציעס, אפשר וועט דאָס פאָלק צוריק אַרויסגעבען דעם 30־טען אָקטאָבער — דאָס פאָלק האָט נישט צוריקגעגעבען. זי האָט געפּרובט אין מעהר ווי 150 שטעדט צו מאַכען פּאָגראָמען און בלוט־בעדער אין גרויסען סטיל — דאָס פאָלק האָט פעסט געהאַלטען זיין קאָנסטיטוציע. זי האָט געפּרובט מיט רעפּרעסיעס און מיט קריעגס־צושטאַנדען און מיט פעלד־געריכטען — דאָס פאָלק האָט בעהאַלטען זיין „פרייהייט". זי האָט פונאַנדערגעטריבען די ערשטע דומאַ, זי האָט געהאָנגען און געשאָסען און אַרעסטירט — דאָס אומגליקליכע פאָלק האָט אַלץ נאָך געמיינט, אַז דאָס איז אויף דערווייל. זי האָט געפּרובט און האָט געוואָלט געבען „ערקלערונגען" צו די וואהל־געזעצען דורך דעם סענאַט, אַזוי אַז צוויי דריטעל פון די, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט צו וועהלען, זענען געוואָרען אויסגעשלאָסען און די גאַנצע דומאַ איז געוואָרען דאַדורך נאָר אַ מאַריאָנעטען־שפּיעל אין איהר האַנד — דאָס נאַרישע אומגליקליכע פאָלק האָט אָבער אַלץ נאָך געמיינט, אַז עס האָט עפּעס. דערווייל אָבער איז יענער פחד, וועלכען די רעגירונג האָט געהאַט אַמאָל פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען און מיט איהם איז מסתם אויך פערשוואונדען דער פחד וועגען אַן'אויסלענדישען קרעדיט, און אַזוי האָט די רעגירונג בעשלאָסען פראַנק און פריי אַ סוף צו מאַכען מיט די עטליכע רעשטלעך, וועלכע זענען נאָך געבליבען פון דעם 30־טען אָקטאָבער. ראשית האָט זי די דומאַ אַזוי אָבגעריכט, אַז זי זאָל שוין נישט האָבען דעם מוּט

פון דער רעגירונג צו פערלאַנגען, נאָר אדרבא, זי זאָל נאָר עקזיס־טירען, אום צו בעשטעטיגען דאָס, וואָס די רעגירונג וועט פון איהר פערלאַנגען; די רעגירונג האָט געטריבען קאַטאָוועס מיט דעם פאָלק און האָט געשפּעט און געלאַכט אין די אויגען אַריין און האָט פאַר־געלעגט דער דומאַ געזעץ־פּראָיעקטען וועגען תפיסות און קייטען. דאַן אָבער האָט די רעגירונג איינגעזעהן, אַז ס'איז שוין צייט צו מאַכען אויף דעם אויסערסטען שריט; דאָ האָט זי אויסגעטראַכט עפּעס אַ בלבול וועגען אַ פערשווערונג און האָט פערלאַנגט, אַז די דומאַ זאָל איהר אויסליפערען 55 מאַן פון איהרע דעפּוטאַטען, און גלייכצייטיג האָט זי די דומאַ צעטריבען און האָט פּראָקלאַמירט נייע וואַהל־געזע־צען. אַזוי האָט מען סיסטעמאַטיש געאַרבייט, אַביסעל נאָך אַביסעל, אום צו מאַכען אַ סוף צו דער קאָנסטיטוציע און די געגעבענע פריי־הייטען פון'ם 17/30־טען אָקטאָבער!

און ווי אַזוי די נייע וואַהל־געזעצען וועלען זיין, קאָן מען פער־שטעהן! שוין די פאָריגע וואָך זענען געווען קלאַנגען, אַז מען מאַכט נייע וואַהל־געזעצען, לויט וועלכע נאָר עכ"ץ רעכט־גלויביגע רוסען וועלען האָבען דאָס רעכט צו וועהלען. פוז הל־רעכט וועלען אַלזאָ וועּ־רען אויסגעשלאָסען יודען, און אפשר אי נאָליאַקען און אַרמענער און לעטען און נאָך אַזעלכע. חוץ דעם ווע' אַוודאי ווערען אויסגעשלאָ־סען אַלע אַרבייטער־קלאַסען וכדומה. ד וועלען מסתמא ווערען אויס־געשלאָסען אַלע, וועלכע האָבען אַמאָל בעזוכט אַ שולע און קאָנען לעזען אין אַ בוך. און דאַן וועלען ווערען אויסגעשלאָסען אַלע, וועלכע דיענען נישט ביי דער רעגירונג און זענען נישט קיין טשי־נאָווניקעס. און ליתר תוקף ועוז וועט קומען דער סענאַט און וועט מאַכען „ערקלערונגען", אַז אַריינלאָזען אין דער דומאַ זאָל מען נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבען פריהער נושא חן געווען ביי דער רעגירונג און האָבען אַ הכשר פון דער געהיים־פּאָליציי פאַר גוטע מעשים, וואָס זיי האָבען געטהון און אַזוי וועט קומען דער 1/14־טער נאָוועמבער און די נייע דומאַ, די דריטע, וועט זיך עפענען. די דומאַ, די דריטע, וועט זיין אַנ'אונטער־אָבטיילונג פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. אין דער דומאַ וועט זיצען אַ כשר'ער פרומער עולם. איינער פון סטאָלי־פּינס מענשען וועט זיין פּאָרזיצענדער און וועט קוקען סטאָליפּינען

אין מויל אַריין. מען וועט פאָרלעגען אַ געזעץ־פּראָיעקט, צו מאַכען צעהן־פונטיגע קייטען פאַר יעדען געפאַנגענעם — און די דומאַ וועט פּאַטשען בראַוואָ און וועט שרייען הוראַ און וועט בעשטעטיגען דאָס געזעץ מיט׳ן גאַנצען האַרצען. מען וועט פאָרלעגען, איינצוריכטען אייביגע פעלד־געריכטען און איינצופיהרען אונאונטערבראָכענע טויט־שטראָף — און די דומאַ וועט שרייען בראַוואָ און וועט רופען נעשה ונשמע. מען וועט פאָרלעגען, איינצופיהרען צענזור אויף ביכער און צייטונגען, און דאָס אין דער שאַרפסטער פאָרם — און די דומאַ וועט שרייען הוראַ און וועט זיין גליקליך מיט דעם נייעם געזעץ. עס קאָן בלויז זיין, אַז פון יוצא וועגען, וועט מען זיך האַלטען אויך עפּעס אַ לינקען, וועלכער זאָל, ווען נישט ווען, אויך זאָגען עפּעס אַנ׳אָפּאָזיציאָנס־וואָרט, כדי צו קאָנען אַ טאָג שפּעטער טענה׳ן אַז עס איז פאַרהאַן אַ רעוואָלוציע און מען מוז מאַכען אַ פּאָגראָם אין עט־ליכע שטעדט.

און וואו איז די פּערזענליכע פרייהייט? און וואו איז די רע־ליגיאָנס־פרייהייט? און וואו איז די אונבעריהרליכקייט? און וואו איז די גלייכבערעכטיגונג? און וואו איז די פּאָלקס־פערטרעטונג? און וואו זע־נען אַלע חלומות פונ׳ם 17/30־טען אָקטאָבער?

וועט איירעפּאַ אפשר פאָרט איינזעהען, וואָס מען האָט אונז געמאַכט און וואָס פאַר אַ זינדיג שפּיעל מען האָט געטריבען מיט אונז? וועט די וועלט ענדליך פערשטעהן אויף וועמען מען האָט גע־מאַכט דעם אָנפאַל און ווער עס איז געפאַלען אַ קרבן פון דער פערשווערונג?

אכטאונפערציגסטער בריעף

נאָך דעם שטורם — אַ טויט־שטילקייט. שטילינקערהייט אַרעס־טירט מען יעדען טאָג צעהנדליגער, הונדערטער, טויזענדער מענשען; מען בעפאַלט אין גאַס, מען בעפאַלט אין בעט ביינאַכט און מען אַרעסטירט. די טויזענד־און־איין גענעראַל־גובערנאַטאָרען אין רוסלאַנד האָבען איבערגענומען דעם רעזשים און זיי ווייזען, אַז זיי זענען פיעל אַ ר ב יי ט ס־פעהיגער ווי די דומאַ איז געווען, דען זיי מאַכען יאָ טויזענד געזעצען יעדען טאָג, און אויפ'ן גרונד פון די דאָזיגע געזע־צען ווערען בעשטראָפט יעדען טאָג און ווערען ארעסטירט און ווערען פערשיקט הונדערטער מענשען. די צענזור איז נישט צוריק איינגע־פיהרט — ניין, נאָר גלאַט אַזוי, לויט „פאָרלויפיגע" פעראָרדנונגען פון גענעראַל־גובערנאַטאָרען טאָר מען קיין פּיפּס נישט געבען און מען טאָר אין די צייטונגען קיין איינציג וואָרט נישט שרייבען, „וועלכעס רייצט אָן די בעפעלקערונג געגען דער רעגירונג" — און וועלכעס וואָרט אייגענטליך וועט אין רוסלאַנד נ י ש ט הייסען אָנגערייצט געגען דער רעגירונג? די געוועזענע דומאַ־דעפּוטאַטען ווערען צום גרעסטען טייל גערופען צו די אונטערזוכונגס־ריכטער, און פון דאָרט ווערען זיי אַוועקגעשיקט דירעקט אין די תפיסות. די געמיטער זענען זעהר גע־דריקט און די שטימונג איז אומעטום אַ זעהר שווערע. דאָ און דאָרט מאַכט זיך אַ טעראָריסטישער אָנפאַל און עס ווערען באָמבעס געוואָר־פען און עקספּראָפּריאַציעס געמאַכט. דאָ און דאָרט הערט זיך פון אונ־רוהען אין מיליטער און הונדערטער סאָלדאַטען ווערען געשאָסען, דאָ און דאָרט ברעכען אויס אַגראַרישע פּאָגראָמען און די פּויערים צינדען וועלדער און פערוויסטען גאַנצע שטרעקען. אין מיטען הערט זיך די ווילדע שמחה פון די עכט־רוסען, וועלכע פייערען זייער נצחון. און אין דער פּרעסע איז טויט־שטיל. עס הערט זיך קיין פּיפּס נישט.

מען טאָר דאָך נישט אָנרייצען די בעפעלקערונג געגען דער רעגירונג!

אָט דאָס איז רוסלאַנד! מען פיהרט נישט איין חלילה קיין בע־גרענצונגען און רעפרעסיעס, ניין, נאָר גלאַט אַזוי, מען לאָזט אַ גע־נעראַל־גובערנאַטאָר עפּעס אַ „פּאָרלויפיגע״ פעראָרדנונג בעקאַנט מאַכען, און אַלעס איז פערטיג. מען ברויכט נישט ערשט אַ צענזור איינצו־פיהרען, עס איז גענוג אַ מודעה אויף די װענד פון די הייזער — און די גאַנצע פּרעסע איז אָנגעטהון אין אַ מויל־קאָרב. מען קאָן אין רוס־לאַנד אפילו זיך ערלויבען צו געבען אַנ׳אַלגעמיינע אַמנעסטיע — און פּאָרט זאָל מען טאָג־טעגליך הונדערטער מענשען אַרעסטירען. איך וויים גאָרנישט, צו וואָס האָט מען זיך אַזוי געאַמפּערט און איינגע׳עקשנט אינ׳ם פאָריגען יאָהר אין דער דומא וועגען טויט־שטראָף, מען האָט גאַנץ גוט געקאָנט די טויט־שטראָף אָבשאַפען — און פּאָרט זאָל מען טאָג־טעגליך צעהנדליגער מענשען הענגען און שיסען. איך וויים אויך נישט, צו וואָס עס איז געווען דער גאַנצער טאַראַראַם וועגען אָבשאַפונג פון קריעגס־צושטאַנד און בעלאַגערונגס־צושטאַנד און דערגלייכען, מען האָט גאַנץ גוט געקאָנט דאָס אַלעס מבטל זיין — און פּאָרט זאָלען זיך אַרומדרעהען אויף יעדער גאַס הונדערטער פּאַט־רולען און די סאָלדאַטען זאָלען נישט לאָזען קיין לעבעדיגען מענשען אויף דער ליכטיגער שיין. עס איז דאָך דערפאַר עפּעס רוסלאַנד! עס וואָלט מיך אין רוסלאַנד נישט וואונדערען, ווען איך זאָל הערען, אַז סטאָליפּין האָט געמאַכט רוסלאַנד פאַר אַ רעפּובליק — און פּאָרט זאָל דער לעצטער גאָסען־פּאָליציאַנט האָבען די ממשלה איבער דעם לעצ־טען קינד אין דער וויעג. איך קען נישט קיין לאַנד און איך קען נישט קיין געשיכטליכען פעריאָד, ווען מען זאָל האָבען אַ פאָלק אַזוי צונאָר געמאַכט ווי אין רוסלאַנד. יעדעס וואָרט, יעדער שריט פון דער רעגירונג איז דער ביטערסטער שפּאָט!

און אָפט קומט מיר פאָר, אַז די מענשען אין רוסלאַנד פערדי־נען די דאָזיגע שטראָף און זענען עפּעס בעסערס נישט ווערט; זיי ווילען אָדער זיי קאָנען גאָרנישט זייער לאַגע פערשטעהן. איהר דאַרפט נאָר זעהען מיט וואָס פאַר אַנ׳ערנסט און מיט וואָס פאַר אַ שטערען־קנייטשען זיי זענען זיך מפלפל וועגען דעם נייעם וואהל־געזעץ! אַזוי

ווי די צייטונגען טאָרען ווענען קיין שום זאַך נישט שרייבען, חוץ ווענען אַקטריסעס און וואו מען קריגט גוטען טערקישען טאַבאַק און וועלכער געליעבטער האָט טויטגעשאָסען זיין געליעבטע, האָבען זיי זיך גענומען צו מאַכען קאָמענטאַרען צו דעם נייעם וואַהל-געזעץ. זיי רעכענען אייך אויס אויף די פינגער האר-קליין, וויפיעל עס וועלען אַריין אין די דריטע דומא פון יעדער מענשען-קלאַס אין רוסלאַנד. די פויערים פערלירען גאַנצע צוויי דריטעל פון זייערע וועהלער, די יודען פערלירען כמעט גאָרנישט, די לינקע פאַרטייען פערלירען זיבען אַכטעל, די פּאָליאַקען—ניינציג פראָצענט, די באַלטישע געגענד — אַכציג א.ז.וו. א. ז. וו. אוי, די נאַראָנים! אַזוי ווי מיט דעם דאָזיגען וואַהל-געזעץ וואָלט שוין זיין די ערד צוגעשלאָסען און זיין טעקסט וואָלט זיין אַ הלכה למשה מסיני! ווייסען זיי דען נישט, אַז די הויפּט-כוונה איז, דאָס אין די דומא זאָל נישט אַריינקומען קיין שום אָפּאָזיציאָנעלע קראַפט און זי זאָל זיין אַ ריינע עכט-רוסישע? און ווייסען זיי נישט, אַז ווען דאָס דאָזיגע וואַהל-געזעץ וועט זיך אַרויסווייזען פאַר נאָך נישט גענוגענד, וועט מען נישט זיין פויל און מען וועט מאַכען דערין נאָך כמה וכמה ענדערונגען? ערשטענס איז עס אָנגעשריבען אין אַזאַ פערדרעהטער שפּראַך, אַז יעדער גובערנאַטאָר און יעדער טשינאָווניק אין זיין אָרט קאָן אַריינלעגען דערין גאָט ווייסט וועלכע פירושים, אַזוי אַז ס'זאָל אַרויסקומען גוט פאַר דער רעגירונגס-וועגען. צווייטענס איז ביי אונז דאָ אַ סענאַט, וועלכער קאָן גאָט זיי דאַנק מאַכען „ערקלערונגען”, ווען מען דאַרף און ווי מען דאַרף. דריטענס, זאָל שוין זיין אַ דריטע דומא און זי זאָל נישט אַרויסקומען אַזוי ווי די רעגירונג בעדאַרף זי האָבען, וועט מען זיך נישט פוילען, זי צו צעטרייבען און מען וועט מאַכען נייע וואַהל-געזעצען און מען וועט צונויפרופען אַ פיערטע, און אַזוי ווייטער, אַזוי אַז צום סוף וועט די רעגירונג פאָרט אַרויסקריגען אַ דומא, אין וועלכער עס וועלען זיצען נאָר אַזעלכע דובראָווינס און שולגינס און פורישקעוויטשעס און קרושעוואַנס און דערגלייכען. וואָס נוצען אַלזאָ אַלע וויכוחים און פלפולים? וואָס האָבען מיר דערפון, אַז מען בעווייזט אונז, למשל, דאָס יודען זענען אין זייער וואַהל-רעכט אייגענטליך נישט געקירצט געוואָרען, ווען אין דעם וואַהל-געזעץ געפינט זיך אַ פונקט, אַז די גובערנאַטאָ-

רען האָבען דאָס רעכט, דאָרט וואו עס געפינען זיך פערשידענע פעלקערשאַפטען, צו לאָזען וועהלען נישט אינ׳ם אַלגעמיינעם, נאָר לויט פעלקערשאַפטען? פערשטעהט איהר דען נישט, אַז אויף אַזאַ אופן וועלען יודען, אפילו דאָרט וואו זיי זענען דער רוב, מיט זייער רוב גאָרנישט קאָנען אויספיהרען? איהר לערנט ערנסט דאָס נייע וואַהל-געזעץ און מאַכט פשט׳לעך. עס איז אָבער גענוג, אַז מען זאָל זעהען, ווי די רעגירונג לערנט עס. אין דעם לעצטען נומער „ראָסיאַ״, וועלכע איז דער אָרגאַן פון פרעמיער-מיניסטער סטאָליפין אַליין, לייען איך היינט בפירוש די פאָלגענדע ווערטער: „די חסרונות פון דעם נייעם וואַהל-געזעץ קאָנען זיך אַרויסווייזען ערשט אין דער פּראַקטיק. און דענסמאָל וועט זיך געפּוי אַרויסווייזען, וואָס מען האָט ווייטער צו טהון״. איז אפשר דאָס אויך נאָך נישט גענוג קלאָר פאַר אייערט-וועגען?

דער אַטענטאַט אויף די רעכט פונ׳ם פאָלק איז געמאַכט געוואָרען: מען האָט די גרונד-געזעצען איינמאָל אָנגעריהרט און געענדערט — און איצט איז קיין שום טעם נישטאָ, אַז מען זאָל נישט ענדערען יעדען טאָג און פון דער קאָנסטיטוציע פונ׳ם 17/30-טען אָקטאָבער 1905 זאָל נישט בלייבען מעהר ווי אַ פוסטער נאָמען. און דאָ זענען זיך אונזערע חכמים נאָך מפלפל וועגען ווערטער און זענען גליקליך, ווען זיי געפינען, אַז לויט דעם און דעם וואָרט קומט אויס אַזוי און אַזוי.

דערווייל איז אומעטום אַ טויט-שטילקייט ווי אויף אַ בית-עלמין. די צענזור האָט מען אפילו נישט צוריק איינגעפיהרט, נאָר גלאַט אַזוי האָט מען דערווייל עטליכע צעהנדליג צייטונגען געשלאָסען, ווייל זיי האָבען — פערשטעהט איהר מיך — „אָנגערייצט די בעפעלקערונג געגען דער רעגירונג״ און אונצעהליגע צייטונגען האָט מען בעשטראָפט מיט געלד-שטראָפען. נעכטען און עהערנעכטען האָט מען בעשטראָפט די צייטונג „פאַרוס״ מיט 3000 רובעל געלד-שטראָף, די צייטונג „סוואָבאָדנאַיאַ מיסל״ מיט 1500, „סטאָליטשנאָיע אוטראָ״ און „רוסקיא וויעדאָמאָסטי״ מיט 10.000, „רוסקאָיע סלאָוואָ״ מיט 500, „נאָוואָסטי דניאַ״ און „זריענער״ מיט 100 רובעל און נאָך און נאָך, און חוץ דעם האָט מען דעם רעדאַקטאָר פון „סיזראַנסקאָיע אוטראָ״ בעשטראָפט מיט 500 רובעל געלד-שטראָף, און ווייל ער האָט נישט געהאַט דאָס געלד צו בעצאָהלען, האָט מען איהם פער׳משפט אויף דריי חדשים געפענגניש. און דאָס

זעהט איהר, טהוט נישט די „רעגירונג״, חלילה! דאָס טהוען נאָר די גענעראַל-גובערנאַטאָרען, — — גענעראַל-גובערנאַטאָרען, דאָס זענען אין רוסלאַנד אַזאַ מין צוגאָב צו דער קאָנסטיטוציע.

בין-כך-ובך איז די שמחה גרויס אין דעם לאַגער פון די עכט-רוסען. אַ קאָמאַנדירענדער גענעראַל האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו אַלע זיינע אונטערגעאָרדנעטע, אַז זיי זאָלען זיך איינשרייבען פאַר מיט-גלידער אין דעם פעראיין פון די עכט-רוסען. סטאָליפין האָט געשיקט טעלעגראַמען מיט הערצליכע גליק-וואונשען צו די פערשידענסטע פעראיינען פון די עכט-רוסען. דער קייזער האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע צום פּאָרזיצענדען פון דעם הויפּט-פעראיין פון די עכט-רוסען און האָט די עכט-רוסען אָנגערופען זיינע טרייע זיהן און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זענען זיין הויפּט-שטיצע און אַלעס, וואָס זיי טהוען, איז גע-זעצליכקייט און רעכט. חוץ דעם האָבען די עכט-רוסען געקריגען פון דער רעגירונג אַנ׳אונטערשטיצונג 2,000,000 רובעל, כּדי צו קאָנען אַגיטירען. מיר שיינט, די רעגירונג האָט גאָרנישט נויטיג געהאַט, ערשט צו בעוויזען אין וואָס פאַר אַ פריינדשאַפטליכע פערהעלטניש זי שטעהט צו די עכט-רוסען; די וועלט האָט דאָס אויך אָהן דעם געוואוסט. ווען זי ווייזט עס איצט בעזונדערס אַרויס, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זי וויל דער וועלט ווייזען, אַז זי פרעגט איצט נאָך קיינעם נישט מעהר און זי ברויכט אויך נישט מעהר צו שפּיעלען יענע קאָמעדיע, וועלכע זי האָט געשפּיעלט פאַר עטליכע וואָכען, דענסמאָל ווען זי האָט געמאַכט אַ פּנים, ווי זי וואָלט כלומר׳שט נישט זיין צופרידען מיט די שטיקלעך פון איהרע קונדסים׳לעך. איצט נאַטירליך איז אַנ׳אַנדערע וועלט. מען גיט זיי ברכות און הויפּטזעכליך געלד-אונטערשטיצונגען פראַנק און פריי. איבריגענס ברויכט זיי די רעגירונג גראָד איצט טהאַטזעכליך צו האָבען. זיי וועלען דאָס פיהרען אין גאַנצען לאַנד דאָס קאָמאַנדאָ און וועלען פאָרבערייטען די וואַהלען צו דער דריטער דומא. דאָס געלד איז אויף אַרויסצוגעבען צייטונגען אין די פּראָווינץ-שטעדט און אויף וואַהל-אַגיטאַציע. זעלבסטפערשטענדליך, קאָן נישט שאַדען, ווען זיי וועלען בינתים מאַכען אויך אַ שטיקעל פּאָגראָם. — וואָס פאַראַ וואַהלען עס קאָנען אַרויסקומען, ווען די דאָזיגע וועלען זיין די אַר-בייטער קאָן מען פערשטעהן.

פון וואַנען האָט די רעגירונג פלוצלינג גענומען דעם מוט, אַזוי עפענטליך אַרויסצוטרעטען מיט איהרע עכט-רוסען? פון דאָרט, וואו זי האָט גענומען דעם מוט, די דומא צו צעטרייבען און די וואַהל-געזעצן ניי צו פאַבריצירען. גענויער גערעדט: אין פעטערבורג איז מיט אַ וואָך פריהער, איידער די דומא איז צעטריבען געוואָרען, געזעסען דער הערר פישעל, דער פערטרעטער פון דעם הויז מענדעלסזאָהן, און אין דער היינטיגער וואָך ריכט מען זיך דאָרט אויף די אָנקונפט פון מענדעלסזאָהנען אַליין. די הלוואה, ווי עס שיינט, איז אַ פערטיגע זאַך— און מען פרעגט נאָך קיינעם נישט.

ניינאונפערציגסטער בריעף

די סדרה, וואָס געהט די היינטיגע וואָך, הייסט: צוואַמענפאָהר פון דער זעמסטוואָ (לאַנד־שטאַנדען) אין מאָסקווא. דאָס איז דאָס הויפט־נייעס און דאָס הויפט־טעמא. זעהט איהר, אויך אינ'ם יאָהר 1905, אין יענער גוטער אַלטער צייט פונ'ם „פריהלינג", האָבען מיר געהאַט אַ זעמסטוואָ־צוזאַמענפאָהר. איך זאָג אָבער: להבדיל! איך זאָג: להבדיל אלף אלפים הבדלות! און אויך דאָס איז נאָך צו וועניג. דאָס וואָרט זעמסטוואָ איז דענסמאָל געווען עפּעס אַזאַ ריין, אַזאַ שעהן וואָרט. עס איז געווען גלייכבעדייטענד מיט פריהלינג, מיט פרייהייט, מיט האָפנונג, מיט אַלעם גוטען און איידעלען. די זעמסטוואָ האָט געשפּיעלט די ערשטע פיעדעל אין דער דעמאָלסדיגער פרייהייטס־בעוועגונג. עס איז גענוג, ווען איך דערמאָהן זיך, אַז פון איהר איז אַרויסגעגאַנגען אַ מענש ווי טרובעצקאָי, אַ מין צווייטער מאַרקיז פּאָזאַ, דער דאָזיגער, וועלכער איז געגאַנגען צום קייזער און האָט איהם געלייענט דעם צע־טעל ווי עס בעדאַרף צו זיין און האָט מיט ווערטער, ווי זיי זענען אין רוסלאַנד נאָך נישט געהערט געוואָרען, געמאָהנט ביי איהם די פרייהייט. יעדענפאַלס, ווען עס איז ביי אונז געווען אַ 17/30־טער אָקטאָבער — האָבען מיר אַ גרויס שטיק פון איהם צו פערדאַנקען דער זעמסטוואָ. און נון האָבען מיר אויך איצט אַ זעמסטוואָ. מען הענגט אַראָב די אויגען, אַז מען דערמאָהנט דאָס וואָרט, און דאָס בלוט קומט איינעם אין פּנים אַריין. רבונו של עולם, טויזענד דובּי־ראָווינס און פּורישקעוויטשעס און קרושעוואַנס זענען מיר דאָך ליעבער פון דער דאָזיגער זעמסטוואָ! יענע זענען ווייניגסטענס מענשען פונ'ם נידריגען שטאַנד און אָהן אייגענע געלד־מיטלען און קאָנען אַליין, אָהן שטיצע פון אַנדערע, אייגענטליך גאָרנישט טהון. דאַגעגען אָבער זענען די דאָזיגע זעמסטוואָ־לייט גאָר אַנדערע פּערשוינען. איהר געפינט

דאָ צווישען זיי אויפ'ן צוזאַמענפאָהר אַ שטיקלעך פערציג־פופציג גראַ־פען און פירשטען, פאַר אייערע אויגען שווימען אַרום פינף־פודיגע בייכער מיט גלענצענדע צופרידענע פנימ'ער, דאָס פערמעגען פון זיי בעטרעפט — לויט אַ חשבון פון אַ מאָסקווער זשורנאַליסט — נישט וועניגער ווי 800 מיליאָן רובעל, און די מענשען אַליין זענען מענשען, וואָס זענען אימשטאַנד אַ וועלט חרוב צו מאַכען, ווען עס ריהרט אָן זייערע אינטערעסען. און אַזוי ווי זייערע אינטערעסען האָט עס אַנגעריהרט, דען די צווייטע דומא האָט דאָך געוואָלט, אַז זיי זאָלען מוותר זיין אויף זייערע גיטער לטובת די אָרימע פויערים, און אַזוי ווי עס איז דאָ אַ ניי וואַהל־געזעץ, וועלכעס פערזיכערט זיי די אויבער־האַנד אין דער דריטער דומא, זענען זיי געקומען מיט דעם בלוט־דורשט פון וועלף, זיך אַרויפצוואַרפען אויפ'ן פאָלק, און זיי פאַקען־אויס זייערע פעקלעך פראָיעקטען, וועלכע זיי האָבען מיטגע־בראַכט פאַר דעם צוקונפטיגען „נייען" רוסלאַנד. עס ווערט אייגעם פינסטער אין די אויגען, אַז מען הערט דאָס אַלעס. איהר געפינט דאָ צווישען דעם עולם אַזעלכע מענשען, ווי דעם קורסקער „בע־ריהמטען" גראַף רעדער, איהר געפינט דאָ דעם בעוואוסטען קאסאטקין־ראָסטאָווסקי, איהר געפינט דעם מיליאָנער ראָדזיאַנקאָ פון יעקאַטערי־נאָסלאַווער גובערניע — און דאָס אַלעס זענען מענשען, וואָס אפילו אַ מענש ווי באָברינסקי האָט אַקעגען זיי אַ פנים ווי אַ נאַאיוו קינד. פון די לאַפלענדער געדענקט איהר דאָך, אַז ווען עס מאַכט זיך ביי זיי אַ שווינדזיכטיגער, וואָס דער דאָקטאָר הייסט איהם פאָהרען אין די דרום־לענדער, וואו עס איז וואַרעם, שיקען זיי איהם קיין סיביריען, דען סיביריען הייסט ביי זיי שוין דרום און פערגליכען מיט זייערע לענדער איז דאָס שוין וואַרעם. מיר דאַכט זיך: אויך דאָ וועט עס אַזוי זיין. עס וועט קומען אַ צייט, ווען פורישקעוויטש און קרושעוואַן וועלען זיין אין דער דומא די לינקע, די ליבעראַלען, די רעוואָלו־ציאָנערען, פערגליכען מיט יענע לייט, וואָס וועלען זיין די רעכטע אין דער צוקונפטיגער דומא. אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר נאָך אַלעס דערלעבען. דער דאָזיגער ראָדזיאַנקאָ, וועלכער איז דאָ דער־מאָהנט, איז פאָרזיצענדער פון דער צוזאַמענקונפט אין מאָסקווא, און ער, ווי מען זאָגט, זאָל אויך ווערען דער פאָרזיצענדער פון דער

קאָמאַנדער דריטער דומא. ראָדזיאַנקאָ איז ערשטענס אַ הויכער, אַ גראָבער, אַ ברייטער, אַ געזונדטער, און צווייטענס איז ער אַ „גע־לערנטער“, דען ער שרייבט רוסיש כמעט אָהן גרייזען. ווען ראָ־דזיאַנקאָ — שרייבט אַ רוסישע צייטונג — זאָל באמת ווערען פּאָרזי־צענדער פון דער דריטער דומא. וועט צוקומען דער רעגירונג אַ נייע הוצאה: איבערמאַכען דעם שטוהל פאַר דעם פּאָרזיצענדען לכל־הפחות מיט איין אַרשין ברייטער, דען אין דעמזעלבען שטוהל, אין וועלכען מוראָמצעוו און גאָלאָווין זענען געזעסען, וועט ראָדזיאַנקאָ געוויס נישט אַריין.

אין דעם דאָזיגען מאָסקווער צוזאַמענפאָהר זענען אויך דאָ אַ ביסעלעך דרייסיג קאַדעטען. די קאַדעטען, ווי עס איז ידוע, רעדען טאָג און נאַכט נאָר וועגען דער פרייהייט. זיי שטעהען אויף און לע־גען זיך שלאָפען און עסען און טרינקען אַלץ נאָר מיט פרייהייט. על כל צרה שלא תבוא האָבען זיי אין מויל דאָס איינע וואָרט: פרייהייט. און ווי ווייט זיי האָבען עס געבראַכט מיט זייער מויל־פרייהייט בשעת דער דומא און פאַר דער דומא און נאָך דער דומא — האָבען מיר דאָך געזעהען. די תמימות פון די דאָזיגע לייט איז כמעט נישט צו דערטראָגען. ווי דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אָנגעהויבען, האָט ער זיך אָנגעהויבען נאַטירליך מיט וואונש־טעלעגראַמען: אַ טעלעגראַמע צום קייזער, אַ טעלעגראַמע צו סטאָליפּינען, אַ טעלעגראַמע צום קריעגס־מיניסטער און נאָך און נאָך. אין דער טעלעגראַמע צום קייזער איז געשטאַנען: „די רוסישע זעמסטוואָ וועט אַוועקלעגען אַלע איהרע כוחות, צו העלפען אייער מאַיעסטעט אויפצוריכטען דעם אמת, דעם שלום און דאָס גליק אין אונזער פאָטערלאַנד, וועלכעס איז אויסגעמאַטערט דורך די רעוואָלוציע און די רציחות און די פּערוויסטונגען“. מען זעהט, זיי האָבען נישט געזשאַלעוועט קיין ווערטער — דען אַ וואָרט קאָסט נאָר 5 קאָפּיקעס. דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אַ קאַדעט און האָט געשטעלט דעם אנטראַג, אַז מען זאָל מוסיף זיין נאָך עפּעס פאַר 5 קאָפּיקעס, און זעלבסטפערשטענדליך איז דאָס דאָזיגע „עפּעס“ געוועזען דאָס וואָרט „פרייהייט“; עס זאָל אַלזאָ הייסען: „אויפצו־ריכטען דעם אמת, דעם שלום, דאָס גליק און די פרייהייט“ — און דערמיט האָבען זיי דאָך אַ טובה געטהון דעם פאָלק, וואָס וועט זיי

דעם דאָזיגען חסד קיינמאָל נישט פערגעסען. איי וואָס, זיי האָבען דערוויי׳ל מודה געווען אין דער אונגערעכטיגקייט פון רעוואָלוציע און רציחות, אַזוי ווי די רעכטע האָבען פערלאַנגט פון זיי נאָך בשעת דער עקזיסטענץ פון דער דומא און זיי האָבען עס דענסמאָל נישט געוואָלט טהון? — איז טאַקי אַ קשיא! יעדענפאַלס, דאַכט מיר, האָבען זיי געקאָנט אַ פיעל קירצערע טעלעגראַמע מאַכען, וואָס וואָלט זיי קאָסטען מיט עטליכע ווערטער ווייניגער, דען אנשטאָט „אויסגעמאַטערט דורך די רעוואָלוציע און די רציחות און די פערוויסטונגען", האָבען זיי געקאָנט שרייבען דאָס איינציגע וואָרט: „דורך זעלבסט-ערשטערטום", און דאָס וואָלט אפשר זיין אַ סך אמת׳ער. דאָס שענסטע איז אָבער געווען, אַז זאָגאַר פון די קאַדעטען האָבען זיך דאַן בשעת דער אָבשטימונג וועגען דעם נוסח פון דער טעלעגראַמע אויפגעשטעלט נאָר זיבען מאַן, און די איבריגע 23 האָבען נישט געהאַט דעם מוט און זענען געבליבען זיצען. עס זענען מענשען, וועלכע האָבען מסתמא ליעב אַ פרייהייט נאָר זיצענדיגערהייט!

בין-כך-וכך זעהען מיר קנאַפּען מוט אויך ביי דער רעגירונג. איך רעד וועגען דעם אָנפאַל, וואָס זי האָט געמאַכט אויף דער געגעבענער קאָנסטיטוציע דורך דער אייגענמעכטיגער ענדערונג פון די גרונד-געזעצען. זי האָט אָבער נישט דעם מוט צו זאָגען: אין הכי נמי, איך האָב עובר געווען אויף די גרונד-געזעצען, און טהו מיר עפּעס דערפאַר! אַזוי און אַזוי האָב איך געוואָלט, דען איך האָב ביקסען און האַרמאַטען און קאָזאַקען און נאַגאַיקעס און געפענגנישען און סיביריען, און טהוט מיר עפּעס דערפאַר! ניין, דורך זיין צייטונג „ראָסיאַ" הערט הערר סטאָליפּין גאָרנישט אויף צו פילאָזאָפירען און צו בעווייזען, אַז אייגענטליך איז אַלעס געווען על-פּי געזעץ, און אַ רעגירונג איז קיינמאָל נישט עובר אויף אַ געזעץ, און דער הויפּט-פּרינציפּ פון אַ רעגירונג איז אַלעמאָל נאָר די געזעצליכקייט. איי וואָס, דאָס קליינינקע מעשה׳לע פון׳ם 16-טען יוני? דאָס ביסעל ענדערען וואָס מען האָט געענדערט די וואַהל-געזעצען? עט, אויך מיר אַ וויכטיגע זאַך! עס איז נאָר געווען אַ קליינטשיק פּיצעלע אויסבעסערונג, און ווייטער גאָרנישט. עס איז די מעשה פון יענער בתולה, וועלכע וויל בעווייזען, ווי אונשולדיג זי איז נאָך, דען אייגענטליך

האָט זי נאָר געבוירען אַ קליינטשיק פּיצעלע קינד, און ווייטער גאָר־נישט. מעהר מוט האָט שוין די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״. זי זאָגט בפירוש: סאַקי אַזוי, די רעגירונג האָט געענדערט דאָס געזעץ, און וואויל האָט זי געטהון! די רעגירונג האָט געענדערט, און אייגענטליך איז עס נאָר אַנ׳התחלה, דען צעהנמאָל מעהר וועט זי נאָך האָבען צו ענדערען! עס איז אַ רעוואָלוציע־צייט, און אַזוי ווי די געגנער פון דער רעגירונג אַרבייטען געגען דעם געזעץ, קאָן אויך די רעגירונג אַרבייטען שלא על־פּי זאַקאָן! — דאָס דאָזיגע, ווי ציניש עס זאָל נישט זיין, און ווי אונגערעכט אין תוך אַריין, עס האָט אָבער ווע־ניגסטענס אַ געזונדטע לאָגיק.

און וואָס דער סוף פון דעם אַלעם קאָן זיין? די געמיטער האָבען זיך שוין אַביסעל בערוהיגט און מען הויבט שוין אָן אויך אַ געזונדטע אַנזיכט צו הערען. עס איז פּאַראויסצוזעהען, אַז די רעגי־רונג וועט זיך נאָך נישט בעפרידיגען מיט אַ רעאַקציאָנערער באַנדע, ווי זי וועט זיין אין אַ דריטער דומא, און וועט וועלען האָבען נאָך אַ רעאַקציאָנערע. זי וועט צעטרייבען די דריטע, און וועט זוכען אַ פיערטע. זי וועט צעטרייבען אַ פיערטע און וועט מאַכען אַ פינפטע. און אפשר אויך אַ זעקסטע, אַ זיבענטע, אַנ׳אַכטע, און אַזוי ווייטער, ביז זי וועט סוף כּל סוף שוין האָבען אַ דומא אַזוי ווי איהר האַרץ גלוסט. וואָס וועט אָבער זיין דער פועל־יוצא דערפון? סטאָליפּין איז אַ שלעכטער פּאָליטיקער, ווען ער מיינט, אַז ער וועט שוין האָבען דענסמאָל אַלעס דערגרייכט. דענסמאָל וועט זיך אפשר גאָר ערשט אָנ־הויבען די רעכטע צרה. דאָס פאָלק וועט האָבען פערלוירען זיין צו־טרוי צו דער דומא, און איינציגווייז וועט דאָס וואָרט דומא פער־לירען זיין אייגענטליכען יעצטיגען בעגריף און וועט ביסלעכווייז קריגען דעם בעגריף פון אַ פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, פון אַ מין טשי־נאָווניקעס־קלייזעל אָדער גאָר פון אַ מין געהיים־שפּיאָנעריי — לויטער אַזעלכע מינים, וועלכע מיר האָבען גענוג שוין און צו וועלכע מיר זענען שוין אַזוי זעהר געוועהנט. דערוויילע אָבער וועט דאָס איינמאָל אויפגעוועקטע פאָלקס־בעוואוסטזיין טהון דאָס זייניגע: עס וועט גראָבען און מינירען אין פינסטערען, ביז דאָס לאָך וועט זיין גענוג גרויס און אַלע בעהאַלטענע קרעפטען וועלען מיט איינמאָל אַרויספּלאַצען.

הערר סטאָליפּין, ביי אַלע זיינע נצחונות, איז פּאָרט נישט דער מענש, וועלכער ווייזט, אַז ער האָט אַ ווייט אויג. ער שטעהט אויף דעמזעלבען שטאַנדפּונקט, וואו עס זענען געשטאַנען זיינע בעריהמטע פאָרגענגער: די פּלעווע, די טרעפּאָוו און די מוראַוויאָווס און האָט גאָרנישט מחדש געווען. די צייט אָבער האָט דערווייל יאָ מחדש געווען; די וועלט איז געגאַנגען ווייטער: — אין דעם מיליטער פערגרעסערען און פערמעהרען זיך די בונטען אין די פערשידענסטע ערטער פון טאָג צו טאָג מעהר; דאָס בעוואוסטזיין און די גוואַלדטעטיגקייטען פון די פויערים וואַקסען פון מינוט צו מינוט. איך בין נישט מקנא אַ רעגירונג, וועלכע וועט האָבען געגען זיך 80 מיליאָן פויערים.

דערווייל געהט זיך די רעגירונג איהר אַלטען אָקסען־שריט און אַרבייט לויט דעם אַלטען רעצעפּט: זי מאַכט רעפּרעסיעס איבער רעפּרעסיעס, און הויפּטזעכליך האָט זי זיך גענומען צו דער פּרעסע. אין פערלויף פון די לעצטע טעג זענען 8 צייטונגען פערמאַכט געוואָרען; 7 רעדאַקטאָרען זענען צוגעצויגען געוואָרען צום געריכט; 3 רעדאַקטאָרען און איין אַרויסגעבער זענען אַרעסטירט געוואָרען; געלד־שטראָף האָט מען אַרויפגעלעגט אויף צוועלף צייטונגען (די סומע פון אַלע געלד־שטראָפען צוזאַמען בעטרעפט 16,500 רובעל); קאָנפיסקירען קאָנפיסקירט מען צייטונגס־נומערען יעדען טאָג; די דאָזיגע, וועלכע ערשיינען, ערשיינען זעהר מאַט און פאַרבלאַז און היטען זיך אַ פריי וואָרט אַרויסצורעדען. אונטער אַזעלכע בעדינגונגען האָבען זיך פיעל צייטונגען אָבגעזאָגט צו ערשיינען. די אַרעסטירטע רעדאַקטאָרען און אַרויסגעבער זענען אַרעסטירט געוואָרען נאָר דערפאַר, וויל זיי האָבען נעבעך נישט געהאַט דאָס נויטיגע געלד די שטראָפען צו בעצאָהלען; דער טערמין פון צאָהלען איז אַ זעהר קורצער.

און חוץ דעם נאָך עטליכע קלייניגקייטען: דער הערצענשטיין־פּראָצעס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען. — דער סענאַט האָט אַרויסגעגעבען אַן ערקלערונג, אַז די ציוניסטישע פעראיינען קאָנען נישט ערלויבט ווערען, וויל דער ציוניזם שטרעבט צו אַ יודישער נאַציאָנאַלער ערוועקונג, און דאָס איז אַזעלכעס, וואָס קאָן פערשאַרפען די פיינדליכע בעציהונגען צווישען דער יודישער און קריסטליכער בעפעלקערונג. רבונו

של עולם, וואָס פאַר אַ גוטע רעגירונג מיר האָבען, וועלכע זאָרגט, אַז עס זאָלען זיך חלילה נישט פערשאַרפען די שלעכטע בעציהונגען צווישען יודען און קריסטען! אַ נשמה פון אַ רעגירונג איז נישט צו שאַצען!

פּוּפּציגסטער בריעף

איך מוז זיך מודה זיין: צום וועניגסטען פון אַלעמען קאָן איך ליידען דעם ביוראָקראַט אין רוסלאַנד דענסמאָל, ווען ער ווערט מיר— אַ ליבעראַל. אַ קאַץ, וועלכע דערלאַנגט אַ גלעט דעם מייזעל, איז נישט עהרליך. אַ מיניסטער אָדער אַ קאַץ מיט כאַראַקטער מוז כאַפּען זיך צו דער אייגענטליכער מלאכה, צום עסען, גאַנץ פּראָסט אָהן חנ׳-דלען פריהער. בשעת עס איז געקומען דער מיניסטער סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי פאַר דריי יאָהר און האָט אונז געשענקט זיין בעריהמטען „פריהלינג”, האָב איך איהם געקוקט שטאַרק אויף די פינגער; וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַ מיניסטער, אַנ׳אַלטער טשינאָווניק מיט מתיקות, צו אַ פריהייטס-פריהלינג? — בשעת עס איז געקומען לאָ-פּוכין און האָט אויפגעדעקט אין דער ערשטער דומא די סודות פון דער געהיימער פּאָגראָם-פאַבריק, וועלכע די רעגירונג אַליין האָט גע-האַט, בין איך געוואָרען שטאַרק מיסטרויאיש; איז עס נישט דערזעל-בער לאָפּוכין, וועלכער איז געווען דירעקטאָר פון דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַ-מענט נאָך אין פּלעווע׳ס צייטען און איז געפאָהרען דענסמאָל קיין קישיניעוו און האָט אַרויסגע׳חוקר׳ט, אַז אין דעם פּאָגראָם זענען די יודען אַליין שולדיג, דען זיי אַליין האָבען איהם געמאַכט? איז עס נישט דערזעלבער לאָפּוכין, וועלכער איז געווען גובערנאַטאָר אין רע-וועל און האָט דאָרט אין די פרייע אָקטאָבער-טעג געמאַכט אַ בלוט-באָד, אין וועלכען עס זענען אומגעקומען אונצעהליגע אונשולדיגע מענ-שען? בשעת דער מיניסטער קוטלער האָט אויפגעהערט זיין אַ מיניס-טער און איז געוואָרען אַ קאַדעט און איז געקומען מיט זיינע ליבע-ראַלע אַגראַר-רעפאָרמען, בין איך געוואָרען אַ רעכט ביסעל אונרוהיג; עפּעס איז עס אַ געוועזענער מיניסטער, און פאַר מיניסטאָרען און אי-בערהויפּט פאַר געוועזענע האָב איך שטאַרק דרך-ארץ, כמעט אַזוי ווי

פאַר געוועזענע פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענטס־דירעקטאָרען, און עס איז אָנ־צונעהמען, אַז גיכער ווי אַזאַ קוטלער וועט מאַכען דאָס מיניסטעריום קאַדעטיש, וועט ער מאַכען די קאַדעטען מיניסטאָריש. גאַנץ בעזונדערס אָבער האָט מיך געפּלאָגט דער דאָזיגער געדאַנק דענסמאָל, ווען אין דער צווייטער דומא איז אַרויסגעטרעטען דער בעוואוסטער פירשט או־רוסאָוו מיט זיין בעריהמטער רעדע, וועלכע האָט אַזאַ רעש אָנגעמאַכט אין דער וועלט, און האָט אויפגעדעקט די סודות פון דער פּאָגראָם־פּאָליטיק ביי דער רעגירונג אַליין און פון איהרע געהיימע דרוקערייען און געהיימע צירקוליאַרען און געהיימע פּראָקלאַמאַציעס וועגען שלאָגען יודען. איך האָב אָנפאַנגס געצווייפעלט. עפּעס איז עס דאָך פּאָרט אַ פירשט, אַ געוועזענער גובערנאַטאָר, אַ טשינאָווניק אין מיניסטער־יום; ווער ווייסט, וואָס דערין שטעקט און וואָס דערפון וועט נאָך אַרויסקומען. — נון ליגט היינט פאַר מיר אַ בוך מיט דעם טיטעל „ערא'ינערונגען פון אַ גובערנאַטאָר", און דער מחבר דערפון איז דער דאָזיגער פירשט אורוסאָוו. אַ מערקווירדיג בוך! איך מוז זיך מודה זיין, איך האָב אַ טעות געהאַט; איינמאָל וועניגסטענס האָב איך אין דער דאָזיגער בעציהונג אַ טעות געהאַט. אפשר האָט אונז דאָ גאָט בע־שעהרט איין אויסנאַהם בלויז, כדי דאַדורך צו בעשטעטיגען דעם כלל! יעדענפאַלס איז עס קלאָר, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַ מענש, מיט איינעם פון די איידעלסטע און רייָנסטע, וואָס טרעפט זיך אַמאָל.

אין דעם בוך דערצעהלט אונז אורוסאָוו פון דער צייט, ווי ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס גובערנאַטאָר פון דער בעסאַראַבישער גובערניע באַלד נאָך די טעג פון דעם קישיניעווער פּאָגראָם.

„וועגען בעסאַראַביען — שרייבט ער — האָב איך דענסמאָל אַזוי־פיעל געוואוסט ווי וועגען ניי־זעעלאַנד; נאָך אפשר וועניגער. קישי־ניעוו האָב איך געקענט נאָר נאָכ'ן נאָמען און צוליעב דעם רעש, וועלכען די פּרעסע האָט אויפגעהויבען וועגען דעם בעוואוסטען קישי־ניעווער פּאָגראָם. אין דער אויסלענדישער פּרעסע האָט מען אָפען זאָ־גאָר בעשולדיגט די רוסישע רעגירונג אין אָרגאַניזירען דעם פּאָגראָם, אין זאָגאַר אַ בריעף האָט מען אָבגעדרוקט, וועלכען פּלעווע האָט גע־שריבען צו פאָן-ראַבען (דעם דעמאָלסדיגען גובערנאַטאָר אין קישיניעוו) מיט אַנ'אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל נישט שטערען די פּאָגראָם-לייט אין

זייער „אַרבייט". פאַר דעם אַרויספאָהרען קיין בעסאַראַביען, האָט אורוּסאָוו געמאַכט אַ וויזיט דעם דעמאָליגען אינערן-מיניסטער פלעווע. „אונזער געשפרעך האָט געדויערט נישט לאַנג. אַ פּנים, אַז פלעווע האָט נישט געוואָלט אַרויסזאָגען אָפען זיין מיינונג וועגען דער פּערוואַלטונג פון דער בעסאַראַבישער גובערניע, צי וויל ער איז וועניג בעקאַנט געוועזען מיט איהר, צי וויל ער האָט נישט געקאָנט אָהן אויפרעגונג דערמאָהנען זיך אָן דעם רעש, וועלכער עס האָט זיך אויפגעהויבען אין רוסלאַנד און בעזונדערס אין אויסלאַנד וועגען דעם קישיניעווער פּאָגראָם. אַ שלעכטען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט פאָלגענדעס געשפרעך: איך האָב געזאָגט פלעווע׳ן, אַז לויט ווי מיר איז בעוואוסט וועט פאָן-ראַבען בלייבען נאָך צוויי וואָכען אין קישיניעוו, אום צו רעגולירען זיינע עסקים. דערויף האָט דער מיניסטער געענטפערט: „אומזיסט מאַכט איהר צערעמאָניעס מיט איהם. אויב אַזוי, קאָן יעדער איינער זיך אַריינכאַפּען צו אייך אין אייער וואוינונג און איהר וועט דאָס שווייגען אַזוי. ראַבען איז אין דעמיסיע און מוז אַרויס פון דער שטאַאַטס-וואוינונג. ער קאָן אַריין אין אַ גאַסט-הויז".

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פערהעלטניש פון דער רוסישער רעגירונג צו איהרע טשינאָווניקעס, נאָכדעם ווי זי האָט זיי אויסגעברויכט. פאָן-ראַבען האָט שוין אָבגעטהון דאָס זייניגע, האָט געמאַכט דאָס בלוט-באָד, האָט אַזויפיעל און אַזויפיעל יודען געשליצט די בייכער און אַריינגעקלאַפּט נעגעל און אויסגעברענט די אויגען א.ז.וו., און נון ווערט ער אַרויסגעטריבען און מען וויל פון איהם נישט מעהר הערען און זעהען.

„ביים געזעגנען זיך — דערצעהלט אורוסאָוו ווייטער — האָט מיר פלעווע געזאָגט בוכשטעבליך פאָלגענדעס: „טהוט ווי איהר פערשטעהט, אַבי די רעזולטאַטען זאָלען זיין גוטע. איינס וועל איך אייך זאָגען: ווינציגער גערעדט און וואָס ווענ יגער סענטימענטאַלע יודען-פריינדשאַפט."

„ס׳איז אַלץ קלאָרער געוואָרען — שרייבט אורוסאָוו — אַז מיין טעטיגקייט אין בעסאַראַביען איז ענג פערבונדען מיט דער אַזויגערופענער יודען-פראַגע און איך מוז זאָפאָרט בעשטימען מיין בעציהונג צו די יודען אונטער די צעהיצטע ליידענשאַפטען און די פערשידענ

אַרטיגסטע אַנזיכטען. יודען האָב איך לגמרי נישט געקענט, חוץ איי-נעם אַ סוחר, זושאַ קלמן טרייוויש, וועלכער פלעגט אַרומפאָהרען מיט סחורה צו די פריצים פון קאַלוגער גובערניע, און אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט. איך האָב ביי מיר בעשלאָסען, זיך צו בעגוצען אויך ווייטער, אָהן שום ישוב-הדעת, מיט אַלע ביז-איצטיגע בעשרענקונגען געגען יו-דען און נישט דערלאָזען קיין שום פערגרינגערונגען, אויבוואויל אין פעטערבורג האָב איך אָפט געהערט די מיינונג פון הויכע בעאַמטע, אַז די געזעצען פון 3-טען מאַי 1882 געגען די יודען זענען געווען אַ פעהלער פון דער רעגירונג און האָבען זייער ציעל פערפעהלט. בעזונ-דערס שאַרף און דייטליך האָט פ. נ. ד ו ר נ אָ ו אָ פערלאַנגט, אַז מען זאָל מאַכען אַ סוף צו די „אונזיניגע" אויסנאַהמס-געזעצען פאַר יודענס וועגען (ווי „ליבעראַל" דער דאָזיגער דורנאָוואָ איז געוואָרען שפעטער, ווען ער איז געוואָרען מיניסטער, און ווי ליעב ער האָט דאַן געהאַט יודען, ווייסען מיר דאָך!)"

אין דעם דאָזיגען בוך געפינען מיר אויך גאַנץ אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיקען פון די געוועזענע דומאַ-דעפוטאַטען פורישקעוויטש, קרופּענסקי און קרושעוואַן. בעזונדערס אינטערעסאַנט איז אָבער אַנ'אַנ-דער שטעל, דאָרט וואו ער רעדט וועגען פּאָגראָם. „כל זמן — שרייבט ער — איך האָב געדיענט אין קישיניעוו און אַ לאַנגע צייט דערנאָך, האָב איך מיר נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז די פּאָגראָם-פּאָליטיק האָט געהאַט אָנהענגער און געהיימע מיטהעלפער אין די רעגירונגס-קרייזען. נאָר די געשעהענישען פון די יאָהרען 1905—1906, סאַוויטש'ס רעוויזיע אין האָמעל, דעם סענאַטאָר טורעוו'ס רעוויזיע אין קיעוו, די טעטיגקייט פונ'ם „רוסישען פאָלקס-פעראיין" און דער ענטפער פון אי-נערן-מיניסטער אין דער ערשטער דומאַ אויף דער אָנפראַגע וועגען דער געהיימער דרוקעריי, דער ראַפּאָרט פונ'ם מיניסטער-געהילף מאַ-קאַראָוו וועגען דער פּאָגראָם-טעטיגקייט פון די זשאַנדאַרמען-אָפיצירען קאָמיסאַראָוו, בודאַגאָווסקי און די אַנדערע — דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף מיר, אומצובייטען מיין פריהערדיגע מיינונג, און פיעל פון דעם, וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען און וואָס איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש וועהרענד מיין קישיניעווער צייט, א י ז פ אַ ר מ י ר ג ע-ו אָ ר ע ן ק ל אָ ר".

מיר האָבען אָבער אין רוסלאַנד, חוץ דעם דאָזיגען בוך פון פירשט אורוסאָוו, נאָך אַנדערע גוטע זאַכען. מיר האָבען, למשל, דעם פּראָצעס וועגען דעם זשיטאָמירער פּאָגראָם. און שוין ווידער שטעהען מיר אויף דעמזעלבען שטאַנדפּונקט, אויף וועלכען מיר זענען געשטאַנען אין פּלעווע׳ס צייטען. אין דעם אָנקלאַגע-אַקט לייענען מיר מעשיות געגוי לויט דעם אַלטען רעצעפּט: דעם פּאָגראָם האָבען געמאַכט יודען אליין; יודען האָבען געשאָסען אין אַ וואַלד אויף דעם פּאָרטרעט פון קייזער; יודען האָבען געשלאָגען די גויים, און די גויים און דאָס מיליטער האָבען זיך נאָר געוועהרט. קאָן מען אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָפען אפילו אַ מינוט לאַנג און אפילו נאָר אויף דעם קלענסטען ברוכטייל פון אַנ׳אמת? קאָן מען אונטער אַזעלכע אומשטענדען נאַרען זיך אפילו אויף איין רגע און זיך איינרעדען, אַז מען מיינט צו שטראָפען און צו זיין גערעכט? — עפּעס וויל עס מיר איבערהויפּט נישט געפעלען, וואָס דווקא איצט נעהמט מען זיך צו די פּאָגראָם-פּראָצעסען. איז דאָס נישט ווידער אַ שטיקעל פּראָוואָקאַציע? וויל מען נישט ווייזען, ווי לייכט די רעגירונג בעשטראָפט פּאָגראָם-מאַכערייען און מען וויל דערמיט איינלייטען אַ נייע פּאָגראָם-עפּאָכע? אַ שטיקעל סמך האָב איך דערויף: דער „פערעיין פונ׳ם רוסישען פאָלק” האָט אָבגעדרוקט אַלע אַלערהעכסטע בעגנעדיגונגען פאַר פּאָגראָם-מאַכער, וואָס זענען בעגנעדיגט געוואָרען אין די לעצטע חדשים, און זיי פערשפרייטען דאָס צווישען דער מאַסע. צו וועלכען צוועק?!

איבערהויפּט, זעהט מען, שלאָפט דער ליעבער „פעראיין” נישט און געהט נישט לעדיג. אין דעם לעצטען נומער פון זייער צייטונג „מאָרסקאַיאַ וואָלנאַ” שטעהען עטליכע ווערטער צו די יודען. זיסע ווערטער. „פערשאָלטען זאָלט איהר זיין, רוצחים! דאָס בלוט פון אונזערע קרבנות ועט פאַלען אויף אייערע שרצים, אויף אייער געצענדינעריש שרץ-פאָלק. איהר זענט נאָר דעריבער אַזעלכע חצופים, ווייל עס שיצט אייך אונזער רעגירונג און ווייל עס האָט אייך געשיצט די פּויליש-יודישע רעוואָלוציאָנערע דומאַ! שיקט וויפיעל איהר ווילט אייערע דומאַ-יודען, אייערע שותפים די רוצחים, צו סטאָליפינען מיט אַ דעפּוטאַציע, אַז מען זאָל אייך שיצען פאַר פּאָגראָמען, אַזוי ווי איהר האָט געטהון פאַר פסחא, דענסמאָל ווען איהר האָט געוואָלט ערמאָרדען אונזער פער-

געטערטען קייזער!... נאָר זייט רוהיג: פּאָגראָמען וועלען נישט זיין, דאָס קאָנט איהר זאָגען סטאָליפּינען, כדי ער זאָל קאָנען רוהיג שלאָפען; זייט רוהיג וועגען אייערע פעדערן: פּאָגראָמען וועלען נישט זיין. נאָר דאָס פאָלק וועט זיך מיט אייך עהרליך אָברעכענען: פ אַ ר יעדען טראָפּען בלוט אונזערס, וועלען מיר אייך אָבגעבען גאַנצע עמערס פון אייער שמוציג שרץ-בלוט".

עס איז נאָר צו בעמערקען: 26 צייטונגען זענען אין פערלויף פון די לעצטע צוויי וואָכען בעשטראָפט געוואָרען מיט דער סומע פון 26.400 רובעל, און דאָס דערפאַר „ווייל זיי העצען"; דער ציוניזם איז אין רוסלאַנד פערבאָטען געוואָרען, „ווייל ער רייצט איין בעפעלקערונג געגען דער אַנדערער" — צווישען יענע צייטונגען אָבער געפינען מיר נישט די „מאָרסקאַיאַ וואָלנאַ" און פערבאָטען איז זי נישט געוואָרען!

און דער אַרכימאַנדריט וויטאָלי האָט ערפונדען אַ נייעם מין אויפרוף צו פּאָגראָמען. אין דער צייטונג „פּאָטשייעווסקיאַ איזוויעסטיאַ" דרוקט ער זיין צוואה: יודען-רעוואָלוציאָנערען האָבען איהם געוואָלט הרג'ענען. „זאָל מיין בלוט אָבוואַשען פון רוסלאַנד די יודישע קראַנקהייט; זאָל זיך אָברייניגען דער הייליגער פּאָטשייעווער באַרג פון די בלוט-איגלען און פון אַלע יודישע שרצים; זאָל נישט איבערבלייבען אַפילו זייער גייסט אין רוסלאַנד. זיי, די יודען, בעמיהענדיג זיך צו בעקומען קאָנסטיטוציע און גלייכבערעכטיגונג, האָבען זיי ביי אונז אָבגעקאָכט דאָס בלוטיגע טייוועלס-ווערק — זאָלען זיי אַלזאָ דאָס טייוועלס-ווערק אַליין געניסען. זאָלען זיי ליידען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם רוסישען בלוט, וואָס איז פערגאָסען געוואָרען. אמן. אַרכימאַנדריט וויטאָלי".

און אַזעלכע עהנליכע פערעל-ווערטער האָט פערעפענטליכט אויך דובראָווין. — עס קאָכט זיך עפּעס.

נישט אמת, עס זעהט שעהן אויס ביי אונז אין אונזער ליעבען, קאָנסטיטוציאָנעלען רוסלאַנד?

איינאונפופציגסטער בריעף

אַרבייטען אַרבייט רעגירונג אין רוסלאַנד, ווי עס ווייזט זיך אויס, סיסטעמאַטיש: נאָך איינס קומט צווי, נאָך צווי — דריי, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער, ביז דאָס ווערק וועט זיין פערטיג אינגאַנצען און ביז עס וועט נישט זיין איבערגעבליבען קיין שריד ופליט פון די אַלע גרויסע האָפנונגען און חלומות, וואָס אומגליקליכע האָבען געהאָפט און געחלומ׳ט, און ביז רוסלאַנד וועט ווידער זיין דאָס אַבסאָלוטיסטישע פון אַלע אַבסאָלוטיסטישע לענדער אין דער וועלט. צום אָנפאַנג איז איהר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז דאָס נישט איבערגעלעגטע און איבערגעאיילט אַרויסגערעדטע וואָרט „קאָנסטיטוציע", וואָס זי האָט אַמאָל געלאָזט פאַלען; באַלד האָט זי זיך גענומען צו דער מלאכה, דעם דאָזיגען זעהר נישט קלוגען פעהלער צו פערבעסערען. זי האָט געמאַכט גרונדגעזעצען, זי האָט איינגעשרענקט די וואַהל־פרייהייט ווי ווייט עס איז געגאַנגען, זי האָט זיך בעוואָרענט פון אַלע זייטען, בקיצור, זי האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די ביימער זאָלען נישט צו הויך וואַקסען אין הימעל אַריין. נאַטירליך זענען דאָס נאָר געווען דערווייליגע מיטלען, אַזוי לאַנג ווי די געמיטער זענען נאָך געווען צעהיצט און אַזוי לאַנג ווי מען האָט נאָך געמוזט, ווי עס איז, זיך שעהמען פאַר דער וועלט. אַביסעל שפעטער אָבער איז מען געגאַנגען אַ שריט ווייטער: מען האָט אַ דומא צעטריבען, מען האָט רעפרעסיעס איינגעפיהרט ווי עס האָט זיי נאָך קיין לאַנד נישט געזעהן, מען האָט געהאָנגען און געשאָסען אָהן אויפהער און צום סוף האָט מען נאָך יאָ עפעס אַ שטיקעל דומא געלאָזט זיך צונויפקומען, אַ מין זכר לטיט, אַ חוזק, אַ קאַריקאַטור אויף אַ פאָלקס־פערטרעטונג. זעלבסטפערשטענדליך איז אויך דאָס דאָזיגע געוועזן נאָר אויף דערווייל. באַלד האָט מען געזעהן, אַז מען דאַרף אויך דעם דאָזיגען רעשט פון דער קאָמעדיע נישט מעהר און מען האָט די־

צווייטע דומא צעטריבען און מען האָט זיך געמאַכט נייע גרונדגעזעצען. אגב, האָט מען געגעבען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט צו פערשטעהן, אַז ווען די דריטע דומא וועט נישט זיין ווי מען וויל זי האָבען (דאָס הייסט: זי וועט נישט זיין אַ מין זשאַנדאַרמעריע אָדער אַ געהיים-פּאָליציי), וועט מען זיך נישט שרעקען, צו מאַכען אַ פיערטע, און ווען ס'וועט זיין נויטיג, אויך אַ פינפטע און אַ זעקסטע. בקיצור פון דער דאָזיגער זייט, פון דער זייט פון אַ „קאָנסטיטוציע" האָט מען שוין נישט וואָס זיך צו שרעקען; דער עולם וועט שוין האָבען אַ קאָנסטיטוציע, אַז האָר און נעגעל וועלען זיך קאַפּויר שטעלען! נון אָבער איז געקומען די צייט, אַז מען זאָל געהן אַ שריט ווייטער אויך אין אַנ'אַנדערע ריכטונג. עס זענען פאַרהאַן נאָך אַנדערע סכנות, פאַר וועלכע דער אַבסאָלוטיזם אין רוסלאַנד שרעקט זיך, און געגען די דאָזיגע סכנות הויבט-אָן די רעגירונג צו אַרבייטען.

סכנה נומער 1: — וואָס איז די גאַנצע קראַפט פון דער רעגירונג, אויף וועלכער זי שטיצט זיך ביי איהרע רעפּרעסיעס און ביי איהר טרעטען מיט די פיס אַלע מענשליכע רעכט? זי שטיצט זיך אויף שווערדען און ביקסען, זי האָט דאָס מיליטער אויף איהר זייט! הונדערטער טויזענדער מענשען-מאַשינען, וואָס ווערען אָנגערופען סאָלדאַטען, אַרבייטען פאַר איהרעטוועגען ווען זי גיט נאָר אַ ווינק, און הענגען און שיסען און ברענען און בראָטען. נון אָבער הערט זיך פון דאָ און פון דאָרט, אַז ביסלעכווייז ברעכען אויס רעוואָלוציעס צווישען דעם מיליטער און די דאָזיגע מענשען-מאַשינען פונקציאָנירען שוין נישט מעהר אַזוי זיכער ווי אַ מאָל. וואָס וועט זיין, אַז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען די דאָזיגע מענשען וועלען זיך אָבזאָגען צו פאָלגען מעהר? די אַלטע סאָלדאַטען, די בלינד-געהאָרזאַמע, ווערען ביסלעכווייז וויינציגער, און אַנשטאָט זיי ווערען יעדעס יאָהר גענומען מעהר ווי צוויימאָל הונדערטטויזענד פרישע מענשען צום מיליטער, לויטער יונגע בחורים, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז אָנגעזאַפּט מיט דעם נייעם, פרייען רעוואָלוציאָנערען גייסט — וועלען נישט די דאָזיגע בחורים אַריינטראָגען אין דעם מיליטער יענעם נייעם, פרישען רעוואָלוציאָנערען גייסט, אַזוי אַז דאָס מיליטער וועט זיין רעוואָלוציאָניסטיש און דעריבער געפעהרליכער פאַר דער רעגירונג כויזענדמאָל מעהר ווי אַלע רעוואָלוציאָנערע בירגער צוזאַמען.

דאָס איז אַ זאָרג, וואָס לאָזט די רעגירונג נישט שלאָפען. און נון האָט זי אָנגעהויבען צו אַרבייטען און צו זוכען עצות. אין די ביוראָקראַטישע קרייזען און אין די צייטונגען, וועלכע שטעהען נאָהנט צו דער רעגירונג, הערט זיך לעצטענס אַ פּלאַן, אַז מען זאָל מבטל זיין די אַלגעמיינע מי־ליטער־פליכט און מען זאָל זיך אומקעהרען צו די אַלטע צייטען פון ניקאָלאַי 1, ווען די מיליטער־רעקרוטירונגען זענען געווען קליינע און דערפאַר אָבער האָט דער סאָלדאַט געדיענט 25 יאָהר און איז געווען אינגאַנצען אָבגעזונדערט פון דער וועלט. מען איז אַזוי וויט פערקראָכען אין דעם פּלאַן, אַז עס זענען פאַרהאַן זאָגאַר אַזעלכע, וועלכע לעגען־פאָר, דאָס מען זאָל „דינגען" מיליטער. „נאָוואָיע ווערעמיאַ" געוועהנליך הויבט־אָן דערמיט, אַז יודישע סאָלדאַטען האָבען אַריינגעטראָגען די רעוואָלוציע אין מיליטער אַריין. אַיי וואָס, די הויפּט־אונרוהען זענען געווען צווישען די מאַטראָזען אויף די קריעגס־שיפען, וואו יודען ווערען גאָרנישט צוגע־לאָזט? דאָס איז קיין קשיא נישט, די רעוואָלוציע דאָרט איז פאָרט פון יודען און יודען מוזען געקנס'עט ווערען. מענשיקאָוו שרייט געוואַלד, ווי קאָן מען זיך דאָס פערלאָזען אויף אַ פויער, וועלכער דיענט דריי יאָהר אין מיליטער. גרינגמוטס צייטונג „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי" רעדט נאָך דייטליכער: די פאָלקס־שולע איז אינגאַנצען אין די הענד פון די רעוואָלוציאָנערען. וואָס וועט זיין אין עטליכע יאָהר אַרום, ווען די תלמידים פון די דאָזיגע פאָרשטעהער פון דער פרייהייטס־בעוועגונג וועלען אָנהויבען אויסצופילען די רייהען פון דער אַרמעע, פון דער גוואַר־דיע און פון דעם פלאָט?" אַמקלאָרסטען אָבער רעדט די אָפיציעזע צייטונג „ראָסיאַ": דאָס מיליטער בעשטעהט פון גרויסע פּראָלעטאַרישע מאַסען. ביז איצט האָבען זיי זיך נאָך נישט געבונטעוועט. עס איז אָבער קיין שום ספק נישט, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט און זיי וועלען אויך דאָס טהון. מען רעדט איין די דאָזיגע פאָלקס־מאַסען, אַז דאָס בונטעווען איז אין זייער אייגענעם אינטערעס, און ס'איז גענוג אַז אַזעלכע „אונגעבילדעטע" זאָלען גלויבען אין דער דאָזיגער נאַרישקייט און דאַן וועט קומען דאָס, וואָס עס מוז קומען. „דער וואָס טראָגט איצט די שווערד, וועט זי אויפהויבען כדי צו שיצען זיינע אינטערע־סען". דאָס זאָגט די „ראָסיאַ" אַליין, דאָס אָפיציעזע בלאַט, דער לייב־אָרגאַן פון סטאָליפינען. און דאַן זאָגט זי, אַז מען איז פּראָסט נישט יוצא, ווען

מען געטרויט די שווערד און די ביקס די דאָזיגע לייט, וועלכע קומען אַרויס פון פאָלק. מילא דעם פועל-יוצא פון די דאָזיגע חקירות בין איך מוחל; איך בין מוחל די קלוגע עצה פון דעם דאָזיגען רעגירונגס-בלאַט, אַז מען זאָל האַלטען אַ געדונגענע אַרמעע, פּרעטאָריאַנער, ווי עס איז געווען אין אַלטען רוים; עס איז אַזוי קלוג און אויספיהרבאַר ווי די טויזענד אַנדערע עצות, וועלכע די רעגירונג גיט זיך אויף דערוויל. די הויפּט-זאַך איז: די רעגירונג בעמערקט גאָרנישט, ווי זי איז זיך מודה, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז רעוואָלוציאָנירט און ווי זי קען דעריבער נישט שלאָפען. און פאָרט הייסט עס דאָך אומעטום: זעהט, ווי שעהן „רוהיג" עס איז שוין ביי אונז און ווי פון דער רעוואָלוציע איז קיין זכר נישט מעהר פאַרהאַן!

סכנה נומער 2: די אַליאַנס צווישען רוסלאַנד און פראַנקרייך! מען האָט זיך פּלוצלינג אַרומגעקוקט, אַז אַלע צרות און פורעניות און אַלע רעוואָלוציעס האָט מען צו פערדאַנקען דער פערבינדונג מיט פראַנקרייך. אַנ'אַלטער גענעראַל האָט אין די הויכע ספערען דערלאַנגט אַ „מעמאָריאַל", אין וועלכען ער ווייזט אויף, אַז ס'איז אַנ'אומגליק געווען, וואָס דאָס זעלבסטהערשערישע רוסלאַנד האָט זיך פערבונדען מיט דעם רעפּובליקאַנישען, רעוואָלוציאָנערען פראַנקרייך. שוין פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט נביאות געזאָגט, אַז דער שידוך פון דעם „אַפּיקורסישען פראַנקרייך" מיט דעם „הייליגען רוסלאַנד" וועט נאָר שאָדען ברענגען. דער גענעראַל מאַכט אַ חשבון: זינט דער פריינדשאַפט מיט פראַנקרייך, האָט מען געמוזט ערלויבען אין רוסלאַנד, עפענטליך די רעוואָלוציאָנערע „מאַרסעליעזע" צו זינגען, ווייל דאָס איז דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל-הימן; אפילו די רוסישע מיליטער-מוזיקאַנטען האָבען זיך געמוזט אויסלערנען דעם דאָזיגען הימן צו שפּיעלען, כדי מקבל-פנים צו זיין פראַנצויזישע געסט, ווי פאָר, לובע און דערגלייכען. די רוסישע פאָלקס-מאַסען האָבען אַלעמאָל געהאַט אַ בעגריף פון אַ קייזער, אַז דאָס איז גאָט, און דאָ קומען עפּעס אַזעלכע ברואים, מען זאָל זיך נישט פערזינדיגען, פּראָסטע, בשר ודמ'ס, וואָס נעכטען זענען זיי נאָך געווען מי יודע וואָס, און היינט זענען זיי שוין מישטיינס געזאָגט כמעט אַזוי ווי אַ צאַר. אַזאַ זאַך האָט געמוזט מאַכען אויף די רוסישע פאָלקס-מאַסען אַ „דעמאָראַליזירענדען" איינדרוק. חוץ דעם האָבען אונזערע אָפיצירען און מאַטראָזען געמוזט אָבגעבען צוריק וויזיטען אין

פראַנקרייך, און פערשטעהט זיך, אַז זיי האָבען פון דאָרט מיטגעבראַכט שרעקליכע אידעען. דאַן האָט זיך אויך דאָס רוסישע פאָלק פערקוקט אויף זיין נאָהנטסטען פריינד, אויף פראַנקרייך, און האָט דאָרט געזעהן מעשים אשר לא יעשו, און דאָס אַלעס האָט אויף איהם געווירקט. בקיצור, מען מוז מאַכען אַ סוף צו דער פערבינדונג מיט פראַנקרייך, און מען מוז זעהען זיך צו פערבינדען מיט אַן׳אַנדער לאַנד, למשל מיט דייטשלאַנד. מילא, איך בין מוחל די קלוגע עצה און בין מוחל די גאַנצע דיפּלאָמאַטיע; איך בין זי מוחל אפילו דאַן, ווען דאָס גאַנצע זאָל נאָר זיין אַ שרעק-שוס, אום צו בעוועגען פראַנקרייך, וואָס איז געוואָרען אַביסעל האַרט-לייביג, פונדאָסניי אַ הלוואה צו געבען. נאָר איז נישט די גאַנצע מאַכערייַ שוין אַביסעל צו שפּעט? און ווען ס׳איז אמת, אַז דורך דער פערבינדונג מיט פראַנקרייך איז רוס-לאַנד געוואָרען אַביסעל רעוואָלוציאָניסטיש און האָט אויפגעמאַכט די אויגען, וועט עס דאַדורך יעצט ווידער צוריק פערמאַכען די אויגען? אמת, ס׳איז אַמאָל געווען אַ צייט אין רוסלאַנד, ווען אַ רעוואָלוציאָנערער אָפיציר האָט געזאָגט דעם סאָלדאַט, אַז מען וויל מאַכען רוסלאַנד פאַר אַ רעפּובליק, האָט דער סאָלדאַט געפרעגט: „און ווער וועט אין דער דאָזיגער רעפּובליק זיין דער צאַר?" — זינט דענסמאָל אָבער זעי-נען מעהר ווי אַכציג יאָהר אַריבער; זינט דענסמאָל איז דאָס רוסישע פאָלק פון אל"ף ביז תי"ו געוואָרען גאָר אַנדערש. האָט זיך די רעגי-רונג נישט אַביסעל צו שפּעט אַרומגעקוקט?

די סכנה נומער 3: 80 מיליאָן פויערים זענען פערהונגערט און זיי רעוואָלוציאָנירען און זיי זענען גרייט צו טהון, גאָט ווייסט וואָס. מילא געגען אַ נישט גאַנץ זיכערער אַרמעע האָט מען אַן׳עצה: מען וועט זיך האַלטען געדונגענע סאָלדאַטען. געגען דער געפאַהר, וועלכע קומט פון פראַנקרייך, האָט מען אַן׳עצה: מען וועט אָבלאָזען דעם שידוך. אָבער מיט 80 מיליאָן אונצופרידענע און פערהונגערטע פויערים וואָס קאָן מען טהון? איז געווען די עצה, אַז מען זאָל זעהען, ווי עס איז, דאָס די דאָזיגע חברה זאָל נישט קריגען קיין געוועהר אין די האַנד אַריין?

און פאָרט איז מען דאָך אָפיציעל מבטיח, אַז אַלעס איז ביי אונז אַזוי שעהן „רוהיג"!

צווייאונפופציגסטער בריעף

מיר האָבען אין רוסלאַנד, ווי איהר ווייסט, דעם „תחום המושב"— די אָבגעצעהלטע צאָהל פון שטעדט און שטעדטלעך, וואו די פינף מיליאָן יודען מעגען וואוינען. אייגענטליך איז דאָס דאָס מיטעל־אַלטערליכע געהעטאָ; עס איז אָבער איבערגעזעצט אויף רוסיש. עס איז לויט דעם בעגריף פון דעם רוסישען מוח און לויט דעם שניט פון זיין בעקאַנטער „ברייטער נאַטור". אַזוי איז שוין רוסלאַנד: אַלעס ברייט, אַלעס גרויס, אַלעס מאַסיוו, אַלעס מיט דער יד הגדולה והרחבה, מיט דער פולער, גרויסער לאַפּע. אַ קוש אָדער אַ פּאַטש — ביידעס ווערט געגעבען מיט דער גאַנצער ברייטקייט פון דער רוסישער קוואַדראַט־נאַטור. אַ טובה אָדער אַ רעה — ביידעס ווערט געטהון אין קוואַדראַט, אַ פוד טובה, אַ צענטנער רעה. מען טרינקט אַ גלעזעל אויך אין אַנ'אַנדער לאַנד; אָבער אין רוסלאַנד ווערט עס באַלד אַ גאַנץ פאַס. מען מאַכט אַנ'עלילת־דמ'על אַמאָל אויך אין אַנדערע מדינות; אָבער אין רוסלאַנד ווערט עס באַלד אַ קישיניעווער, אַ ביאַליסטאָקער אָדער אַ שעדלעצער פּאָגראָם. מען האָט רעפּרעסיעס געהאַט אויך וואו אַנדערש; אָבער אין רוסלאַנד הענגט מען באַלד אויף אַ צעהן, אַ צוואַנציג, אַ דרייסיג טויזענד מענשען. עס איז שוין אין אַנדערע פּאַרלאַמענטען אויך אַמאָל עפּעס אַראָבגעפּאַלען; אָבער אין רוסלאַנד אין אַ דומא פּאַלט באַלד אַראָב אַ גאַנצער סופיט. דאָס איז דאָס ברייטע, דאָס גרויסע, דאָס מאַסיווע. און ווען אַנדערע לענדער און פעלקער האָבען זיך ערלויבט צו האָבען אין דער פינסטערער צייט אַ געהעטאָ, אַ בעשטימטע גאַס אין אַ שטאָדט פאַר יודענס וועגען, האָט רוסלאַנד גענומען דעם דאָזיגען בעגריף און האָט איהם באַלד אויסגעשפּרייט אויף אַ גאַנץ לאַנד: דער יוד מעג וואוינען נאָר אין די און די בעשטימטע שטעדט, און אין גאַנצען

לאַנד טאָר ער נישט וואוינען. דאָס איז די „ברייטע נאַטור". — ווען אַמאָל דער „תחום המושב" אין רוסלאַנד בטל ווערען? נאַטירליך, ווען די רעוואָלוציע וואָלט גובר זיין, וואָלט ער בטל געוואָרען; אַז ער װעט אָבער נישט בטל ווערען מיט דעם גוטען ווילען פון אונזער גוטער רעגירונג, דאָס איז פאַר מיר קלאָר. דער „תחום" איז נעבענביי אויך אַ צו גוט געשעפט פאַר איהרעטוועגען, אום איהם אַרויסצולאָזען אַזוי, מיר נישט דיר נישט, פון דער האַנד. אָבער בטל ווערען וועט ער סוף־כל־סוף, און אפילו ווען די רעוואָלוציע וועט גאָרנישט דערצו ביי־טראָגען — דען דאָס לעבען וועט מאַכען מיט איהם אַנ׳עק. דאָס זעהט מען קלאָר פון טאָג צו טאָג מעהר. די אינטערעסען פון די בעפעלקערונגען ווערען אַזוי ענג צונויפגעוואַקסען, אַז קיין שום געזעץ און קיין שום הינדערניש פון אַ ברוטאַלער רעגירונג קאָן דאָס נישט מעהר אָבהאַלטען. ווען נישט בהיתר, דאַן באיסור; און דאַן וועט אויך דער איסור פון זיך אַליין מוזען פערשווינדען. דאָס לעבען איז מעכטיגער פון פּאַראַגראַפען.

אויב איהר געדענקט, איז נאָך פלעווע עליו־השלום געוואָרען פלוצלינג „ליבעראַל" און האָט פערגרעסערט דעם תחום המושב אויף הונדערט מיט איינס קליינע שטעדטלעך. אין אויסלאַנד האָט מען זיך דערנסמאָל געוואונדערט איבער דעם דאָזיגען פלוצלינגען ליבעראַליזם, און מיר דאָ האָבען געלאַכט: אין די דאָזיגע שטעדטלעך האָבען יודען פאַקטיש שוין געוואוינט זינט כמה וכמה יאָהרען. אמת, זיי האָבען געוואוינט באיסור, און די שטאָדטישע אַדמיניסטראַציעס האָבען געמאַכט פון דעם דאָזיגען וואוינען אַ היבש ביסעל הכנסה; מען רופט דאָס ביי אונז „וזיאַטקעס", כאַבאַר אָדער גלאַט שוחד. צום סוף ווען דאָס וואוינען האָט שוין פראָסט געשטאָכען אַלעמען אין די אויגען, האָט די רעגירונג געמוזט בבושת פנים ווערען ליבעראַל און פלעווע עליו השלום, דער צדיק, האָט „מתיר" געווען די דאָזיגע 101 שטעדטלעך. עס וואוינען אָבער יודען פאַקטיש אויך אין הונדערטער אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך, וואו זיי טאָרען אייגענטליך נישט וואוינען, און די רעגירונג מאַכט זיך נישט זעהען; דער פריסטאַוו, דער איספּראַווניק און הונדערט אַנדערע פון די ביוראָקראַטען האָבען דערפון אַ גוטען גראָשען. מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַזאַ איספּראַווניק

ברויכט פלוצלינג אַ פינפאונצוואַנציגער, אָדער אַ פריסטאַוו ברויכט צו קויפען אַ מתנה עפּעס אַ שאַנסאָנעטקע און האָט נישט דערצו דאָס נויטיגע געלד, דאַן ווערט פלוצלינג אַ גזרה, אַז יודען זאָלען אַרויס; עס ווערט אַ יללה, אַ מהומה; און דער סוף איז, עס פליהען די פינפאונצוואַנציגער — און אַלעס בלייבט ביים אַלטען. זעלבסטפערשטענדליך, קאָן אַ רעגירונג מיט אַ גוט ווייך האַרץ נישט אַוועקנעהמען אַזאַ גאָלדען שטיקעל ברויט פון איהרע אייגענע מענשען, דערום מוז בלייבען דער תחום דע-יורע בעשטעהן, וועהרענד דע-פאַקטאָ איז ער אָפטמאָל לאַנג שוין נישטאָ. ווען אָבער דאָס וואוינען פון יודען אין אַזאַ אָרט ווערט צו בולט און דער עולם ווערט צו זעהר צוגעוועהנט צו איהם, און דעריבער גיט דאָס שוין קיין הכנסה אויך נישט — דאַן נאַטירליך ווערט די רעגירונג פלוצלינג ליבעראַל און איז מתיר דאָס וואוינען אויך לויט'ן געזעץ.

דיזעלביגע קאָמעדיע ווידערהאָלט זיך אויך איצט אין דעם נייעם צירקוליאַר פון סטאָליפינען בנוגע די רעפאָרמען, וועלכע די רעגירונג האָט בדעה איינצופיהרען וועגען יודען, אין צירקוליאַר לייענען מיר: „דאָס אונגעזעצליכע בעזעצען זיך פון יודען אין ערטער, וואו דאָס בעזעצען זיך איז זיי פערבאָטען, איז אַ פאַקט פון לעבען, אַ רעאַלע ערשיינונג, וועלכע ברענגט צו געוויסע פאָלגען, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען אין דעםווירקליכען לעבען". סטאָליפין הויבט אָן אויסצוזאָגען פון חדר. און דאַן זאָגט ער: „דאָס עקאָנאָמישע לעבען, וועלכעס ענטוויקעלט זיך אַזוי שנעל, האָט בעשאַפען אין די ערטער, וואו יודען וואוינען היינט נאָר אויף דערווייל, זעהר פערוויקעלטע בעציהונגען צווישען זיי און די פערזאָנען פון אַנדערע אמונות, און איבעררייסען די דאָזיגע בעציהונגען איז אָפטמאָל גאַנץ אונמעגליך, ווייל דאָס קאָן ברענגען אַ גרויסע רעה די פערמעגענס-אינטערעסען פון ביידע צדדים". און סטאָליפין אַליין איז זיך מודה, אַז „בקשות פלעגען אָנקומען נישט בלויז פון יודען, נאָר אָפטמאָל אויך פון די אָרטיגע קריסטליכע איינוואוינער, וועלכע האָבען מיט יודען זינט כּמה וכמה יאָהרען פערזענליכע, יורידישע און פערמעגענס-בעציהונגען". — דאָס אַלעס, און נאָך עהנליכע אַזעלכע הונדערטער ערשיינונגען זאָגען אונז גאַנץ קלאָר, אַז דער „תחום המושב", צי די רעגירונג וועט

זעהען אָדער נישט, וועט סוף־כל־סוף מוזען בטל ווערען; ער וועט בטל ווערען פון זיך אַליין, ווייל דאָס לעבען און טויזענד עקאָנאָמישע און סאָציאַלע בעדינגונגען וועלען עס פערלאַנגען און וועלען עס דורכ־זעצען. סטאָליפין אָבער, דער ליבעראַלער סטאָליפין, קומט דערוייל צו אַנ׳אַנדערען שלוס; ער זאָגט נישט, אַז מען וועט מוזען דעם תחום מבטל זיין, ער גיט אויך נישט אַ מתנה 101 נייע שטעדטלעך; אדרבא, ער זאָגט אויסדריקליך, אַז די יודען איז נישט ערלויבט צו בעזעצען זיך דאָרט, וואו זיי האָבען דערויף קיין רעכט נישט, און נאָר מיט דעם שפּיצעל פון אַ גוט גמרא־קעפּעל איז ער מוסיף: „דער יוד קאָן בלייבען וואוינען אין דעם אָרט, וואו ער טאָר נישט, אויב ער איז נישט שעדליך פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און רופט נישט אַרויס קיין אונצופרידענהייט ביי דער בעפעלקערונג, צווישען וועלכע ער וואוינט“. פאַר אונז, וואָס מיר זענען שוין גוט בקי אין דעם לשון פון אונזערע ביוראָקראַטען, איז דער זין פון דעם דאָזיגען צירקוליאַר זעהר קלאָר: אַזוי ווי אַרויסטרייבען די יודען פון יענע ערטער איז נישט מעגליך, ווייל זייערע אינטערעסען זענען ענג צו־נויפגעוואַקסען מיט די אינטערעסען פון דער איבעריגער בעפעלקערונג, און אַזוי ווי ערלויבען זיי צו וואוינען דאָרט קאָן מען אויך נישט, ווייל דאָס גוטע ליבעראַלע האַרץ לאָזט נישט, לכן גיט מען זיי אי־בער דער אָרטיגער פּאָליציי־ליכער אַדמיניסטראַציע: נאַט אייך אַ קוה צו מעלקען. און פערשטעהט מען דאָך, אַז די אָרטיגע פּאָליצייליכע אַדמיניסטראַציע וועט שוין וויסען, וואָס זי האָט צו טהון; אַזוי אָפט ווי אַנ׳אוריאַדניק וועט ברויכען אַ פינפאונצוואַנציגער אָדער אַ פריכ־טאַוו וועט ברויכען געלד אויף עפּעס אַ מתנה פאַר עפּעס אַ שאַנסאַ־נעטקע, וועט דער יוד זיין „שעדליך פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג“ און וועט „אַרויסרופען אונצופרידענהייט ביי דער בעפעל־קערונג“, און די פינפאונצוואַנציגער וועלען קומען צופליהען. וואָס פאַר אַ גוטע רעגירונג מיר האָבען און ווי זאָרגט זי פאַר איהרע לייט! נישט אמת, די רעגירונג מיט דעם העררן פרעמיער־מיניסטער אָן דער שפּיץ בעשעפטיגט זיך „ערנסט“ מיט דער לעזונג פון דער יודען־פראַגע?

בין־כך־וכך איז מיט יודען אין רוסלאַנד נישט פרעהליך. די שוואַרצע הונדערטער מיט דער קיעווער גייסטליכקייט אָן דער שפּיץ

העצען מערדעריש און די גיפטיגע פּאָגראָם־אַגיטאַציע ווערט געפיהרט ביד רמה. די קיעווער גייסטליכקייט איז געקומען מיט דעם נאַרישען בלבול, אַז יודען האָבען געבראַכט באַמבעס, אום צו שפּרענגען אין דער לופט, די „פּאַטשאַיעווער לאַווראַס", דעם הייליגען קלויסטער מיט די קאַטאַקאָמבען אין קיעוו, וואו דער הויפּט־טייל פון דער גייסטליכקייט וואוינט, און עס ווערט געהעצט אונדערבאַרעמליך, אום צו מאַכען פּאָגראָמען אין גרויסען סטיל. אַ טויט־שרעק איז געפאַלען אויף אַלע יודען אין גאַנץ וואָהלין. טאָג־טעגליך ווערען געשיקט טע־לעגראַמען צו סטאָליפּינען, ער זאָל זיי שיצען. אוי, די נאַאיווע מענשען!

און וועגען יאָלאָס'ענס ערמאָרדונג האָבען מיר איצט גאַנצע פּעק מיט נייעס, גאַנצע אַקטען און דאָקומענטען, וועלכע זענען ענט־דעקט געוואָרען ביי די פיהרער פון די שוואַרצע מאות און דורך וועלכע עס ווערט בעוויזען, וואָס מיר האָבען שוין לאַנג געוואוסט, אַז יאָלאָס איז גע'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן בעפעהל פון די שוואַרצע און נישט בלויז יאָלאָס, נאָר אויך צוואַנציג אַנדערע ווי ער שטעהען אויף דער ליסטע און זענען בעשטימט פאַר'ן טויט. און עס קומען אונזערע ליבעראַלע שרייבער אין די בלעטער און מאַכען אַ געפילדער און פרעגען די רעגירונג קשיות. אוי, די נאַאיווע מענשען!

און אין זשיטאָמיר איז געווען כלומר'שט דער פּראָצעס איבער דעם פּאָגראָם, און די שוואַרץ־מאה'דיגע אַדוואָקאַטען האָבען אויסגע־פיהרט דאָס זייעריגע: עס זענען בעשטראָפט געוואָרען עטליכע יודען און אויך עטליכע קריסטען מיט לייכטע שטראָפען. עס איז געווען אַ פעריאָד פון אַ פּראָצעס און אַ פעריאָד פון אַנ'אורטייל. אַ טעלעגראַמע צו אַ צייטונג, אין וועלכער עס איז געשטאַנען: „דער שטעלפערטרעטער פונ'ם שטאָדט־אויבערהויפּט, דער קאַפּיטאַן סווינציצקי, האָט בעוויזען, אַז גע־רויבט האָט מען אין דער אָנוועזענהייט פון מיליטער און אַז גענוג וואָלט זיין איין ערנסטער געשריי פון דער פּאָליציי, אום אָבצושטעלען דעם גאַנצען פּאָגראָם" — די דאָזיגע טעלעגראַמע האָט דאָס טעלעגראַפען־אַמט אין זשיטאָמיר נישט אָבגעשיקט, און האָט דערצו בעמערקט די פאָלגענדע ווערטער: „די טעלעגראַמע קאָן נישט ווערען אָבגעשיקט דעם אַדרע־סאַט". און אונזערע ליבעראַלע שרייבער וואונדערען זיך אין די צייט־טונגען און פרעגען קשיות די רעגירונג. אוי, די נאַאיווע מענשען!

נאַאיוו טאַקי. אַזוי ווי מען וואָלט גאָרנישט וויסען, אַז רעגי־רונג און עכט־רוסישער פעראיין איז איינס און דאָסזעלבע. אַזוי ווי מען וואָלט גאָרנישט פערשטעהן, אַז באַלד וועט קומען די צייט, ווען יעדער עכט־רוסישער און יעדער פון דער שוואַרצער הונדערט וועט אַראָבלעגען די מאַסקע און עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז דאָס איז אַ בעאַמטער מיט פעסטער בעלויהנונג פון דער רעגירונג. עס איז גענוג, אַז דער געהילפס־מיניסטער פון דער קאָמוניקאַציע האָט יעצט פונאַנדערגעשיקט אַ צירקוליאַר צו אַלע בעאַמטע אויף די אייזענבאַהן־ליניעס, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אַז דער „רוסישער פאָלקס־פעראיין" איז בעשטעטיגט פון מיניסטער פון אינערן, און „אַלע בע־אַמטע, וועלכע וועלען זיך נישט איינשרייבען אין איהם, וועלען בע־טראַכט ווערען פאַר רעוואָלוציאָנערען, וועלכע געהען געגען די רע־גירונג, און וועלען אָבגעזאָגט ווערען פון זייערע שטעלען". און ביי דער דאָזיגער רעגירונג פערקלאָגט מען די שוואַרצע און דעם „רוסי־שען פאָלקס־פעראיין" און פון דער דאָזיגער רעגירונג בעט מען שוץ געגען די שוואַרצע און געגען דעם „רוסישען פאָלקס־פעראיין"!

דרייאונפופציגסטער בריעף

דו שטעהסט אויף אינדערפריה און לייענסט אין דיין מאָרגענבלעטעל: „היינט ביינאַכט האָט מען אַרעסטירט העכער 100 מאַן"; דער „וואַרשאַווסקי דניעווניק" קומט און דערצעהלט דיר: „אין פערלויף פון די לעצטע דריי טעג זענען אַרעסטירט געוואָרען אַ שטיקלעך 162"; די „פעטערבורגער אַגענטור" איז דיר מודיע: „מען האָט אַרעסטירט 92 און 76 און 83 פערשוין"; דאַן לייענסט דו, ווען-נישט-ווען, אַז אויך פריי געלאָזט האָט מען אַזוי און אַזויפיעל, דען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי זענען נישט געוועזען שולדיג — און דו מאַכסט גרויסע אויגען און ווייסט נישט, וואָס דאָס אַלעס זאָל בעדייטען. אמת, די רעפרעסיעס זענען גרויס און די רעאַקציע קיניגט, אָבער פאָרט, די נאָרמע פון די אַרעסטען קומט דיר אויס אַביסעל אומנאַטירליך שטאַרק, אַביסעל צו גרויס אַפילו פאַר רוסישע פערהעלטנישען. דער סוד דערפון איז אָבער אַ גאַנץ איינפאַכער: חברה אַרבייט נישט בלויז „לשם יחוד קודשא ברוך הוא", מען אַרעסטירט נישט בלויז ווייל מען וויל אָבריינינגען דאָס לאַנד פון רעוואָלוציע. נאָר נעבענביי האָט זיך דאָס אַרעסטירען אויסגעבילדעט און איז געוואָרען מיט דער צייט אויך אַ געשעפטעל. דאָס איז שוין אַזוי דער דרך פון רוסלאַנד. אַנדערע האַנדלען מיט ערלויבען יודען וואוינען חוץ ל„תחום המושב", אַנדערע מיט צושטעלען תבואה פאַר אויסגעהונגערטע פויערים, אַנדערע מיט דעם זיעג אָדער מיט דעם פאַלען פון פאָרט-אַרטור, און ווידער אַנדערע האַנדלען מיט אַרעסטען. דאָס איז שוין אַזוי דער דרך פון אַ לאַנד, וואו אַלעס פוילט. עס איז צוגעקומען אַ נייער צווייג צו דער ביוראָקראַטען-אינדוסטריע. מען אַרעסטירט אויף רעכטס און אויף לינקס, מען אַרעסטירט בייטאָג און ביינאַכט, מען נעהמט-צו פון דער גאַס און מען נעהמט-צו פון די בעטען אַרויס. אויף צעהן, ביי וועלכע מען האָט אַ הונדערט-חלק פון חשד, קומען-צו נייניציג, וועלכע

מען איז אַפילו חושד אויך נישט; מען אַרעסטירט גלאַט אַזוי פון היימליכקייט וועגען. אַ טאָג דערויף קומען צולויפען די קרובים און די גוטע פריינד, מען „זעהט" זיך (איהר ווייסט דאָך מסתם, וואָס „זעהען" איז טייטש?) מיט עטליכע קהל׳שע „מאַכערס", די קהל׳שע „מאַכערס" „זעהען" זיך מיט עטליכע טשינאָווניקעס, און נאָך עטליכע טעג, אַזויבאַלד ווי אַלעס איז געוואָרען רעכט (איהר ווייסט דאָך מסתם, וואָס דער פירוש איז „אַלעס איז געוואָרען רעכט"?), ווערט אַ גרויסער טייל פון די אַרעסטירטע בעפרייט. און מאַכט זיך אַמאָל אַ מכשול, אַז איינער פון די מאַכערס, עפּעס אַ ווינקעל-אַדוואָקאַטעל, האָט דאָס שטיקעל אָבּגע-אַרבּייט נישט בעזונדערס קלוג און די סירכא איז אַרויסגעקומען, מאַכט מען אַ גוואַלד און דער בעטרעפענדער ווערט אַרויסגעשיקט אַד-מיניסטראַטיוו פון לאַנד און דאַן — דרעהט זיך דאָס רעדעל ווייטער. עס איז איצט קיינער נישט זיכער מיט זיין ביסעל פרייהייט, נישט אין גאַס און נישט אין דערהיים, עס מעג אַפילו זיין איינער, וואָס ווייסט גאָרנישט, אַז עס איז פאַרהאַן אין רוסלאַנד אַזאַ מין זאַך, וואָס רופט זיך פרייהייטס-בעוועגונג אָדער רעוואָלוצ׳יע; אויף ווענען נעבעך דער גורל פאַלט, פאַלט ער. אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער פאַלט גראָד אויף אַ יודעל פון נאַלעווקעס, אַנ׳אויסגעווייקט מלמד׳ל, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעקראָכען פון דער מקוה און ווייסט נעבעך נישט פון זיינע הענד און פיס צו זאָגען, און אַזאַ איינעם נעהמט מען צום פערהער און מען פרעגט איהם וועגען קאַרל מאַרקס און וועגען פראָ-פעסיאָנעלע פעראייגען און וועגען בעוואָפענטען אויפשטאַנד און וועגען ניטראָ-פיראָקסילין, און דאָס יודעל גלאָצט מיט די אויגען און ווייסט נעבעך נישט, וואָס וויל מען דאָ האָבען פון איהם. אַזוי רייניגט מען אָב אין רוסלאַנד דאָס לאַנד פון רעוואָלוציע!

בין כך-וכך טהוט די רעגירונג דאָס איהריגע. איך האָב אייך שוין איינמאָל געשריבען, ווי סיסטעמאַטיש די רעאַקציע אַרבּייט און ווי נאָך אל״ף זאָגט זי בי״ת און נעהמט צוריק ביסלעכווייז אַ ל ע ס, וואָס מען האָט אין גוטע, ליכטיגע טעג מיט געוואַלט זיך גענומען, און ווירקליך זעהען מיר, ווי זי געהט דעם דאָזיגען וועג מיט ריעזען-שריט. דאָס פעלד-געריכט האָט מען געהאַט אין דער צייט פון דער צווייטער דומא אָבּגעשאַפט — און נון איז עס ווידער דאַ אין אַ

פערבעסערטער און פערמעהרטער אויפלאַגע. נאַטירליך, הייסט עס איצט נישט מעהר „פעלד־געריכט”; עס הייסט נאָר איינפאַך „מיליטער־געריכט”. אָבער דער עיקר איז: אין 24 שעה מוז דער משפט פערטיג זיין. אַזוי אויך האָבען מיר מיט געוואַלט געהאַט אַרויסגעריסען פון דער רעגירונג אַ געוויסע אויטאָנאָמיע פאַר אונזערע אוניווערזיטעטען. די פאָליציי און די פאָליציי־געוואַלט האָבען נישט מעהר געהאַט קיין ממשלה איבערהאַלב די ווענד פון דער אוניווערזיטעט; דאָס רעכט פון ערלויבען אָדער נישט ערלויבען איז אָבהענגיג געווען איינציג און אַליין פונ׳ם רעקטאָר — און נון איז אַ סוף געמאַכט געוואָרען אויך צו דער דאָזיגער פרייהייט. דער גאַנצער קאַמף זינט יאָהרען וועגען דעם דאָזיגען פונקט איז געווען אומזיסט: די רעגירונג האָט ווידער גענומען די אוניווערזיטעטען אין איהר רשות אַריין. און וואָס דאָס בעדייט, וועט יעדער יונגער אינטעליגענטער מענש אין רוסלאַנד אייך זאָגען; עס איז דער גייסטיגער טויט פון דער רוסישער שטודירענדער יוגענד. אַזוי אויך האָבען מיר זיך מיט אַנגסט און נויט געהאַט אויסגעקעמפט, ווי עס איז, אַ שטיקעל פרייערען צוטריט פאַר יודענס-וועגען צו די שולען; די פעראָרדנונג, אַז פון יודען זאָלען צוגענומען ווערען אין די גימנאַזיעס און אין די העכערע לעהר־אַנשטאַלטען נאָר 5 און 10 פראָצענט, איז ווי פון זיך אַליין ווי בטל געוואָרען — און נון נעהמט זיך די רעגירונג אויך צו דעם דאָזיגען שטיקעל אַרבייט, די פראָצענט־אָרדנונג ווידער אומצוקעהרען. כל זמן אונזערע שולען, זאָגען די רעדעלפיהרער, וועלען נישט זיין אָבגערייניגט פונ׳ם יודישען עלעמענט, זענען מיר נישט זיכער, אַז אונזערע קינדער וועלען נישט זיין קיין רעוואָלוציאָנערען. און נישט בלויז יענע נאָרמע פון די פראָצענטען, זאָגען זיי, זאָל מען צוריק איינפיהרען, נאָר נאָך מעהר; האָט מען זיך שוין גענומען צו דער דאָזיגער אַרבייט, מוז מען שוין דאָס מאַכען „ווי עס בעדאַרף צו זיין”. ווי דער „טאָוואַרישטש” דערצעהלט, איז זאָגאַר אַ פראָיעקט אַריינגעטראָגען געוואָרען, אַז מען זאָל מאַכען פאַר יודענס-וועגען ספעציעלע „חדרים” (אוניווערזיטעטען) אין דעם „תחום המושב”. דער פראָיעקט איז דערוויל נישט אָנגענומען געוואָרען, ווייל ער איז צו לעכערליך. אַזוי אויך האָט זיך די רעגירונג שוין גענומען צו די „פראָפעסיאָנעלע פעראיינען”, אום זיי צו

פּערוועהרען. ווי מען זעהט, אַרבייט די רעגירונג. אוי אוי, איז אונזער רעגירונג אַרבייטס־פעהיג! זי אַרבייט אין איין וואָך מעהר ווי טויזענד דומא׳ס! נאָך אַזאַ ביסעל אַרבייטס־פעהיגקייט און אַלעס וועט זיין צוריקגעשטעלט נישט בלויז ווי עס איז געווען פאַר דעם 30־טען אָקטאָבער, נאָר אַזוי ווי פאַר צוויי־הונדערט יאָהר!

און אין ביאַליסטאָק האָבען מיר געהאַט די היינטיגע וואָך דעם פּראָצעס — דעם פּראָצעס וועגען פּאָגראָם. דיזעלבע קאָמעדיע, וועלכע די רעגירונג שפּיעלט וואו זי קעהרט זיך און ווענדט זיך, האָט זי אויך דאָ געשפּיעלט. צו וועלכען צוועק? צו וואָס זאָל עס איהר? צו וואָס ברויכט זי עס? עס איז דער אייביגער פלוך פון דער נידערטרעכטיגקייט, אַז זי האָט נישט דעם מוט און קאָן נישט זיין אָפען און עהרליך און מוז אַלעמאָל אַ קאָמעדיע שפּיעלען, אַפילו דאָ ווען זי פרעגט נאָך קיינעם נישט און זי ווייסט, אַז מי יאמר לה מה תעשה. אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט אַ וועלט אין בעוועגונג געזעצט, און געענדיגט האָט זיך זיין לעצטער אַקט, אַז מען הענגט אַראָב די אויגען און מען שעהמט זיך צו קוקען אַן׳אַנשטענדיגען מענש אין פּנים אַריין און מען פיהלט, מען האָט אַ פּאַטש דערלאַנגט דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט. פינף זענען פעראורטיילט געוואָרען (עס איז נישט קיין טעות; נישט 500 און נישט 50, נאָר 5!): איינער אויף 8 חדשים געפענגניש, דריי אויף אַ יאָהר מיט דריי מאָנאַטען אַרעסטאַנטען־ראָטע און קוים איינער אויף 8 יאָהר סיביריען. און אויך דאָס איז דאָך וואַהרשיינליך נאָר משום מראית־עין; אַ טאָג שפּעטער, ווען מען וועט אַזעלכע פינף ברויכען צו אַ נייער אַרבייט, וועלען זיי מן הסתם שוין ווידער זיין אויפ׳ן פלאַץ. און ווידער פרעג איך אייך, וואָס איך האָב אַמאָל געפרעגט: איז דאָס גאַנצע נישט אַ פּראָוואָקאַציע צו אַ נייעם פּאָגראָם?

און ווירקליך געהען די פּראָוואָקאַציעס צו נייע פּאָגראָמען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אַן׳אַנדערער טייל פון דער רעגירונג — די שוואַרצע מאות — געהען אויך נישט לעדיג און אַרבייטען. קרושעוואַן פאָהרט אַרום אין דער בעסאַראַבער גובערניע און אַגיטירט צווישען די מאָלדאַוואַנער געגען יודען. ער מאַכט „פערזאַמלונגען" אין די דערפער און רייצט גאַנץ אָפען צו פּאָגראָמען. אַזוי אויך פאָהרט

אַרום דובראָווין און פּרעדיגט מאָרד און טויט געגען יודען. און הויפּטזעכליך אַרבייט איליאָדאָר, דער בעקאַנטער גייסטליכער איליאָדאָר, און זיינע פּאָגראָם־רעדען מאַכען אַ געוואַלדיגען איינדרוק. ווי מען דערצעהלט, זאָל ער אייגענטליך נישט זיין קיין בעזונדערס גוטער רעדנער, נאָר אַ זעהר בעגאַבטער און קלוגער קאָמעדיאַנט איז ער. ער דרעהט מיט די אויגען און צעוויינט זיך און צעלאַכט זיך און מאַכט משונע העויות, און דערמיט נעהמט ער דאָס איינפאַכע פאָלק; ער קען די פּסיכאָלאָגיע פון׳ם איינפאַכען פאָלק ווי קיין צווייטער. און אויך די ווירקונג פון דער דאָזיגער אַגיטאַציע האָבען מיר שוין אָנגעהויבען זעהען: אין יאַראָסלאַוול איז געוועזן אַ קליינער פּאָגראָם. די שוואַרצע באַנדעס זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאָהנען איבער דער שטאָדט און האָבען געזונגען פּאַטריאָטישע ליעדער, און צום סוף האָט איינער אַ געשריי געגעבען: קינדער, לאָמיר זיך נעהמען צו די יודען! אין יאַראָסלאַוול זענען אָבער יודען נישט אַזוי שטאַרק בנמצא — האָט מען געמוזט שטאַרק זוכען ביז מען האָט עטליכע געפונען. יעדער יוד, אָדער וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ יוד, איז קראַנק געשלאָגען געוואָרען, און יעדעס הויז, אויף וועלכען מען האָט געזאָגט, אַז דאָרט וואוינט אַ יוד איז דעמאָלירט געוואָרען. אַזוי אויך מעלדעט מען מיר פון אָדעס, אַז אין פערלויף פון די לעצטע טעג האָט מען דאָרט מיט מעסערס און נאַגאַיקעס פערוואונדעט און קראַנק געשלאָגען מעהר ווי 30 מאַן. דערונטער איז אויך געוועזן איינער אַ קריסט, וועלכער איז געהרג׳עט געוואָרען, ווייל מען האָט איהם בטעות געהאַלטען פאַר אַ יודען.

און אויך די פּרעסע פון די שוואַרצע אַרבייט אויף אַלע כלים. די „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי״, די „נאָוואָיע ווערעמיאַ״, דער „גראַזשדאַנין״, די „רוסקאָיע זנאַמיאַ״ און די „מאָרסקאַיאַ וואָלנאַ״ האָבען זיך גענומען פלוצלינג ערנסט צו דער מלאכה, צו לעזען די יודענפראַגע. עס איז ווי ווען וועלף וואָלטען זיך צונויפגעקומען אום צו לעזען די שאָף־פראַגע. די פראַגע איז: ווי זאָל מען זיי פרעסען, געקאָכט אָדער געבראָטען? געזאָטען אָדער רויה? עס ווערט בעהאַנדעלט כלומר׳שט גאַנץ ערנסט דער פלאַן, אַז מען זאָל יודען ערקלערען פאַר „אויסלענדער“. די „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ איז זעהר און זעהר פאַר דער

דאָזיגער שעהנער אידעע, און אויך די „רוסקאָיע זנאַמיאַ״ איז מסכים דערצו. נון אָבער קומט צוגעהן דער היסטאָרישער פילאָזאָף פון דער „מאָרסקאַיאַ וואָלנאַ״ און פאָלעמיזירט דאַגעגען. אמת, זאָגט ער, די היסטאָרישע ערפאַהרונג האָט בעוויזען, אַז פאָגראָמען, הריגות, ווי אויך דאָס אַרויסטרייבען די יודען מיט געוואַלט האָבען געלעזט די יודען-פראַגע נאָר אין זעלטענע און אויסערגעוועהנליכע פאַלען, אָבער אויך דאָס ערקלערען זיי פאַר אויסלענדער איז אַביסעל געפעהרליך; די יודען וועלען זיך באַלד איינקויפען אַלס אונטערטאַנען אין אַנדערע לענדער, און אַלס פראַנצויזישע בירגער, למשל, וועלען זיי ביי אונז זיך בענוצען נאָכדעם מיט אַלע רעכט. די יודען-פראַגע — זאָגט ער — קאָן מען לעזען גאָר פשוט: מען דאַרף געבען יעדער שטאָדט און יעדען שטעדטעל דאָס רעכט, זיך צו קאָנען ערקלערען „אויסער דעם תחום״.

זענען די מענשען ווילד געוואָרען? זענען זיי משוגע? אָדער שפיעלען זיי נאָר קאָמעדיע?

פּיעראָונפּופּציגסטער בריעף

די גאַנצע מיטעלע קלאַס פון פאָלק האָט אַרומגענומען עפּעס אַ מין אַפּאַטיע. מען גענעצט און עס שלעפּערט זיך. מען ווייסט, מען האָט נאָך איבערצוקומען עפּעס אַ מין וואַהלען צו אַ דריטער דומא, אָבער טאַקי נישט מעהר ווי אַן׳איבערקומעניש. נישט מען פרעהט זיך, נישט מען טרויערט; נישט מען קריעגט זיך אַרום, נישט מען מאַכט בלאָקען. די וואַהלען ווערען אייגענטליך נישט אויסדריקליך באָיקאָטירט, אָבער אויך אין די וואַהל-רעגיסטערען שרייבט מען זיך נישט איין, מען גענעצט — און מען שרייבט זיך נישט איין, מען גענעצט — און מען שרייבט זיך יאָ אַמאָל איין. עס איז די שטימונג און די האָפנונג פון מענשען, וועלכע מאַכען אַן׳אויוועק פון פּוטער; ווי ער וועט שוין אַרויסקומען, וועט זיין רעכט, אַ שפּיץ דאָ אַ שפּיץ דאָרט, צעגעהן וועט ער סיי-ווי-סיי. עס איז דאָס געמיט און די ערוואַרטונג פון מענשען, וועלכע מאַכען אַ מענשעל פון שניי; אויף די קאָרעקטע פאָרם קומט עס ביי אַזאַ בעשעפעניש גאָרנישט אָן. לויט די נאַכריכטען פון אַלע עקען און ענדען פון לאַנד, האָבען זיך ביז איצט פערצייכענט אין די וואַהל-רעגיסטערען נישט מעהר ווי 30 פּראָצענט פון די, וועלכע האָבען דאָס רעכט צו וועהלען. — און אחרי כל אלה, ווען מען זאָל בעטראַכטען די דומא נישט אַלס אַ זאַך פאַר זיך, נאָר אַלס אַן׳אַגיטאַציאָנס-מיטעל, קאָן מען גאַנץ גוט פאָראויסזאָגען, אַז די דריטע דומא וועט פאָרט זיין פאַר דער רעגירונג די סאַמע אונבעקוועמסטע און אפשר אויך די געפעהרליכסטע. אין דער צווייטער דומא, זעהט איהר, האָט מען נאָך אַלץ געקוקט אויף „טאַקט״, מען האָט נאָך אַלץ געמיינט, ווי עס איז, אַז מען וועט קאָנען ראַטעווען די סיטואַציע; מען האָט גערעדט שטיל, מען איז געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגעל, עס איז געוועזען ווי ביי אַ קראַנקען אין שטוב; מען איז געוועזען נאַאיוו און מען האָט אַלץ געצייטערט, אַז צוליעב אַ שטאַרקער פראַזע זאָל חלילה וחס נישט אַזאַ טייער

בעשעפעניש ווי די דומא אַוועקגעהן פון דער וועלט. אין דער דריטער דומא אָבער וועט דאָס אַלעס אַנדערש זיין. אמת, דורך די נייע וואַהל-געזעצען וועט דער אָפּאָזיציאָנעלער עלעמענט דאָרט זיין גענוג קליין, אָבער גראָד ביי אַזעלכע זאַכען שפּיעלט די שטאַרקע צאָהל קיין ראָלע נישט; עס איז גענוג אַביסעל – און גוט. און אַזוי ווי די העלדען פון דער אַנדערער זייט קענען מיר: האַלבע אידיאָטען, מענשען אָהן טאַלענט און אָהן בילדונג, שרייער, סקאַנדאַל-מאַכער און גלאַט שיכורים – איז אָנצונעהמען, אַז דאָס ביסעל לינקע וועלען דאָס איצטיגע מאָל זיין אויף זייער ריכטיגען פּלאַץ. די „טאַקט"-פּאָליטיק וועלען זיי איצט נישט מעהר ברויכען און זיי וועלען רעדען. און מעהר אייגענטליך ברויכען מיר נישט – דאָס הייסט, ווען מען בעטראַכט די דומא נאָר אַלס דאָס וואָס זי איז: אַלס אַגיטאַציאָנס-מיטעל. זעלבסטפערשטענדליך, וועט אַזאַ דומא שוין נאָך דער קירצעסטער צייט ווידער פערמאַכט ווערען.

וואָס דען מיינט איהר, אַ דומא אין רוסלאַנד איז טאַקי אַ דומא, אַ פאָלקס-פערטרעטונג הייסט עס, אַ זאַך וואָס האָט אַ ווערט אַן און פאַר זיך? אַך, ווי איהר קענט נישט אונזער רוסלאַנד! רוסלאַנד און אַ פאָלקס-פערטרעטונג – עס איז לייכטער זיך פאָרצושטעלען אַ קאָזאַק אין פראַק מיט גלאַסעע-האַנדשוה. עפּעס האָט זיך דעם רוסישען טשינאָווניק אָנפאַנגס יאָ געחלומ'ט אַ שטיקעל חלום פון צונויפרופען אַ סטאַדע מענשען אין אַ שטאַל אַריין, נאָר דער רוסישער שמאָלער מוח האָט דעם דאָזיגען געדאַנק נישט געקאָנט אויסטראַכטען ביז'ן סוף – און עס איז אַרויסגעקומען יענעס ווילד-משוגה'דיגע בעשעפעניש מיט דעם ווילד-משוגה'דיגען אַלט-רוסישען נאָמען „דומא": אַ הייזעל, געמאַכט פון קאָרטען, וועלכעס וועט און מוז ביי יעדען בלאָז פון אַ ווינטעל איינפאַלען. דאָס, דאַכט זיך, איז אַ וואָרט, וואָס דער אַלטער טאָלסטאָי האָט געזאָגט. און אַלע האָפנונגען און אַלע פרייהייטס-שטרעבונגען, וואָס אַנ'אומגליקליך אויסגעמאַטערט פאָלק האָט געהאַט זינט צענדליגער יאָהרען, האָט מען אַריינגעקוועטשט אין אָט דעם דאָזיגען קאָרטען-הייזעל. עס איז געווען פּראָסט לעכערליך צו זעהען, ווי דערוואַקסענע מענשען מיט בערד זענען געזעסען אין דעם דאָזיגען הייזעל פון קאָרטען מיט ערנסטע פּנים'ער און האָבען געטראַכט און האָבען גערעדט און האָבען געפּרעגט און האָבען געענטפערט. אַך, די גרויסע קינדער! זיי האָבען געמיינט, אַז זיי זענען

אין עפּעס אַ פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן. צונויפּרופֿן און פונאַנדערלאָזען איז נוהג אין גאַנץ אייראָפּא — אָבער דאָ האָט מען נישט פונאַנדערגעלאָזען, דאָ — ווען דעם טשינאָווניק איז אויסגעקומען, אַז עפּעס איז נישט אַזוי ווי ער וויל — האָט ער אַ בלאָז געגעגעבען אין דעם קאָרטען-הייזעל און עס איז צעפאַלען. עס איז געווען — זאָגט טאָלסטאָי — ווי חדר-יונגלעך וואָלטען זיך אַוועקזעצען שפּיעלען אין קאָרטען; מען שטעלט איין זיין חנוכה-געלד, מען צעטיילט דאָס פּעשעל קאָרטען, און זעהען די טשינאָווניקעס, אַז די בלעטלעך זענען עפּעס נישט אַזוי פּוי־געלדיג, כאַפּט מען אויס די עטליכע גראָשען, מען צעוואַרפט דאָס שפּיעל און מען הייסט אָנהויבען אויפסניי. און ווידער זעצט מען זיך אַוועק, און ווידער טיילט מען אויפסניי, און ווידער הויבט מען אָן פון פאָרענט; די טשינאָווניקעס אָבער הויבען שוין ווידער אָן צו לאַר־מען און צו שרייען, אַז עס גילט נישט, און מען מישט שוין ווידער די קאָרטען און מען הויבט שוין ווידער אויפסניי אָן איבערצושפּיעלען. איצט האָבען זיי, די רעדעלפיהרערס, זיך אַרויסגעגנב׳עט עטליכע גוטע קערט־לעך, לויטער טרומפען, פון דעם פּעשעל און מיינען, אַז דאָס שפּיעל אין לכתחילה שוין געוואונען — און זיי זעצען זיך אַוועק ברייטליך ביי די טישען. איז דאָס אַ קינדער־שפּיעל? איז דאָס אַ פאָלקס־פערטרעטונג? הערט מען אַזוי אויס די שטימע פונ׳ם פאָלק, ווען מען מיינט עס כאָטש איין מינוט עהרליך און אויפריכטיג?

דערווייל זענען אין מאָסקווא זיך ווידער צונויפגעפאָהרען די עכט-רוסישע און האָבען אָבגעהאַלטען אַ מין קאָנגרעס. די דאָזיגע מענ־שען זענען שוטים — דאָס איז פאַר מיר איצט קלאָר. איך וואָלט ווינשען, אַז זיי זאָלען אָבהאַלטען אַזעלכע קאָנגרעסען וואָס מעהר, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, וואָלט די וועלט אפשר פאָרט זעהען, ווער זיי זענען, אַזוי, לויט זייערע געשרייען און זייער געפּילדער אין די צייטונגען, מיינט מען מי יודע ווער זיי זענען און ווי גרויס זייער מחנה איז; די פורישקע־וויטשעס און די דובראָווינס רעדען אַלעמאָל פון צעהנדליגער מיליאָנען מיטגלידער און פון צעהנטויזענדער פעראיינען; פאַר׳ן ערשטען צו־זאַמענפאָהר האָבען זיי וואָכענלאַנג אַרומגעפּויקט אויף אַלע פּויקען, אַז טויזענדער פאָרשטעהער פון גאַנץ רוסלאַנד וועלען קומען און די וועלט וועט ערשט דאַן זעהען, ווער דאָס רוסישע פאָלק איז. און קומען זיי

צוזאַמען, זעהט מען ערשט זייער גאַנצע פוסטקייט און זייער נאַרישע בעריהמעריי. זיי זענען שוטים, וואָס זיי פאָהרען זיך צוזאַמען. ביי דעם ערשטען צוזאַמענפאָהר איז עס געווען אַ באַנדע פון עטליכע צעהנדליג שיכורים, און איצט, ביים נייען צוזאַמענפאָהר, איז די מפלה נאָך אַ גרעסערע: קוים 46 כוליגאַנעס האָט מען געקאָנט צונויפשלעפען צו מנין. דאָס פאָלק איז נישט מיט זיי. עס איז זיך נישט אַזוי שטאַרק צו שרעקען פאַר זיי. דאָס, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט אויך די רעגירונג אַביסעל איינגעזעהן און איז געוואָרען עטוואָס אָבגעקיהלטער אין איהר פריינדשאַפט צו זיי. זעלבסטפערשטענדליך האָט דאָס געווירקט און די הערהען „עכטע" פייערען איצט מיט פעך און שוועבעל געגען סטאָליפי-נען. זיי מיינען אַלץ, זיי האָבען איהם אין דער האַנד און אָהן זיי וועט ער זיך נישט קאָנען קיין עצה געבען, הן ביי אַ פאָגראָם-מאַכען, הן ביי אַ דומא צונויפשטעלען. זיי קומען מיר פאָר, ווי די אַלטע קעכין, וואָס איז אַמאָל ביי אונז געווען. ווען די קאַץ האָט געכאַפּט דאָס פלייש און איז דערמיט אַוועקגעלאָפען, האָט זי זיך געפּאַטשט איפ'ן בויך און האָט אַלץ גע'טענה'ט: די קאַץ וועט נישט וויסען, ווי מען קאָכט עס. — אינ-טערעסאַנט איז אָבער יעדענפאַלס ווי די שוואַרצע אַרבייטען: פון נאָ-וואָטשערקאַסק, דעם וואוינאָרט פון די דאָנער קאָזאַקען, וואו מען וויל איצט גרינדען אַ פּאָליטעכניקום, האָט דער „פערבאַנד פון רוסישען פאָלק", לויט אַ מעלדונג פון „רוסקאָיע זנאַמיאַ", געשיקט צום קייזער פאָלגענדע טעלעגראַמע: „די רעוואָלוציאָנערע געשעהענישען גיבען די זיכערסטע בעווייזען, אַז דאָס יודישע פאָלק אין רוסלאַנד איז דער גרעסטער שונא, וועלכער וויל אומברענגען די רוסישע מלוכה און די רוסישע נאַציע. די ריינקייט פון די קאָזאַצקע איבערצייגונגען איז צו טייער פאַר'ן פאָטערלאַנד, אַז מען זאָל נישט זעהען מיט אַלע מיטלען צו בעזייטיגען אַלע מעגליכע פיינד און שעדליכע איינפלוססען פון דער זייט. האָב'זשע רחמנות, ליעבער פאָטער, אויף דיינע טרייע זיהן, די דאָנער קאָזאַקען, און לאָז נישט צו, אַז עס זאָלען צו אונז אַריינדרינגען די אור-אַלטע שונאים פונ'ם טייערען פאָטערלאַנד, דען ווען זיי וועלען זיך נאָר בעזעצען ביים דאָן, וועט די גאַנצע קאָזאַצקע מיליטער-מאַכט געהן צו גרונד. בעפעהל, אַז דיין זאַקאָן, לויט וועלכען די יודען טאָרען זיך נישט בעזעצען אין דער דאָן-געגענד, זאָל בלייבען אין זיין הייליגער

אונבעריהרליכקייט א.ז.וו. א.ז.וו." גרויס חכמה, ווי מען זעהט, שטעקט נישט אין דער פּאָליטיק-פיהרערײַ פון די דאָזיגע לייט, אָבער מסר'ן, בלבולים מאַכען און גלאַט שפּייען מיט גיפט און גאַל טאָג און נאַכט איז אויך אַ זאַך; אין רוסלאַנד קאָן מען אויך דערמיט עפּעס דערגרייכען.

און אין קיעוו מאַכט מען שוין ווידער הכנות צו אַ פּאָגראָם-פּראָצעס. בנוגע צו פּאָגראָם-פּראָצעסען האָט די רעגירונג, ווי עס שיינט, געגעבען די געריכטען אַ בעשטימטע פאָרשריפט, פונקט דעם היפך פון דער פאָרשריפט ביי די פּאָליטישע פּראָצעסען. ווערענד ביי די פּאָליטישע סטאַרעט מען זיך מיט אַלע כוחות צו נעהמען אַ סך קליינע פּראָצעסען, וואָס געהערען זיך אָפּט גאָרנישט אָן איינער מיט דעם אַנדערען, און זיי צונויפצופלעכטען צו איינעם אַ גרויסען, גראַנדיעזען פּראָצעס, כדי דער וועלט צו קאָנען ווייזען ווי געפעהרליך די פרייהייטס-בעוועגונג איז און וואָס פאַר אַ מורא'דיגע סכנה עס שטעקט אין איהר פאַר דער עפענטליכער אָרדנונג און פאַר דער מלוכה, מאַכט מען עס ביי די פּאָ-גראָם-פּראָצעסען פונקט אומגעקעהרט: מען נעהמט אַ גרויס געשעהעניש, למשל אַ זשיטאָמירער, אַ ביאַליסטאָקער אָדער אַ קיעווער פּאָגראָם, און מען צעלעגט דאָס אויף פיצלעך, היינט אַביסעל און מאָרגען אַביסעל, היינט אַ קליין גרופּקעלע און מאָרגען אַ קליין גרופּקעלע, און מען צע-שלעפּט עס און מען צעמאַזשעט עס, כדי עס זאָל זיך גאָרנישט אָנזעהן, און מען פער'משפט היינט אַ צוויי-דריי און נאָך עטליכע וואָכען ווידער אַ צוויי-דריי, קוים קוים אויף אַ שפּיץ מעסער, און זאָל אַ וועלט זעהן, אַז עס איז געווען אַ פּוסטער גערודער און אַז אייגענטליך איז דאָס אַלעס נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזען איי. אַזוי האָט מען עס געמאַכט מיט דעם זשיטאָמירער פּאָגראָם, אַזוי האָט מען עס געמאַכט מיט ביאַ-ליסטאָק, וואו מען האָט אָבגעטרענט דעם שטאָדט-פּאָגראָם פון דעם פּאָ-גראָם ביי דער אייזענבאַהן סטאַציע, און אַזוי געהט מען עס מאַכען אויך מיט קיעוו. מיר האָבען אַ קלוגע רעגירונג. אַ שאָד איז נאַר, וואָס זי אַרבייט אַביסעל גראָבליך — פאָרט אַ רוסישער מוח — און די כוונה זעהט זיך באַלד אַרויס. וואָס פאַרא גערעכטיגקייטען מיר קאָנען ערוואַר-טען פון אַזעלכע פּראָצעסען, ווייסען מיר שוין.

און אין אָדעס איז דער פּאָגראָם געוואָרען אַ שטענדיגע רובריק. אַזוי ווי מען לייענט אין דער צייטונג: „דאָ און דאָ איז צו בעקומען אייער צו

קויפען" אָדער „דאָ און דאָ בעקומט מען פאַר 5 קאָפּיקעס פרישע הערינג", אַזוי לייענט מען אויך: היינט האָבען זיך געלאָזט איבער דער מאָלדאַוואנקא אַזוי און אַזויפיעל כוליגאַנעס און האָבען גע'הרגעט אַזוי און אַזויפיעל יודען; היינט האָבען שיכור'ע „עכטע" פערפלייצט די דערעבאָסאָווסקאַ גאַס און געבראָכען שויבען און דעמאָלירט קראָמען און געשלאָגען אַזוי און אַזויפיעל יודען. און מען לייענט שוין דאָס גאַנץ רוהיג — און מען זעצט זיך דאַן אַוועק שפּיעלען „ווינט".

מען כאַפּט זיך אָן אין די פוילע ווענד. עס איז עפּעס ווי אַ שטיקעל נחמה געוואָרען, ווען מען האָט געלייענט אין צייטונגען די נאַכריכט, אַז די האַאַגער פריעדענס-קאָנפערענץ וועט צום סוף אויך בעטראַכטען די יודען-פראַגע — און מען גלויבט.

פינפאונפופציגסטער בריעף

וואָס איז אונז געבליבען פון אונזער גאַנצער רעוואָלוציע? — געבליבען איז אונז פאָרלויפיג (מען קאָן דאָך נישט וויסען, וואָס עס וועט נאָך אַלץ זיין און ווי דאָס וועט אויסזעהן אַביסעל שפּעטער!) געבליבען איז אונז פאָרלויפיג פון דעם גאַנצען טאַראַראַם נאָר אַ שטיקעל געשעפט פאַר טשינאָווניקעס, טשינאָווניקעס שוויצען, טשינאָווניקעס שמאַיען, טשינאָווניקעס אַרבייטען — און מען פערדיענט דערביי עטליכע קערבלעך. דאַנקען גאָט דערפאַר! נישט פון היינט אָן ווייסט איהר נאַטירליך, אַז אין רוסלאַנד איז אייגענטליך אַלעס געשעפט. רעוואָליושען איז מאַני, קאָנסטיטיושען איז מאַני, עלעקשען איז מאַני, רעפּרעשען איז מאַני, (רעוואָלוציע איז געלד, קאָנסטיטוציע איז געלד, וואַהלען זענען געלד, רדיפות זענען געלד) — בקיצור אַ ל ע ס איז געלד. מען אַרבייט אָב אַ מלחמה אין וויטען מזרח — און עטליכע רעדעל-פיהרער ווערען נתעשר; מען פאַבריצירט אויסנאַהמס-געזעצען פאַר יודען — און עטליכע קליינע טשינאָווניקעס האָבען אַנ'עסק אין דער האַנד; מען דערלאָזט נישט אָדער מען דערלאָזט יאָ אַ געוויסע קלאַס מענשען צו גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען — און מענשען האָבען דערפון שעהן חיונה; מען מאַכט עפּעס אַ דאַך צו אַ דומאָ און מען נעהמט דערפאַר אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזענד — און מענשען לעבען דערפון בכבוד; מען הויבט אָן צו יאָגען און צו פּלאָגען און צו אַרעסטירען אויף רעכטס און אויף לינקס — און מען איז זיך דערמיט מפרנס. ווילט איהר גראָד, אַז די קאָנסטיטוציע און די תרי"ג געשעפטען התלויות בה זאָלען נישט זיין קיין פּרנסה-זאַך? איהר זענט, כלעבען, קינדער. איך בין זיכער. אַז דער שוואַרצער פעראיין, וואָס וויל א י נ ג אַ נ צ ע ן מבטל מאַכען די דומא, וועט דאָס נישט פועל'ן. און אפשר וויל ער עס אויך גאָרנישט און נאָר עס געהער אַזוי צום מאַנעווער, דען בין-כך-וכך איז די וואַהל-מאַכעריי געוואָרען אַ געשעפטעל. ווען מען וועט קלויבען חתימות אין גאַנץ רוסלאַנד

און אַלע 140 מיליאָן וועלען זיך אונטערשרייבען, אַז זיי זענען מוחל במחילה גמורה די גאַנצע וואַהלען און די גאַנצע דומא און די גאַנצע קאָנסטיטוציע, בין איך זיכער, אַז שטאָל און אייזען וועלען שטעהן פאַר די דאָזיגע איינריכטונגען די טשינאָווניקעס אַליין און וועלען בשום אופן נישט לאָזען אָנריהרען די „פרייהייט", ווי מען לאָזט נישט אָנריהרען דעם שוואַרצאַפּעל פון אויג. ליבערטי איז מאַני (פרייהייט איז געלד). עס איז גענוג, ווען איך וועל אייך דאָ ווייזען אַ קליינעם חשבון פון מיין נאָהנטסטער אומגעבונג: די הוצאות צו מאַכען די רעגיסטערס פון די וועהלער אין וואַרשא פערגרעסערען זיך פון מאָל צו מאָל. צו דער ערשטער דומא האָבען די רעגיסטערס געקאָסט דער שטאָדט-קאַסע 50,000 רובעל, ביי די וואַהלען צו דער צווייטער דומא האָט שוין די הוצאה בעטראָפען 67,000 רובעל; און היינט וועלען די רעגיסטערס אָבקאָסטען דער שטאָדט ביז 80,000 רובעל. אַ גוטער בעל-חשבון וואָלט געקאָנט אויסרעכענען, וואָס דאָס דאָזיגע וועט דאַרפען קאָסטען ביי דער פיער-טער, פינפטער, זעקסטער דומא א.ז.וו. און איהר זענט אַזוי נאַאיוו און ווילט, אַז טשינאָווניקעס זאָלען נישט ליעב האָבען די „פרייהייט"? אַז טשינאָווניקעס זאָלען אַזוי לייכט מוותר זיין אויף קאָנסטיטוציע?

איבערהויפּט ווען מען זאָל קוקען אויף די פּאָליטישע געשעהעני-שען אין רוסלאַנד פון דער געלד-זייט, וועלען אונז ווערען פערענטפערט אַ סך קשיות. אָט האָבען מיר אונזער ליעבען פעראיין פון די עכט-רוסישע. איך בין ווייט דערפון צו זאָגען, אַז דאָס איז אַ פעראיין פון לויטער מלאכים; איבערהויפּט איז שווערליך אַ מאָדערנעם מענש צו גלויבען אין מלאכים. ווי אָבער עס איז, האָט מען דאָך נאָך אַלץ גע-מיינט, אַז דאָס איז אַ פעראיין, וועלכער האָט, ווי עס איז, עפּעס אַ שטיקעל פּאָליטישען ציעל. מאַכט זיך אָבער, מעשה-שטן, אַז די דאָזיגע חברה האָלט אָב זעהר אָפט קאָנגרעסען, און ביי אַזאַ געלעגענהייט צע-קריעגט זיך איינער מיט דעם אַנדערען און עס קומען אַרויס אַ רעכט ביסעל סודות. סודות מכוח געלד-זאַכען. אפילו אַזעלכע עהרליכע לייט ווי אָט די דאָזיגע, וועלכע אַרבייטען נאָר לטובת הכלל, זענען, ווי עס ווייזט זיך אויס, אין געלד זאַכען נישט גאַנץ ריין. באַלד ווי דובראָווין, דער פּרעזידענט פונ'ם פעראיין, איז אַהיימגעקומען פונ'ם מאָסקווער קאָנ-גרעס, האָט ער געגרינדעט אַ פינאַנץ-קאָמיסיע פון 8 מאַן, אום צו

קאָנטראָלירען די חשבונות פון פעראיין. עס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען די ערשטע זיצונג. ביי דער דאָזיגער זיצונג האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די הויפט-הכנסה פונ'ם פעראיין בעשטעהט אין נדבות, וועלכע קומען אָן פון „פריוואַטע מענשען” און „פריוואַטע אינסטיטוציעס”. אַזעלכע נדבות זענען אָנגעקומען 670,000 רובעל; פון די איינגעצאָהלטע מיטגלידער-געלדער האָט די קאַסע געהאַט אויך 20,000 רובעל — נון אָבער איז אין דער קאַסע געבליבען פון אַלע די דאָזיגע געלדער נאָר אַ קליינער רעשט פון אַ רובעל פינף טויזענד, און דאָס איבעריגע, אַנ'ערך פון אַ 685,000 איז נעלם געוואָרען. ווי מען האָט אָנגעהויבען נאָכפאָרשען, איז אַרויסגעקומען, אַז די פאַרטיי-געלדער פלעגען ווערען אויסגעגעבען דורך די פערשידענע פאָרזיצענדע פון די רוסישע פעראיינען אָהן שום ידיעה פונ'ם הויפט-ראַט. אַזוי, למשל, האָט דער הערר קרושעוואַן אַליין געלאָזט פערשווינדען אַ סומע פון אַ 300,000 רובעל, און האָט נישט צוגעשטעלט קיין דאָקומענטען, צו וואָס ער האָט דאָס געלד געדאַרפט. אפילו דער גרעסטער פאָגראָם אין אַ יקרות-צייט קאָן דאָך נישט האָבען אַזויפיעל געקאָסט. עס נעהמט געוועהנליך אַ כוליגאַן פאַר אַזאַ שטיקעל אַרבייט אַ צעהן, צוואַנציג שנאַפסען צו 3 קאָפּיקעס, און אַ חוץ דעם נאָך אַ 30 קאָפּיקעס פאַר אַ צוויי, דריי יודישע קעפּ. אַ בויך אויפשליצען און טשוועקעס אַריינקלאַפּען קאָן אויך קאָסטען פרא פערשוין אַ 5 ביז 10 קאָפּיקעס — אָבער 300,000 רובעל! דאָס, זעהט איהר, איז שוין אַביסעל צופיעל! די מחלוקה איז זאָגאַר שוין געווען אַזוי ווייט געקומען, אַז צוליעב אַזאַ בעציהונג צו די פאַרטיי-אינטערעסען, האָט דער הויפט-ראַט געהאַט בעשלאָסען, אַרויסצוּוואַרפען קרושעוואַנען פונ'ם פעראיין און מודיע צו זיין וועגען דעם אין אַלע אָבטיילונגען. זעלבסטפערשטענדליך איז דערפון גאָרנישט געוואָרען. ווי דער לעצטער נומער „רוסקאָיע זנאַמיאַ” מעלדעט, איז קרושעוואַן געבליבען; מסתם האָט מען מורא אָדער עס לויהנט איבערהויפט נישט פאַר'ן עסק. אלא וואָס דען האָט מען געטהון? מען האָט זיך גענומען צום געשעפט, צו שאַפען נייע פינאַנצען. די פינאַנץ-קאָמיסיע פונ'ם רוסישען פעראיין האָט מודיע געווען, אַז כדי צו קאָנען פיהרען איצט די וואַהל-קאַמפּאַניע, ברויכט זי סך-הכל צו האָבען נאָר אַ מיליאָן רובעל, און די דאָזיגע סומע האָט זי בעשלאָסען צו שאַפען זיך דורך אַנ'אָנלייהע (ממש ווי די רעגירונג אַליין!) ביי פערשידענע פריוואַטע פערזאָנען און אינסטיטוציעס.

וועלכע סימפאטיזירען מיט דעם פעראיין. עס איז אַלזאָ קלאָר פון די אַלע זאַכען, אַז דער פעראיין איז אַ געשעפט ווי אַלע געשעפטען, מענשען לעבען און זענען זיך מפרנס דערפון גאָר נישקשה. עס זענען דאָרט פאַרהאַן מענשען, וועלכע האָבען אַ מאָל פונ׳ם עסק אַ 300,000 רובעל. און איהר ווילט זיין אַזוי נאַאיוו און ווילט אַזאַ פעראיין אַוועק-שאַפען פון דער וועלט דורך אַ בלאָז מיט׳ן מויל? און איהר ווילט זיך איינרעדען, אַז מענשען מיט אַזאַ גאָלדען געשעפט אין די הענד וועלען אַזוי לייכט לאָזען דאָס דאָזיגע אַרויסנעהמען פון די דאָזיגע הענד; העכסטענס קאָנט איהר זאָגען, אַז אַזעלכע מענשען, ווען זיי וועלען זעהען, אַז „עכט-רוסיש" איז מעהר קיין געשעפט נישט, וועלען זיי ווע-רען ליבעראַל אָדער יודען-פריינד אָדער מיניסטאָרען אָדער קאָנסטיטו-ציע-רעדעלפיהרער אָדער פרייהייטס בעדערפטיגע, אַבי אַ רובעל צו פערדיענען, אָבער נישט, זיי זאָלען אַוועקוואַרפען אַ געשעפט!

און נון האַלט איך שוין ביי ציפערען, וואָלט איך שוין וועלען נאָך עטליכע ציפערען דאָ ברענגען: אין לויף פונ׳ם פערגאַנגענעם מאָנאַט זענען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט 110 מענשען; די טויט-שטראָף איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף 30 פערזאָן; די טויט-שטראָף איז פערביטען געוואָרען אויף א י ב י ג ע סיביריען-שטראָף ביי 10 מענשען, און ביי 13 מענשען אויף סיביריען לויט געוויסע טערמינען (לויט דער צאָהל פון די געטויטעטע איז דער הייניגער מאָנאַט געוועזען אָרימער פון די פריהערדיגע; אין מערץ האָט מען אומגעבראַכט 55, אין אַפריל 77, אין מאַי 70). מיט אַנדערע שטראָפען האָט מען בע-שטראָפט אין לויף פונ׳ם פערגאַנגענעם מאָנאַט 729 פערשוין. צוגעצוי-גען צום געריכט האָט מען 36 רעדאַקטאָרען און דערביי פערמאַכט 42 צייטונגען. אין ליפלאַנד האָט מען פעראורטיילט צום טויט 31 מענשען, געטויט 8 און פערשיקט קיין סיביריען 20. אין פוילען האָט מען פער-אורטיילט צום טויט 8, אומגעבראַכט 3 און פערשיקט קיין סיביריען 2. אין דער פרייהייטס-בעוועגונג זענען געוועזען פערמישט 447 מיליטע-רישע, 201 פויערים, 92 אַרבייטער, 32 שילער, 16 שטאָדטישע, 10 אינטעליגענטען, 6 פרויען, 3 לעהרער א.ז.וו. נאַטירליך זענען דאָס נאָר ציפערען לויט אַנ׳אָפיציעלער רעגירונגס-סטאַטיסטיק! — און דאָס אַלעס, זעהט איהר, איז נאָך נישט גענוג. אין דעם לעצטען נומער

„נאָוואָיע ווערעמיאַ״ קומט מענשיקאָוו און וויינט מיט ביטערע טרעהרען דערויף, וואָס מיר האָבען אַזאַ שוואַכע רעגירונג און אַזאַ שוואַכע פּאָליציי וואָס טהוט נעבעך גאָרנישט. דער איצטיגער אויפשטאַנד — זאָגט ער — אַרבייט הויפּטזעכליך דורך יודישע אונטערגעלעגטע הייוועןְ. אַלעמאָל זענען נאָר פרעמדע געווען שולדיג אין די אויפשטאַנדען אין רוסלאַנד. נעבען יודען אַרבייטען נאָר נאָך אַביסעל: פּוילען, פינלאַנד, ליטא און קאַווקאַז. די דאָזיגע קליינע פעלקערלעך רינגלען אַרום שוין זינט 2 יאָהר רוסלאַנד און מוטשען עס. און ווער איז שולדיג? אונזער אַדמיניסטראַציע איז שולדיג! אונזער אַדמיניסטראַציע איז צו שוואַך און צו פויל! אונזער אַדמיניסטראַציע אַרבייט צו לאַנגזאַם... קיין איין פערברעכערישע ערשיינונג האָט מען ביי אונז נישט אויסגעוואָרצעלט ביז׳ן גרונד. אַ רעכטע פעסטע האַנד וואָלט קאָנען מאַכען אַ סוף מיט דער גאַנצער רעוואָלוציע אין צוויי, דריי חדשים!״ א. ז. וו.

און פאָרט, מוז איך אייך זאָגען, וואָלט איך זיין אַ בעלן צו וויסען, וואָס וואָלט הערר מענשיקאָוו אַליין טהון, ווען ער וואָלט איצט זיין אויף סטאָליפּינס אָרט. מעהר ווי איינמאָל העננען אָדער שיסען אַ פּאָליטישען פערברעכער וואָלט ער אַליין אויך נישט קאָנען. מעהר ווי איינמאָל איין און דעמזעלביגען פערשוין אַוועקשיקען קיין סיביריען וואָלט ער אויך נישט קאָנען. מעהר ווי איינמאָל איין און דעמזעלביגען מענשען אַרויסרייסען פון בעט אינמיטען דער נאַכט און אַריינוואַרפען אין געפענגניש וואָלט ער אויך נישט קאָנען. און חוץ דעם טאָר דאָך אַזאַ מענשיקאָוו נישט פערגעסען, אַז אַ הלוואה אין אויסלאַנד בעדאַרף מען אויך אַמאָל און ווענען אַזעלכע קליינינקייטען מוז אַ רעגירונג אַמאָל זיין אויך ליבעראַל. מענשיקאָוו אַליין ווערט דאָך אויך אַ מאָל ליבעראַל, ווען עס קומט צום געלד.

איך וויל מיך אָבער אומקעהרען צו מיין טעמאַ: פון פיעל געגענדען רוסלאַנד׳ס מעלדעט מען, אַז די כאָלערא געהט. די דאָזיגע מעלדונג האָט קיין גרויסען רושם נישט געמאַכט; מענשען, וועלכע זענען געוועהנט צו קאָנסטיטוציע, שרעקען זיך נישט מעהר פאַר אַזאַ אונשולדיגער זאַך ווי כאָלערא. דערוויל אָבער האָט דער רויטער קרייץ געשפּענדעט 100,000 רובעל אויף סאַניטאַרע קאָמיסיעס און טהיי-הייזער. איך מיין אָבער, אַז כאָלערא איז נישט קיין ערגער געשעפט ווי „פרייהייט״ און

„וואַהלען" און טויזענד אַנדערע שלעג און פורעניות אין רוסלאַנד. מענשען וועלען ווידער האָבען אַ שטיקעל פרנסה — און בינתים וועלען צעהנדליגער טויזענדער אויסשטאַרבען אין דער מגפה. איך בין זיכער. אַז די הונדערטטויזענד רובעל וועלען שוין קומען צו די ריכטיגע אַדרעסען!

זעקסאונטזעכציגסטער בריעף

מיר דאַכט זיך: די מפּלה פון די עכט-רוסישע איז פּאָרט נישט מעהר ווייט. עס וועט, דאַכט זיך, גאָרנישט לאַנג דויערען, אַז די רעגירונג — די רעגירונג זעלבסט! — וועט זיין געצוואונגען צו דערלאַנגען אַ טרייסעל מיט די פּאָלעס און אָבצוטרייסלען פון זיך די גאַנצע עקעלהאַפטע באַנדע פון די דאָזיגע לייט, אַז מען וועט נישט וויסען וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען! זיי האָבען אָנגעהויבען איהר אַרומצוקריכען צופיעל אויפ'ן קאָפּ, און צו ביסלעך הויבען זיי אָן צו ווערען איהר אַ רעכט ביסעל אונבעקוועם. כוליגאַנעס איז אפשר אַ זעהר נוצליך שטיקעל ווערקצייג, וואָס אַ נישט בעזונדערס וועהלערישע רעגירונג, און דערצו אַ האַלב אַזיאַטישע, קאָן אמאָל בּרויכען אין אַ פינסטערען אָרט, אָבער למען השם נאָר זיך נישט ווייזען דערמיט צווישען לייטען! נאָר נישט אין סאַלאָן! די עכט-רוסישע זענען אָבער פּראָסטע נפשות, וואָס ווילען נישט וויסען פון קיין שום חכמות, און זיי שטופּען זיך דווקא. עס איז די מעשה מיט דער מיאוס'ער מויד, וועלכע מען טאָר קיין גלעט נישט געבען. זינט דער אונפּאָרזיכטיגער טעלעגראַמע, וועלכע די רעגירונג האָט געלאָזט צוליעב געוויסע צוועקען דעם קייזער צו זיי שרייבען, איז פון זיי פּראָסט נישט מעהר אויסצוהאַלטען; זיי קריכען און קריכען אַלץ ווייטער. עס איז שוין אַזוי ד'י נאַטור פונ'ם אויפגעקומענעם. אָנגעהויבען האָבען זיי דערמיט, וואָס זיי האָבען פערלאַנגט פון דער רעגירונג טרינקגעלד פון עטליכע מיליאָן רובעל; מענשען אָהן חכמות, געלד איז פּאָרט אַ גוטע זאַך. דאַן האָבען זיי פערלאַנגט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, מען זאָל זיי געבען אוידיענצען אין פּעטערהאָף. דאַן האָבען זיי אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג געהאַט אַ געשעפט צום הויף: בּריוולעך, טעלעגראַמען, הייליגע בילדער פון ירושלים און דערגלייכען.

דאַן זענען זיי געוואָרען מחותנים מיט אַלע מיניסטאָרען, און דווקא פּאַר עדות, און דווקא אַלעמאָל ווען עס זענען געווען פיעל מענשען, און דווקא אויפ׳ן הויכען קול און בלשון אתה, אַזוי ווי דער שטייגער איז שוין פון אַזעלכע פּאַרוועני׳ס, און זיי האָבען אָנגעהויבען מיט די דאָזיגע מיניסטאָרען אַרומצוקאָמאַנדעווען ווי מען קאָמאַנדעוועט מיט די שיק־יונגען. דאַן זענען זיי שוין גאָר אינגאַנצען אַרויס פון די כלים און האָבען זיך גע׳כעס׳ט אויף דעם ליעבען הערר גאָט, למאי האָט ער בעשאַפען אויף דער וועלט אַ הויז עכט־רוסישע אויך נאָך אַביסעל אַנדערע ברואים, און האָבען געפאָדערט פון דער רע־גירונג, אַז זי זאָל דעם דאָזיגען גאָטס־פעהלער וועניגסטענס אין רוס־לאַנד אויסבעסערען. בקיצור: פּראָסטע נפשות מיט גראָבע פעל, וועלכע ווייסען נישט און פערשטעהען נישט, אַז זיי האָבען נאָר געשפּיעלט די ראָליע פון׳ם גנב, וועלכען מען שניידט בעקאַנטליך אָב פון דער תליה, ווען מען בעדאַרף איהם — און נישט ווייטער. זעלבסטפער־שטענדליך, האָט די רעגירונג נישט רעאַגירט אויף זייערע נאַרישקייטען און האָט זיך נישט מעהר אומגעקוקט אויף זיי. זיי אָבער, עכטע שיילאָק׳ס, זענען בעשטאַנען אויפ׳ן שיין, וועלכען מען האָט זיי גע־געבען אין האַנד אַריין. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטיגער קאַמף. די „רוסקאָיע זנאַמיאַ” האָט אָנגעהויבען צו רעגנען מיט פעך און שוועבעל אויף סטאָליפּינען. עס איז נישטאָ אין דער קאָרט, וואָס מען האָט נישט אויסגערעדט אויף איהם. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז דאָס דאָזיגע בלעטעל האָט סטאָליפּינען פּראָסט בעשולדיגט, אַז ער איז דאָס דעריעניגער, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען דעם אָנפאַל אויפ׳ן קייזער. און זינט דעמאָלס גיסט עס אַלץ ווייטער און ווייטער. אין איינעם פון די לעצטע נומערן בעריהמט זיך די „רוסקאָיע זנאַמיאַ”, אַז זי האָט שוין גובר געווען דאָס מיניסטעריום, והראיה סטאָליפּין האָט מורא געהאַט אַפילו צו ענטפערען אויף די בעשולדיגונגען. אין דעם לעצטען נומער געהט זי נאָך ווייטער. „עס איז נישט ווייט דער טאָג — שרייבט זי — ווען די מיניסטאָרען־פּאָרטפעלען וועלען אָב־גענומען ווערען פון אַזעלכע, וואָס חבר׳ן זיך מיט די קאַדעטישע מערדערס און דריקען די הענד פון די מיליוקאָוו׳ס. עס איז נישט ווייט דער טאָג, ווען דער גורל פון אונזער פאַטערלאַנד וועט

איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון די עכט-רוסישע לייט". אַזוי: קרושעוואַן און פורישקעוויטש וועלען ווערען די הויפט־מיניסטאָרען, מיניסטער פון אויסערן און מיניסטער פון אינערן! — און טאַקי קומט גרינגמוט אין „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָכטי" און זאָגט דאָס דאָזיגע גאַנץ קלאָר אַרויס. „איז עס מעגליך — פרעגט ער — אַז עס זאָלען זיך נישט געפינען צווישען אונז אַ צעהן מענשען, וואָס זענען פעהיג צו פיהרען די מלוכה? איך געב אַ קלער און רעכען אויס אויגענבליקליך נישט בלויז צעהן, נאָר גאַנצע צעהנדליגער מענשען וויכטיגע, און דער עיקר, מענשען איבערגעגעבענע דעם טראָהן און דעם פאָטערלאַנד". עס איז אַלזאָ די אויסזיכט פאַרהאַן, אַז פורישקעוויטש זאָל זיין מיניסטער פון אויסערן, קרושעוואַן — מיניסטער פון אינערן און פרעמיער, בולאַצעל — יוסטיץ־מיניסטער, גרינגמוט — קריעגס־מיניסטער, דובראָווין—בילדונגס־מיניסטער א. אַז. וו. א. אַז. וו.!— זעהט איהר, דאָס איז אַרויסגעקומען דערפון, וואָס מען האָט געהאַט עסקים מיט אַזעלכע בעשעפענישען! עס זענען בעשעפענישען, וואָס פערשטעהען נישט קיין המצאות און קיין הכמות! און דעריבער זאָג איך: איז עס אַזוי וויט געקומען, איז אָנצונעהמען, אַז די מפלה איז שוין נישט מעהר וויט, דען די רעגירונג וועט זיין געצוואונגען — די רעגירונג זעלבסט! — צו מאַכען מיט די דאָזיגע לייט אַ סוף.

נאַטירליך, אין אַ לאַנד, אין וועלכען עס קאָנען פאָרקומען אַזעלכע זאַכען, דאָרט קאָנען פאָרקומען נאָך גאָר אַנדערע זאַכען אויך. אָט, למשל, לייען איך: די גאַנצע ביוראָקראַטען-וועלט רוסלאַנדס איז איצט אַביסעל צערודערט און צעשראָקען צוליעב אַ סוד, וועלכער איז פלוצלינג אַרויסגעקומען. אין פערלויף פון דריי יאָהר, פון 1904 ביז 1907, זענען אויף דער זאַבאַיקאַלער אייזענבאַהן־ליניע געמאַכט געוואָרען מורא'דיגע גנבות, וועלכע בעטרעפען אונצעהליגע מיליאָנען; די קרוין איז דאָרט פשוט בדלות געשטעלט געוואָרען. דעם 8-טען אויגוסט איז פון אירקוטסק אַראָבגעקומען דער אייזענבאַהן-אינספעקטאָר גאָרטשאַקאָוו, וועלכער איז מיט אַ גאַנצער קאָמיסיע דאָרט אַהין ספעציעל געשיקט געוואָרען, אום אויסצופאָרשען דעם ענין. ווי גאָרטשאַקאָוו איז מודיע, זענען דאָרט פאָרגעקומען אַזויפיעל גנבות, אַז

עס איז גאָרנישט מעגליך אַ סוף צו דערגעהן. די אייזענבאַהן־פערוואַלטונג מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע רייכע סיבירישע סוחרים האָבען זיך די גאַנצע צייט בעשעפטיגט מיט אַרויסגעבען פאַלשע באַהן־דאָקומענטען, אַזוי אַז אַלע סחורות, וואָס זענען געשיקט געוואָרען אויף דער ליניע, זענען צעגנבעט געוואָרען און ביי דער ליניע האָט מען געמאָהנט געלד; זיי האָבען געבראַכט די ליניע צו אַזאַ מדרגה, אַז נישט בלויז זי איז געבליבען אָהן אַ גראָשען, נאָר די קרוין האָט נאָך פערלוירען אונצעהליגע מיליאָנען. אַרויסגעקומען איז די גנבה דורך אַ קליינעם טשינאָווניק, וועלכער איז עפּעס נישט צופרידענגעשטעלט געוואָרען און ער האָט אויסגעזאָגט פון חדר. — מילא האָבען מיר דאָ גראָד צו טהון מיט ביוראָקראַטען־גנבות, וועלכע זענען אַרויסגעקומען. וויפיעל אָבער אַזעלכע מיליאָנען־גנבות קומען נ י ש ט אַרויס? און וואו און ביי וואָס און ווען ווערט אין רוסלאַנד נ י ש ט געגנבעט? פונ׳ם דאַך פון אַ דומא־פּאַלאַץ ביז׳ן קעלער פון אַ געפענגניש, פון דעם בויען אַ קריעגס־שיף ביז שיקען אַ זעקעל מעהל פאַר הונגעריגע, פון אַ געשעפטעל, וועלכעס ליגט אין דער האַנד פונ׳ם קלענסטען טשינאָווניק, ביז צום געשעפט ביי דעם גרעסטען און אַלער־גרעסטען, אומעטום ווערט גע׳גנבעט און אַ געשעפט געמאַכט און צעהנטויזענדער און הונדערטטויזענדער פערדיענט! און קלערט מען אַביסעל אַריין דערין, ווערט איינעם זעהר טרויעריג אויפ׳ן האַרצען: מען מוז זיין זעהר נאַאיוו אָנצונעהמען, אַז די דאָזיגע לייט, די טשינאָווניקעס און ביוראָקראַטען און אַנדערע רעגירונגס־רעדעלפיהרער, וועלען אַזוי, מיר נישט דיר נישט, אַרויסגעבען די לייצעס פון די הענד. ביז׳ן לעצטען טראָפּען וועלען זיי קעמפען געגען אַלעם נייען און געגען דער מינדעסטער ענדערונג פונ׳ם אַלטען סיסטעם: עס האַנדעלט זיך וועגען פרנסה, עס האַנדעלט זיך וועגען מיליאָנען, און נישט דערביי פיעל אַרבייטען, ווילט זיך יעדען האָבען.

און אין אַזאַ לאַנד, וואו אַלדינג פוילט אַזוי, איז גאָרנישט מעגליך, אַז יעדע זאַך און יעדעס פּאָרקומעניש זאָל דאָרט נישט ווערען אַ קאַטאַסטראָפע. איצט האָבען מיר דעם קאַמף געגען דער כאָלערא. די כאָלערא געהט מיט ריעזענשריט און די בהלות ווערען אַלץ שטאַרקער און די געמיטער אַלץ אונרוהיגער. די אונוויסענדע

מאַסען הויבען ווידער אָן צו פאַנטאַזירען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער כאָלערא מי יודע וואָס: „די דאָקטוירים ברענגען די כאָלערא", „די דאָקטוירים פערסמ'ען די מענשען", „די יודען פערגיפטען", „די יודען זענען שולדיג" — און אַזוי ווייטער. אַלע געדענקען נאָך די שרעקליכע בונטען פון 1892 געגען די דאָקטוירים (בעקאַנט מיט דעם ספּעציאַל-נאָמען „כאָלערא-בונטען"). די פינסטערע מאַסען, אויפגערייצט דורך שלעכטע מענשען, האָבען דעמאָלס פּאָגראָמען געמאַכט, האָבען חרוב געמאַכט די הייל-אַנשטאַלטען, דעמאָלירט די אַפּטייקען, נישט געלאָזט מקבר זיין די געשטאָרבענע, געהרג'עט די דאָקטוירים און דערגלייכען. דאָס האָט זיך איצט דערמאָהנט אונזערע עכט-רוסישע און זיי ווילען נון אויסנוצען די כאָלערא פאַר זייערע געשעפטען. זיי ווילען בעשאַפען מיט דער הילף פון דער כאָלערא-שרעק און דער אויפגערעגטער פאַנטאַזיע פון די מאַסען אַ געאייגנעטע אַטמאָספערע פאַר פּאָגראָמען. אין דעם לעצטען נומער „רוסקאָיע זנאַמיאַ" האָט איינער, אַ שווארץ-מאה'דיגער פּראָוואָקאַטאָר, אָנגעשריבען אַנ'אַרטיקעל: „די נייע רעוואָלוציע". דער אינהאַלט איז אַ מין חלום. דער פערפאַסער דערצעהלט: ער האָט געזעהן אין חלום אַ גרויסען זאַל, צוזאַמענגעשטעלט ווי אַנ'אַפּטייק, מיט גלעזערנע באַנקעס און רעהר-לעך און פלעשלעך און אויף דער וואַנד — הערצענשטיינס בילד. אינ'ם זאַל זיצען לויטער יודישע דאָקטוירים און עפּעס אַ רעדנער, אָנגעטהון אין טלית און תפילין, האַלט אַ רעדע. ער רופט צוזאַמען די יודען און די פּאָליאַקען, צו מאַכען אַ רעוואָלוציע געגען דער רוסישער רעגירונג, און מאַכען זאָלען זיי דאָס אויף דעם איינפאַכסטען אופן: זיי זאָלען נעהמען כאָלערא-באַצילען און זאָלען זיי אַרויסלאָזען אויף די גרויע פּויערישע מאַסען. — מען קאָן נישט אַנדערש זאָגען: דאָס גאַנצע איז זעהר נאַריש אָנגעשריבען, אָבער עס איז נישט פאַרהאַן די נאַרישקייט, וועלכע זאָל נישט האָבען איהרע בעלנים. און דער מאָמענט איז ריכטיג געפאַקט. די פּויערישע מאַסע איז אויפגערעגט און די כאָלערא געהט. מען ברויכט נאָר אַריינצוואַרפען אַ פונק אין דעם שוועבעל-פאַס. אַ וואָרט, אַז יודישע דאָקטוירים פאַבריצירען די כאָלערא — און די פּאָגראָמען קאָנען זיך אָנהויבען.

צום סוף נאָך אַ קליינע נאַכריכט: דער סענאַט האָט ערקלערט,

אַז יעדער מין פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פערבאָטען. נאָך דער דאָזיגער ערקלערונג האָט דאָס מיניסטעריום פון אינערן — ווי די „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי” מעלדעט — בעפויהלען צו פאַר־מאַכען אַלע ציוניסטישע קלובען.

זיבענאונפופציגסטער בריעף

סטאָליפין, האָב איך מורא, האָט פאַר זיך איצט נישט קיין לייכט שטיקעל אַרבייט. וועהרענד ער איז בעמיהט, אָבצוטרייסלען פון זיך אַ קליין ביסעל די שוואַרצע באַנדעס, וועלכע זענען איהם דורך זייער צודרינגליכקייט געוואָרען אַ רעכט ביסעל אונבעקוועם, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף גאָר אַ ניי מין הינדערניש: זיין מאַיעסטעט דער צאַר אַליין, ווי עס ווייזט זיך אויס, איז פערזענליך גראָד זעהר איינגענומען פאַר די דאָזיגע לייט. זיין מאַיעסטעט דער צאַר האָט ערשטענס גנעדיגליך בעפוהלען, אַלע פעראורטיילטע פונ'ם קערטשער יודען-פאָגראָם צו בעגנעדיגען. דאַן האָט זיין מאַיעסטעט דער צאַר בעפוהלען, אַז אַלע קאָרעספאָנדענצען, וועלכע קומען אָן אין הויף פון דר. דובראָווין, און וועלכע ביז איצט האָט געפלעגט לייענען דער קאַמער-הערר פירשט אָרלאָוו, זאָלען פון איצט אָן איבערגעגעבען ווערען איהם אַליין, און קאָרעספאָנדענצען אַזעלכע קומען-אָן דריי, פיער מאָל אַ וואָך און זיין מאַיעסטעט לייענט זיי גאַנץ אַליין. דאַן האָט זיין מאַיעסטעט בעפוהלען, מען זאָל דער קאַסע פון דעם פעראיין פון די רוסישע לייט אויסצאָהלען 250,000 רובעל אויף אַגיטאַציאָנס-צוועקען. חוץ דעם איז פאָרגעקומען נאָך אַ זאַך: דער דאָנער מיליטער-העטמאַן האָט צוגעשטעלט צום הויף דורכ'ן קריעגס-מיניסטער די ביטשריפט פון צוויי אַמטס-געמיינדען, אין וועלכער מיר לעזען פאָלגענדעס: „מיר האָבען פערנומען די רעגירונגס-מעלדונג וועגען דעם פערברעכערישען פלאַן צו מאַכען אַנ'אָנפאַל אויף די הייליגע פערזאָן פון אונזער קייזער און מיר האָבען אויפגעהויבען די הענד און געדאַנקט דעם אַלערהעכסטען, וואָס האָט מציל געווען דאָס לעבען פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט און זיין פאַמיליע. מיר האָבען אויך בעגריסט מיט אַ ברכה דעם קלוגען בעשלוס, פונאַנדערצולאָזען די צווייטע דומאַ. באַרעמהערציגער קייזער! מיר בעטען ביי דיר איצט

נאָר איין זאַך, אַז אין דעם זאַקאָן וועגען די וואַהלען אין די דומאַ זאָל אַרויסגעזאָגט ווערען בפירוש, אַז יודען האָבען קיין רעכט נישט אָנטייל־צונעהמען אין די וואַהלען, אַזוי אַז די רעגירונגס־דומאַ זאָל אַלעמאָל אויסדריקען נאָר דעם ווילען און דעם גייסט פונ׳ם רוסישען פאָלק. נאָר דאַן, ווען יודען וועלען נישט האָבען קיין רעכט, זיך אַריינצומישען אין די אינטערעסען פונ׳ם רוסישען פאָלק, זענען מיר זיכער, אַז עס וועלען אויסגעקליבען ווערען אמת׳ע עכט־רוסישע פאָרשטעהער. און אויף דעם דאָזיגען שריפט־שטיק האָט זיין מאַיעסטעט דער צאַר גנעדיגליך בע־וויליגט אייגענהענדיג אויפצוצייכענען: „איך האָב עס איבער־געלייענט מיט פערגניגען". — אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז אָנצונעהמען, אַז דער פרעמיער־מיניסטער האָט פאַר זיך אַ שווער שטיקעל אַרבייט, ווען ער וויל פון זיך אָבטרייסלען אַביסעל די שווערע, לעסטיגע משא פון די עכט־רוסישע. אויך איז אָנצונעהמען, אַז אַ רעכט ביסעל פינסטערע טעג וואַרטען איצט אויף יודען אין אונזער רוסלאַנד. ווער רעדט איצט נאָך וועגען גלייכבערעכטיגונג פון יודען? ווער רעדט אַפילו נאָר וועגען וועלכע עס איז פערלייכטערונגען פאַר יודענס־וועגען? ווער רעדט איבערהויפט פון בעסער? נאַרישע חלומות! מיר וועלען גליקליך זיין, ווען עס וועט בלייבען ביים אַלטען! זאָל מען אונז נאָר נישט אונזער תחום המושב נאָך קלענער און ענגער מאַכען מיט עטליכע גובערניעס! זאָל מען אונז נישט אַראָבנעהמען נאָך עטליכע פראָצענט פון דער צאָהל קינדער, וועלכע מיר מעגען אָבגעבען אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען! זאָל מען נאָר נישט קומען מיט אַ זאַקאָן, אַז אין יעדער אַנשטענדיגער קהלה מוז זיין אַ פאָגראָם ווייניגסטענס צוויי־מאָל אין חודש!

און ווירקליך זעהען מיר, אַז דער „פעראיין" האָט אין די לעצטע טעג ווידער אָנגעהויבען צו געוואַלדעווען אויף אַלע כלים. עפעס קומט דאָ פאַר וועגען יודען, און מיר ווייסען אליין נישט וואָס. מעגליך איז, אַז צוליעב עפעס אַ מאַנעווער האָט די רעגירונג געהאַט בדעה ווידער צו מאכען די אַלטע קאָמעדיע און האָט געוואָלט רעדען וועגען וועל־כע עס איז הנחות פאַר יודענס־וועגען; דאָס האָבען די רעדעל־פיהרער פון די „עכטע" געמוזט האָבען דערשמעקט און זיי האָבען זיך באַלד גענומען צו זייער מלאכה: צו סטראַשען מיט פאָגראָמען. מילא סטראַ־

שען מיט פאָגראָמען איז קיין נייעס נישט ביי די דאָזיגע לייט, אָבער אַזאַ פאָגראָם-אַרטיקעל, ווי עס האָט זיך איצט געדרוקט אין דעם לעצטען נומער פון „רוסקאָיע זנאַמיאַ", איז זאָגאַר אין דעם דאָזיגען לאַגער נאָך נישט געהערט און געזעהן געוואָרען. מען פּרעדיגט גאַנץ אָפען און אָהן שום סודות טויט און מאָרד, און מען רופט ביי זייערע נעמען די מענשען, וועלכע מען וויל אומברענגען. „די ערשטע דומאַ — זאָגט דער לייב-אָרגאַן פון די עכטע — האָט נאָך פאַנטאַזירט וועגען יודישער גלייכבערעכטיגונג; די צווייטע דומאַ אָבער האָט אַפילו קיין העזה שוין נישט געהאַט צו דערמאָהנען אַ וואָרט וועגען דעם. זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אויב די דומאַ וועט געבען יודען גלייכבערעכטיגונג, וועט דאָס פאָלק (דאָס הייסט: די געדונגענע כוליגאַנעס פאַר 30 קאָפּיקעס אַ טאָג!) אויסגיסען זיין גאַנצען צאָרן אויף די קעפ פון די קאַדעטען און וועט סוף כל סוף אויסהרג'ענען איינציגווייז די אָנפיהרער פון דער דאָזיגער יודישער פּאַרטיי, וואָס זייערע נעמען זענען שוין בעקאַנט דעם גאַנצען רוסישען פאָלק: מיליוקאָוו, די ברידער העסען, פערגאַמענט, קאַלמאַנאָוויטש, נעמיראָווסקי, גורלאנד, ווינאַווער, אורוסאָוו, קוטלער, קיזוועטער, לאָפּוכין, שטשעפּקין, פּעטראַזשיצקי, לעדניצקי, פּרזשיוואַלסקי, מאַקלאַקאָוו, זאַבלאָצקי, פּעטרונקעוויטש, ראָדיטשעוו, דאָלגאָרוקאָוו, סטאַכאָוויטש, סליאָזבערג, גאָלאָווין, מוראָמצעוו און נאָך פיעל אנדערע. איצט האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז אין געוויסע קרייזען האָט מען ווידער אָנגעהויבען טראַכטען וועגען יודישער גלייכבערעכטיגונג. דאָס רוסישע פאָלק (די געדונגענע כוליגאַנעס וכו'!) וועט אָבער שטענדיג וויסען, ווי אָבצורעכענען זיך מיט יענע לייט, וועלכע ווילען פערקויפען אונזער פאַטערלאַנד די יודען!" — איז דאָס איי גענע איניציאַטיוו? הייסט מען זיי אַזוי שרייבען? האָט מען איצט ווידער נויטיג אָבצואַרבייטען אַזאַ שטיקעל קאָמעדיע, אַז עס זאָל הייסען, מען האָט ווידער געוואָלט עפּעס טהון פאַר יודענס-וועגען און מען האָט מורא?

און די דאָזיגע לייט, בלייבען נישט ביים רעדען און ביים שרייבען אַליין; זיי טהוען אויך. פון סימפעראָפּאָל קומט אונז די נאַכריכט פון פאָריגען שבת, אַז אָוועגדס אין זעלביגען טאָג האָבען די דאָרטיגע עכט-רוסישע לייט זיך שטאַרק צעהוליעט און האָבען געשלאָגען יעדען

יודען, וועלכען זיי האָבען דערטאַפּט אין די גאַסען. צווישען די שטאַרק צעשלאָגענע געפינט זיך אויך אַ בעקאַנטער זשורנאַליסט שוכטאָוויטש. פון טאָמאַשפּאָל האָבען מיר נעכטען דערהאַלטען פאָלגענדען קורצען בריעף פונם 19-טען אויגוסט: „צו בעשרייבען דעם נעכטיגען טאָג האָב איך נישט קיין כוח. נעכטען זייגער איינס נאָכמיטאָג האָט מען דאָ אָנגעהויבען צו ראַבירען און צו פּערוויסטען יודישע קראָמען און צו שלאָגען יודען מיט גראָבע שטעקענס. מען האָט אויך דעמאָלירט פּריוואַט-וואוינונגען. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע פּאַניק, ווייל עס איז נעכט־ען געוועזען אַ מאַרק-טאָג און עס זענען דאָ אָנגעקומען ביז 15,000 פרעמדע פּויערים. נאָר אַזוי ווי די פּויערים האָבען געוואָרפען שטיינער אויך אויף אַנ'אָפּיציר און אויף זשאַנדאַרמען, האָט דער אָפּיציר קאָמאַנדירט צו שיסען און מען האָט געשאָסען אויף דעם פּובליקום; אַזוי האָט דער פּאָגראָם אויפגעהערט. פּויערים זענען געהרג'עט געוואָרען 4, יודען 2 האַלטען ביים שטאַרבען, פּערוואונדעטע געפינען זיך פיעל; גענוי די צאָהל וויס מען נאָך נישט. די גאַנצע נאַכט איז קיינער נישט געשלאָפען היינט זענען אָנגעקומען קאָזאַקען. אויך דער גובערנאַטאָר קומט היינט"..

נאַטירליך אָבער איז אין גאַנצען לאַנד אַלעס שוין רוהיג. סטאָליפּין אַליין האָט עס געזאָגט. אין אַ געשפּרעך נעמליך, וועלכעס ער האָט געהאַט דאָ לעצטענס מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון „מאַטין", האָט ער געזאָגט: „יאָ, איצט איז אין לאַנד פאָלקאָמען רוהיג. די אָרדנונג ווערט נישט געשטערט. די פּויערים בערוהיגען זיך, די אַרבייטער אויך, די איינצעלנע אָנפאַלען און אונאָרדנונגען וואָס קומען פאָר האָבען מיט אַ רעוואָלוציע גאָרנישט צו טהון. אַלע קלאַנגען, אַז אין רוסלאַנד דויערט נאָך די רעוואָלוציע און עס קומען פאָר פּאָגראָמען אָדער טעראָר, האָבען קיין שום גרונד נישט". איך וואָלט נאָר וועלען דאָס דאָזיגע געשפּרעך אילוסטרירען אַביסעל דורך עטליכע ציפערען וועגען דער „רוהע" אין די לעצטע צוויי חדשים זינט מען האָט די דומא צעלאָזען. אין לויף פון דער דאָזיגער קליינער צייט זענען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט 85 פאַרשוין, געהרג'עט געוואָרען זענען 319, פערוואונדעט – 245, גרויסע עקספּראָפּריאַציעס זענען געמאַכט געוואָרען 178, אין 63 פאַלען האָט מען געפונען באָמבעס, אונלעגאַלע טיפּאָגראַפיעס האָט מען ענטדעקט 11, צייטונגען האָט מען שטראַפירט 62 און דאָס אויף דער סומע

פון 29,550 רובעל. אַז דאָס זאָל שוין נישט הייסען, דאָס לאַנד איז „פאָל-קאָמען רוהיג”, ווייס איך נישט מעהר, וואָס הייסט „רוהע” !

און די וואַהלען ? — עס איז אַלעס ווי אויסגעשטאָרבען. עס ריהרט קיינער נישט מיט קיין אבר. און נישט בלויז אין פובליקום איז יעדער אינטערעס פאַר די וואַהלען און פאַר דער צוקונפטיגער דומאַ ווי אָב-געשטאָרבען, נאָר אויך אין די רעגירונגס-קרייזען, שיינט עס, האָט מען זיך אויפגעהערט דערמיט צו בעשעפטיגען. דער גרעסטער טייל פון די מיניסטאָרען איז איצט אין אויסלאַנד, און די אַרבייט פיהרט זיך פון זיך אַליין, ווי דער שטייגער איז אין רוסלאַנד. עס איז גענוג, ווען מען האָט די דירעקטיוועז געגעבען, און מען קאָן זיכער זיין, אַז דער לעצ-טער זשאַנדאַרם אָדער דער לעצטער טשינאָווניק וועט שוין אַליין טרעפען, וואָס צו טהון. אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ פעטערבורגער ציי-טונג האָט דאָ לעצטענס אינטערוויואירט אַ זעהר הויכגעשטעלטען ביוראָ-קראַט און האָט איהם געפרעגט וועגען דער וואַהל-קאַמפּאַניע און אויב די רעגירונג דאַרף זיך דערצו גאָרנישט פאָרברייטען. „די רעגירונג — האָט יענער געענטפערט — טהוט דאָסזעלבע וואָס די געזעלשאַפט טהוט. פיעל אינטערעסירט זיך איצט דער עולם אין די וואַהלען ? דאַכט זיך, די וואַהלען שטעהען שוין פאַר דער טהיר, און מען זעהט אַפילו קיין סימן נאָך נישט פון אַ לעבענס-גייסט. די רעגירונג האָט זיך אינטע-רעסירט פאַר די וואַהלען בשעת זי האָט געזעהן, אַז די געזעלשאַפט אינטערעסירט זיך דערפאַר און זי האָט דאַן געהאַט אַנ׳אַרבייט צו בע-קלערען ווי און וואָס צו טהון, אום צו פערהיטען פון פערשידענע שעדליכע שטרעמונגען. איצט אָבער, אַז די געזעלשאַפט שלאָפט און קיינעם, אויסער די עטליכע רעדעל-פיהרער פון יעדער פּאַרטיי, ליגען די וואַהלען גאָרנישט אין זינען, טאָ וואָס-זשע האָט איצט די רעגירונג צו טהון ?”

רוסלאַנד שלאָפט. ווען נאָר נישט די פּאָגראָמען און די פּאָגראָמ-לען און די אָנפאַלען און די באָמבעס וכו׳ וואָלטען אַלע ווילע דעם שלאָף געשטערט ׳

אַכטאונפופציגסטער בריעף

רעכטס און לינקס, אַזוי אין דעם איינעם ווי אויך אין דעם אַנ-
דערען לאַגער האָט מען זיך גענומען איצט דערצו, צו מאַכען דעם גע-
נעראַל-חשבון פון די מעשים אין רוסלאַנד. עס איז עפּעס ווי עס וואָלט
געוועז פלוצלינג אויף אַלעמען געקומען די שטימונג פון אַ מין חשבון-
הנפש. דריי יאָהר לאַנג האָט מען געמאַכט רעוואָלוציע: אונצעהליגע
טויזענדער מענשען זענען אומגעקומען, נאָך מעהר האָט מען אומגע-
בראַכט, אונצעהליגע טויזענדער פוילען אין די וויטע מדבריות און אין
די געפענגנישען, קולטורען האָט מען רואינירט, אינדוסטריען האָט מען
הרוב געמאַכט, אַנ'עקאָנאָמישע לאַגע איז בעשאַפען געוואָרען ווי מען
קאָן זיך שלעכטער נישט דענקען, אַרבייטסלאָזיגקייט און ברויטלאָזיג-
קייט און הונגער אומעטום — און אַלעס דאָס איז געשעהן אין דעם
קאַמף צוליעב אַביסעל פרייהייט. אָבער פרייהייט און — רוסלאַנד!
דאָס זענען די צוויי ענטגעגענגעזעצטעסטע בעגריפען! נישט אַמאָל אין
איין און דעמזעלביגען ווערטערבוך האָט מען די דאָזיגע צוויי ווערטער
געזאָלט קאָנען געפינען! עס איז נאַטירליך, אַז אַ רעגירונג האָט אַל-
דינג געטהון, אַלדינג וואָס זעלבסט-ערהאַלטונגס-טריעב און געוויסענלאָ-
זיגקייט אין דער וואַהל פון די מיטלען און ברוטאַלע איבערמאַכט אין
דער אויספיהרונג פון די דאָזיגע מיטלען קאָנען טהון, אום די פריי-
הייט נישט צו לאָזען אויפקומען. מיר שטעהען איצט אונגעפעהר ווידער
אויף דעמזעלביגען פונקט, וואו מיר זענען געשטאַנען פאַר דעם זיבע-
צעהנטען אָקטאָבער. און דער דאָזיגער אויסגאַנג פון דעם ערשטען אַקט
פון דער מלחמה האָט קיינעם נישט איבערראַשט; ווענינסטענס קיינעם
נישט, וואָס האָט אַ געזונדען קאָפּ און אָפענע אויגען. אַנדערש האָט עס
נישט געקאָנט קומען. עס האָט יעדער קלאָרער מענש לכתחילה געקאָנט
גאַנץ גוט וויסען, אַז אַלץ, וואָס איז אין דער מענשען-מעגליכקייט צו

טהון, וועט די רעגירונג טהון, אום די פאָליציי צו האַלטען. די רעדע איז אָבער נישט דערפון; די רעדע איז פון גאַנץ וואָס אַנדערס: איז דאָס גאַנצע בלוט, וועלכעס האָט זיך אין רוסלאַנד געגאָסען, בחנם פערגאָסען געוואָרען? און אַלע די קערפער, וועלכע פוילען אין דער ערד און אין סיביריען און אין די געפענגנישען, און אַלע די אומגליק־ליכע טויזענדער אלמנות און יתומים, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אונז געגעבען, און אַלע די אונענדליכע קרבנות, וועלכע זענען געבראַכט גע־וואָרען, צי זענען זיי בחנם געווען? און איז עס מעגליך, אַז די רעאַק־ציע זאָל קאָנען קומען און דאָס אַלעס אָבווישען, ווי מען ווישט אָב מיט אַ שוואָם עטליכע ציפערן פון קרייד, און אַלעס זאָל שפורלאָז פער־לאָרען זיין און זאָל קיין שום ווירקונג נישט האָבען? — מען מוז נאָר האָבען געקענט דאָס רוסלאַנד פון פאַר דריי יאָהר און מען מוז זעהען דאָס רוסלאַנד פון היינט, אום צו וויסען, ווי זעהר דאָס איז נישט מעג־ליך. די רעוואָלוציע האָט איהר בעסטעס און שענסטעס געטהון: זי האָט איהרע טיעפסטע שפורען איבערגעלאָזט אינ׳ם פאָלקס־לעבען. אנ׳־אומקעהרען זיך צו דער אַלטער אָרדנונג, דאָס הייסט צו דעם שטאַנד ווי ער איז געווען פאַר דעם 17־טען אָקטאָבער, איז אַבסאָלוט אונמעג־ליך און אויסגעשלאָסען. די רעגירונג מעג שוין טהון וואָס זי וויל, די רעאַקציע מיט די טויזענד שוואַרצע הונדערטער מעג זיך שוין בעריה׳ן, מען וויפיעל זי וויל, אַז די דריטע דומא וועט זיין די לעצטע און באַלד נאָך איהר וועט זיך אָנהויבען די אַלטע צייט אין אַלע איהרע אַלטע פאָרמען — דאָס פ אָ ל ק, די הונדערט און פערציג מיליאָן, וועלען שוין אָבער נישט זיין מעהר, וואָס זיי זענען אַמאָל געווען. ד אָ ס איינע איז קלאָר. דער עץ הדעת איז אַזאַ מין פרי, וואָס אַז עמיץ האָט איינמאָל געגעסען פון איהם, קאָן איהם קיין שום מעדיצין און קיין שום רעאַקציע נישט ברענגען דערצו, ער זאָל דאָס געגעסענע צוריק אַראָבגעבען. אפשר איז דאָס גאַנצע, וואָס איז ביז איצט געווען, בלויז געווען אַ קליין שטיקעל פאָרשפּיעל צו דעם, וואָס וועט נאָך קומען. די בעפרייאונגס־בעוועגונג, זאָגען זיי, איז איינגע־שלאָפען. און פאָרט, זעהט איהר, האָט מען מורא אַראָבצונעהמען דעם קריעגס־צושטאַנד און דעם בעלאַגערונגס־צושטאַנד און אַלע אַנ־דערע אויסנאַהמס־צושטאַנדען; אדרבא, מען האָט זיי איצט ווידער

אויסדריקליך פערלענגערט אויף אַן אונבעשטימטע צייט. דען באמת קלויבט די פרייהייטס-בעוועגונג איצט נאָר פרישע קרעפטען.

רעפּרעסיעס, טענה'ט אונזער רעגירונג, זענען אומעטום געווען אין אַלע לענדער, וואו פעלקער זענען ווילד געוואָרען. עס איז מערקווירדיג, ווי אונזער רעגירונג זעהט און מאַכט נאָך פון אַלע זאַכען אין אַנדערע לענדער נאָר די רעפּרעסיעס. עס קומט מיר פאָר, ווי די מעשה מיט מיקעל-אַנדזשעלאָ. דער דאָזיגער גרעסטער פון אַלע בילד-הויער האָט געהאַט אין זיך אַזאַ שטאַרקען יצר צום פיגורען-מאַכען, אַז ער האָט נישט געקאָנט קיין מינוט איינרוהען, ווען נישט ער זאָל קנעטען און פאָרמען עפּעס מיט זיינע הענד. איינמאָל, געהענדיג שפּאַצירען מיט אַ בעקאַנטען און זייענדיג פערטיעפט אין אַ געשפּרעך, האָט ער זיך אין דעם אימפּעט פון רעדען אַראָבגעבויגען צו דער ערד, האָט אויפגעהויבען אַ שטיק מיסט און האָט עס געקנעטען און געפאָרמט. נאַטירליך, אַ פיגור איז דערפון אַרויסגעקומען ווי נאָר איין מיקעל-אַנדזשעלאָ קאָן זי מאַכען, אָבער אַ שלעכטען גערוך האָט זיך פאָרט געהאַט. עס איז מערקווירדיג ווי די אַלע קליינע, ווען זיי מאַכען נאָך מיקעל-אַנדזשעלאָ, מאַכען זיי איהם נאָך אין דעם, וואָס עס האָט אַ שלעכטען גערוך, אָבער נישט אין דער שעהנקייט פון דער פיגור. עס איז מערקווירדיג ווי אונזער רעגירונג ווייסט נאָכצומאַכען אייראָפּאַ נאָר אין די רעפּרעסיעס.

און זי אַליין, די רעגירונג, גלויבט נישט, אַז די רעפּרעסיעס פיהרען צו דעם ריכטיגען ציעל. זי מוז אַ פּנים האָבען אַ שטיקעל השגה דערפון, ווי ווייט דאָס פאָלקס-בעוואוסטזיין איז שוין אויפגעוואַכט און ווי די אייגענטליכע געפאַהר איז גאָרנישט אויסגעמידען. אין איי-נעם פון די לעצטע נומערן „נאָוואָיע ווערעמיאַ" קומט סטאָליפּין אַליין, דער ברודער פון דעם פּרעמיער, און זאָגט מוסר דער רעאַקציע. דער פאַל איז אַ זעהר אינטערעסאַנטער: איינער, וואָס הייסט סטאָליפּין, אַ טאַטע און אַ מיט-פאַבריקאַנט פון דער רעאַקציע און פון די רע-פּרעסיעס, און ד ע ר טענה'עט געגען דיזעלבע! „זי (די רעאַקציע), זאָגט ער, האָט גאָרנישט פערגעסען און גאָרנישט געלערנט. זי קעהרט זיך רוהיג אום צו יענע מיטלען און צו יענער טעטיגקייט, וואָס זענען אַממעהרסטען פערהאַסט ביים פאָלק; זי קעהרט זיך אום צו די מיטלען

פון אָנשרעקען, פון יאָגען מיט׳ן עטאַפּ, פון אַרויסרייסען מיט געוואַלט דאַנק-טעלעגראַמען און צושריפטען, מיט איין וואָרט: צו די אַלע אַלטע גוט בעקאַנטע מיטלען, און דערמיט ווילען זיי בעווייזען (ווער? זיין ברודער דער פּרעמיער מיט זיין חברה?), אַז אַלעס איז רוהיג און שטיל". און דער דאָזיגער סטאָליפּין, סטאָליפּין דער 2-טער, קומט צו דעם שלוס, אַז „אַלע די דאָזיגע מיטלען ברענגען דווקא צו די גראָד ענטגעגענגעזעצטע רעזולטאַטען" און אַז „אַזאַ לאַגע איז אַ זעהר טרויעריגע". גוטע יאָהרען, אַז איינער, וואָס הייסט סטאָליפּין, טענה׳עט אַזוי און אַזעלכע ווערטער זענען געדרוקט אין אַ „נאָוואָיע ווריעמיאַ"! יעדענפאַלס, וואָס עס זאָל נישט שטעקען דערונטער און וואָס פאַר אַ צוועק אַזאַ אַרטיקעל זאָל נישט האָבען, ווייזט עס, אַז עס איז קיין סוד נישט פאַר יענע חברה, וואָס עס טהוט זיך אָב אינ׳ם פאָלק.

און פאָרט טהוט די רעגירונג דאָס איהריגע: אין פערלויף פונ׳ם ערשטען האַלבען יאָהר פון 1907 האָט די שוואַרץ-מאה׳דיגע צייטונג „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי" געהאַט פון די אַנאָנסען אַליין, וואָס די רעגירונג האָט איהר געגעבען, אַ הכנסה פון 72.000 רובעל. צוויי און זיבעציג טויזענד אין אַ האַלב יאָהר איז געוויס נישט קיין שלעכטע הכנסה, נאַטירליך, דערמאָהנט מען זיך, וויפיעל פּאָגראָם-אַרטיקלען די צייטונג האָט אָנגעשריבען אין לויף פון דער דאָזיגער קליינער צייט, מוז מען מודה זיין, אַז עס איז אַ מציאה.

אינטערעסאַנט איז איבריגענס אַ קליינער פּאָרפאַל אין אַ פּאָגראָם-פּראָצעס, וועלכער גיט אַ קלאָר בילד פון דעם פערהעלטניש פון דער רעגירונג צו אַ פּאָגראָם און ווי ווייט די רעגירונג און איהרע לייט זענען בעטייליגט דערין. אין לויף פון דער פאָריגער וואָך איז אין קראָל-וועץ, טשערניגאָווער גובערניע, געזעסען דאָס ניעזשנער קרייז-געריכט און האָט בעהאַנדעלט דעם פּראָצעס וועגען אַ פּאָגראָם, וועלכער איז דאָרט פאָרגעקומען אין די גוטע אָקטאָבער-טעג. די הויפּט-פיגור צווישען די עדות איז געוועזען איינער, טשיסטיאַקאָוו, דער דאָרטיגער איספּראַווניק, וועלכער האָט ערקלערט, אַז דער פּאָגראָם איז געוועזען דאַדורך, וואָס עס איז אַרויס אַ קול, אַז פון פעטערבורג איז אָנגעקומען אַ׳ערלויבניש צו הרגענען, שלאָגען און ראַבעווען יודען אין פערלויף

פון דריי טעג צייט. אויף די פראַגע פון פּאָרזיצענדען צו איינעם פון די בעשולדיגטע: „אויב ער איז זיך מודה, אַז ער איז שולדיג?", האָט יענער געענטפערט: יאָ, איך בין שולדיג... — „אין וואָס ביסטו שולדיג?" האָט דער פּאָרזיצענדער נאָכאַמאָל געפרעגט. — „איך בין שולדיג, האָט דער פויער געענטפערט, וואָס איך האָב נישט גענומען פון דעם פּאָליציימאַן, וועלכער האָט מיר געהייסען פּאָגראָמי-רען, אַנ'אונטערשריפט, אַז איך מעג הרגענען יודען, און האָב איהם געגלויבט אויפ'ן וואָרט". -- אַנ'אַנדערער פון די בעשולדיגטע האָט געזאָגט מיט כעס: „פריהער האָבען זיי מכבד געווען מיט בראָנפען, האָבען אָנגעשכורט און געהייסען טהון וואָס מען חיל, און נאָכדעם זענען זיי געגאַנגען אונז אַרעסטירען און נאָך געשלאָגען אָהן רחמנות".— און אויך דעם סוף פון אַזאַ פּראָצעס-קאָמעדיע קענט איהר שוין: פון 77 בעשולדיגטע זענען עטליכע געוואָרען פעראורטיילט צו 8 און צו 4 חדשים אַרעסט — און יוצא. עס איז נאָך אַזאַ פסק גאָר קיין וואונדער נישט, ווען מיר לייענען אין אַ הייניגער טעלעגראַמע: די הויפּט-פיה-רער פונ'ם פערבאַנד פון די עכט-רוסען האָבען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ בקשה, מען זאָל בעגנעדיגען אַלע פּערזאָנען וואָס זענען פעראורטיילט געוואָרען דורך די פערשידענע געריכטען אין פערשידענע ערטער פאַר בעטייליגען זיך אין די אָקטאָבער-פּאָגראָמען אין יאָהר 1905. עס איז אויך קיין וואונדער נישט, ווען זאָגאַר די פינלענדישע רעגירונג האָט געקראָגען דרך-ארץ און האָט „פּאָרלויפיג" בעפרייט טאָפּאָליעוו'ן, וועלכער איז בעשולדיגט אַלס מערדער פון הערצענשטיין.

בין-כך-וכך הויבט מען אָן צוצוטרעטען צו דער וואהל-אַגיטאַציע. עס הויבען זיך אָן ווייזען די ערשטע לעבענס-סימנים. די שוואַרצע טרעטען-צו מיט אַ ממה-נפשך: וועט די דריטע דומא זיין פון לויטער שוואַרצע, הרי טוב, ווען נישט, דאַן נאָך בעסער, דען דענסמאָל וועט מען די דומאַ צעטרייבען, און זיי, די שוואַרצע, זענען בטוח, אַז דאָס וועט שוין זיין די לעצטע דומאַ און די רעגירונג וועט דאַן פראַנק און פריי זיך אומקעהרען צו דעם אַלטען רעזשים. נאַטירליך, פערזיכערט מען פון די רעגירונגס-קרייזען, אַז דאָס איז נישט אמת; די „קאָנסטי-טוציע" וועט שוין בלייבען לעולם ועד. און דער פּרעמיער-מיניסטער

סטאָליפין אַליין אַרבייט איבער די וואַהל-רעגיסטערס און וויל, ווי עס איז, אַרויסקריגען אַנ׳אַרבייטס-פעהיגע דומא לויט זיין זין. מען פערזיכערט אָבער פון אַלע עקען און ענדען, אַז טראָץ דעם וועט אויך די דריטע דומאַ זיין אַ זעהר אָפּאָזיציאָנעלע.

נייגאָונפּופּציגסטער בריעף

ווען די פּעטערבורגער טעלעגראַפען-אַגענטור, די דאָזיגע אָפּיציעלע צדיקת, האָט אונז מודיע געווען אין איינעם פון די לעצטע טעג, אַז „אין אָדעס איז עפּעס אונרוהיג; עס זענען פּערוואונדעט געוואָרען עטליכע מענשען און דאָס רוב פון זיי זענען יודען", האָט דאָס געגעבען אַ שטאָך אין האַרצען, דען יעדער פון אונז האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָרט האָט געמוזט וואָס שרעקליכעס זיין פאָרגעקומען. וועגען אַ צעהן, צוואַנציג הרוגים און אַ פופציג פערוואונדעטע וועט דאָך די דאָזיגע רעגירונגס-אַגענטור נישט ערשט בעמיהען זיך צו טעלעגראַפירען; דאָס איז שוין צו אַלטעגליך. זי טהוט עס נאָר ביי אַן'אויסנאַהמס-פאַל, ווי אַ ביאַליסטאָק אָדער שעדלעץ. און ווירקליך: די שפּעטערע פּריוואַטע נאַכריכטען, וואָס מיר האָבען דערהאַלטען פון דאָרט ביז איצט און וועלכע הערען גאָרנישט אויף אָנצוקומען ביז היינט, קאָנען איינעם דאָס בלוט פערגיפטען. אַ פּאָגראָם אין גרויסען סטיל. צעהנדליגער גע'הרגעטע און הונדערטער פערוואונדעטע. אַ ווידערהאָלונג פון דער דאָרטיגער שחיטה אין די גוטע אָקטאָבער-טעג. מען האָט נישט געשוינט קיין 4-יעהריגע קינדער און קיין 75-יעהריגע זקנים. פון די טראַמווייען און די דראָשקעס האָט מען מענשען אַראָבגעשלעפּט און זיי געקוילעט און אין די הייזער איז מען אַריינגעדרונגען און מען האָט דעם מאָרד און טויטשלאָג אויסגעפיהרט. די וואָגענס פון דער גיכער הילף קאָנען די אַרבייט נישט בעצווינגען און אין די קראַנקענהייזער פעהלען-אויס ערטער פאַר די פערוואונדעטע. האַנדעל און אינדוסטריע זענען געשטערט, די בערזע פונקציאָנירט נישט, איינע פון די בליהענדסטע און שענסטע שטעדט רוסלאַנדס איז ווי יואינירט. אין לייענען מיר די ליסטעס פון די פעראומגליקטע, געפינען מיר נעמען ווי ישראל סאבסיי, שלום מוקאָמעל, ליפּא גערשטיין,

וואָלף פלעמענבוים, אליהו חקרן, שלמה וויינשטיין, משה לעוויטי, נחום שוכמאַן, הערש זיגעלמאַן, פרץ גאָלדשטיין, הערש ברעזקין, ירחמיאל זילבערמאַן, דוד ניסענזאָהן, אליהו דוואָרניק, שמעון גוז, משה פוקס, סנדלר, פערלמאַן, גריידענבערג — לויטער יודען, לויטער יודען. און בעטראַכט מען די איינצעלהייטען פון די מעשים, פער־קלעמט איינעם דאָס האַרץ: די 4־יעהריגע מאַניא און דער 4־יעהריגער מישא, קינדער וועלכע שפּיעלען זיך אויף דער גאַס, ווערען געשאָסען, און הערש זיגעלמאַן, אַ 75־יעהריגער יוד, ווערט פערוואונדעט, — ווי אַנ'איראָניע קלינגט עס, ווען די פּאָסט, וועלכע ברענגט אונז דיזעלביגע נאַכריכטען, ברענגט אויך די ידיעה, אַז דער אָבמאַך צווישען רוסלאַנד און ענגלאַנד איז ענדליך אונטערגעשריבען געוואָרען; מיניסטער איזוואָלסקי און גראַף פּאַהלען האָבען בעקומען פון קעניג עדוואַרד זייערע אָרדענס. פריהער האָט עס געהייסען, אַז אַזוי לאַנג ווי רוסלאַנד וועט נישט גאַראַנטירען, אַז זי וועט אַביסעל מענשליכער ווערען, וועט מען זיך מיט איהר אין קיין שום פערהאַנדלונגען נישט אַריינלאָזען. איצט, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט רוסלאַנד איהר מענשליכעס ענדליך בעוויזען און דער אָבמאַך איז געשעהן. עס פעהלט בלויז נאָך, אַז פאַר דער דרשה אין אָדעס זאָל קומען דאָס איבעריגע אויסלאַנד און זאָל דערלאַנגען די לענגסט ערוואַרטעטע אַנלייהע.

די טויטע ווערען בעגראָבען און די פערוואונדעטע היילען זיך אָדער שטאַרבען. אַלעס געהט, ווי עס געהערט צו זיין. די פּאָרשטעהער פון דער יודישער געמיינדע אין אָדעס שיקען אַ טעלעגראַמע צו סטאָליפּינען און געהען מיט אַ דעפּוטאַציע צו דעם גענעראַל־גובערנאַ־טאָר. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, הערר גלאַגאָלאָוו, ענטפערט די אַלטע תשובה: יודען זענען אַליין שולדיג; די פּאָליציי און דאָס מיליטער זענען מאַכטלאָז און האָבען נישט געקאָנט העלפען; ווייטער וועט שוין אַזעלכעס נישט פּאָרקומען. אַלעס אַלזאָ ווי עס געהערט צו זיין; אַלעס לויט דעם מוסטער, ווי עס האָט זיך געפיהרט ביי אַזעלכע פאַלען ביז איצט און ווי עס וועט זיך פיהרען אין רוסלאַנד מי יודע ווי לאַנג נאָך. דאָס רעגירונגס־בלאַט קומט און זאָגט, אַז דערוויייל האָט מען נאָך קיין גענויע נאַכריכטען נישט פון אָדעס און ווען עס

זענען פאַרהאַן שולדיגע, וועלען זיי געוויס בעשטראָפט ווערען. אַלעס לויט דעם אַלטען מוסטער. און יודען ליגען בעהאַלטען אין די קעלערס און אויף די בוידעמס אָדער זיי אַנטלויפען מאַסענווייז פון דעם אומגליקס-אָרט, וואוהין די אויגען טראָגען זיי. אַלעס ווי געווען און דערווייל ווערען מיט רוסלאַנד פריינדשאַפטען געשלאָסען און איהרע מיניסטאָרען ווערען בעשענקט און בעעהרט.

„יודען זענען אַליין שולדיג". ווער? אפשר דאָס 4-יעהריגע קינד, וועלכעס האָט זיך געשפּיעלט אויף דער גאַס? אפשר דער אַלטער 75-יעהריגער יוד, וועלכער איז געגאַנגען דאַוונען? אפשר די פרויען אויף די דראָשקעס פאָהרענדיג? די קראַנקע אין די שפּיטעלער? די יונגלעך אין די חדרים? די מיידלעך, וועלכע האָבען זיך בעהאַלטען אין די לעכער? אוי, ווי עס קעהרט די גרינע גאַל דעם דאָזיגען אָבגע-שמאַקטען נאַרישען ליגען צום טויזענד און איינסטען מאָל צו הע-רען! וואָלטען וועניגסטענס יענע רעדעל-פיהרער האָבען דעם ציני-שען מוט און די פרעכהייט אויף זייערע מעשים מודה צו זיין!

„די פּאָליציי און דאָס מיליטער זענען מאַכטלאָז" די רעגירונג איז אַלזאָ מודה, אַז ס'איז אַנ'אַנאַרכיע אין לאַנד? אַז פּאָליציי און מיליטער קאָנען גאָרנישט טהון, אַז קריעגס- און בעלאַגערונגס-צושטאַנד העלפען נישט? פאַרוואָס אָבער איז זי מבטיח אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, אַז דורך איהרע רעפּרעסיעס האָט זי שוין גאָט זיי דאַנק אַלעס דערגרייכט און אַלעס איז שוין שטיל און אין אָרדנונג? פאַרוואָס האָט זי באמת'דיג יאָ געקאָנט דורך די אייגענע פּאָליציי און דאָס אייגענע מיליטער צעהנטויזענדער פרייע און פרייהייטס-דורשטיגע מענשען בעצווינגען און יעדעס פרייע לופטעל און יעדע פרייע בעוועגונג דערשטיקען? קאָן זי בלויז נישט מיט עטליכע צעהנדליג כוליגאַנעס און מיט פופ-צעהן-, זעכצעהן-יעהריגע מערדערס זיך אַנ'עצה געבען? אָדער וואָס זי קאָן אויף א י י ן זייט, וויל זי נישט קאָנען אויך אויף דער אַנדע-רער זייט?

„ווייטער וועט שוין אַזעלכעס נישט פאָרקומען" — מיט וועלכען כוח פערזיכערט זי אונז דאָס? און האָט זי נישט באותו רגע ערשט געזאָגט, אַז איהר פּאָליציי און איהר מיליטער קאָנען נעבעך גאָרנישט

טהון? און איז איהר זכרון אַזוי קורץ אָדער רעדט זי איהרע וואר־טער אַזוי וויט אַרויס אָהן מיטאַרבייטונג פון געהירן, אַז זי ווייסט אַ מינוט שפּעטער נישט מעהר, וואָס זי האָט אָט אָט זיך אַרויסגערעדט? מעהר וועט שוין אַזעלכעס נישט געשעהן! וויפיעל הונדערטער מאָל האָט זי שוין אונז דאָס געזאָגט? ביי וועלכען פּאָגראָם און ביי וועלכען עפענטליכען סקאַנדאַל האָט שוין נישט איירָאָפּאַ געהערט די דאָזיגע ווערטער? און מיינט זי נאָך אַלץ, אַז זי נאַרט אַ וועלט אָב מיט דער דאָזיגער קאָמעדיע? אָדער קען זי ווירקליך אַזוי גוט אַ וועלט, אַז זי ווייסט, דאָס סוף־כל־סוף וועט מען איהר אַלעמאָל ווידער און אַלעמאָל פונדאָסניי גלויבען, ווי טאַקי מיר זעהען אין דער אמת'ען? אָפּט ווילט זיך לאַכען פּאַר גרויס טרויעריגקייט: דאָ איז מען אונז מבטיח, אַז מעהר וועט אַזעלכעס נישט דערלאָזען ווערען, און אין „קיעווליאַנין" איז אָבגעדרוקט מיט גרויסע אותיות אַ התראה צו די יודען פון דער קיעווער אָבטיילונג פונ'ם עכט־רוסישען פעראיין און פון די אַנדערע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס: „מען איז מתרה אַלע יודען, אַז דאָס אויפפלאַמען פונ'ם שווער איינגעהאַלטענעם פאָלקס־צאָרן אויף יודען קאָן דערגרייכען צו אַזאַ מדרגה, וועלכע וועט פיהרען צו אַ האַרטער און בלוטיגער נקמה, וואָס קאָן האָבען אַ טרויעריגען סוף". פאַרוואָס זעהט די רעגירונג נישט, אַז דאָרט אין קיעוו, זאָל „אַזעלכעס" נישט מעהר געשעהן, ווי עס איז געשעהן אין אָדעס? אָדער וואַרט זי ביז דער פּאָגראָם אין קיעוו וועט זיין געוועזען, אום צו קאָנען דאַן זאָגען, אַז מעהר וועט אַזעלכעס נישט געשעהן? צוויי יאָהר לאַנג אָהן שום הפסקה האָבען מיר געהאַט פּאָגראָמען אין אָדעס און די רעגירונג האָט געשוויגען — יעצט פּלוצלינג וועט זי נישט מעהר דערלאָזען!

יאָהרען לאַנג האָט מען גענעהרט אַ שלאַנג, מען האָט זי אַרומ־געטראָגען אין בוזעם און מען האָט זיך געשפּיעלט מיט איהר, דער פעראיין פון די עכט־רוסישע איז געווען ביי דער רעגירונג דער שוואַרץ־אַפּעל פונ'ם אויג — און איצט זענען דאָס די פּרוכטען. אפשר איז די רעגירונג שוין ווירקליך מאַכטלאָז. און אָנשטאָט דעם גיפט צו פערהאַלטען, האָט מען איהם מיט אייגענע הענד מעהר און מעהר פערשפּרייט. אָט האָט מען נאָך אין דער לעצטער מינוט מודיע גע־

ווען, אַז אין די מאָסקווער הויכשולען ווערען יודען אָנגענומען נאָר דריי פּראָצענט. אָט האָט דער מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג נאָר־וואָס צעשיקט אַ צירקוליאַר צו די רעקטאָרען פון די אוניווערזיטעטען וועגען איינפיהרען פונדאָסניי די פּראָצענט־בעגרענצונגען פאַר יודישע סטודענטען און אַז אין שולען, וואו די פּראָצענט־נאָרמע פון יודען איז שוין פול פונ'ם פאָריגען יאָהר, זאָלען יודען היי־יאָהר איבער־הויפּט נישט צוגעלאָזען ווערען. אָט האָט מען כמעט אַלע יודישע צייטונגען אין רוסלאַנד (הזמן, פאָלקס־צייטונג, דאָס וואָרט, פאָלקס־שטימע, נאַציאָנאַל־צייטונג) פערמאַכט. אָט האָט דער סענאַט אַרויסגע־געבען אַן ערקלערונג, אַז דאָס געזעץ וועגען געוויסענס־פרייהייט, לויט וועלכען געטויפטע יודען מעגען זיך אומקעהרען צו זייער יודישען גלויבען, איז צו פערשטעהן אַזוי, אַז ביים אומקעהרען זיך צו ד'ער יודישער אמונה, פערליערט דער בעטרעפענדער אַלע זיינע רעכט, וועלכע ער האָט געהאַט אַלס קריסט און ער טאָר דאַן אפילו חוץ לתחום נישט מעהר וואוינען. אָט האָט מען אין אָדעס גופא בעוויזען דאָס אָנ־נעהמען זיך פאַר יודענס־וועגען, דאַדורך וואָס מען האָט עטליכע און אַכציג יודישע יונגעלייט אַרעסטירט, וועיל זיי האָבען זיך געשטעלט געגען דעם פּאָגראָם: דאָס הייסט, זיי האָבען זיך געפּרובט פערטיידי־גען מיט מסירות־נפש די עהרע פון זייערע שוועסטער און דאָס לעבען פון זייער טאַטע־מאַמע. און דאָ וואונדערט מען זיך, ווען די שוואַרצע באַנדעס שניידען די פרוכט פון דעם וואָס די רעגירונג האָט געזייהט? און דאָ וואונדערט מען זיך, אַז באַלד נאָך אָדעס האָבען די שוואַרצע דעם מוט אַרויסצוטרעטען אין קיעוו מיט זייער התראה? און דאָ וואונדערט מען זיך, אַז דער טויט און מאָרד, וועלכען מיר האָבען געזעהען נעכטען פאַר אונזערע אויגען, קומען היינט איבער אונז?

דער ניי־אָנגעקומענער שטאָדט־הויפטמאַן פון אָדעס איז מבטיח הרים וגבעות און זאָגט, אַז ער איז כל־יכול און וועט קיין עוולה נישט מעהר דערלאָזען. ער האָט עס געזאָגט אין אַ טאָן, אַז מיר ווילען איהם גלויבען. איבריגענס, האָט כטאָליפין אליין שוין איינגעזעהן, אַז ער האָט געלאָזט די שוואַרצע „עכטע" צופיעל ווילדעווען. איז אָבער די רעגירונג נישט ווירקליך שוין מאַכטלאָז? האָט מען נישט געלאָזט דאָס שלעכטע שוין צו גרויס וואַקסען?

זעכציגסטער בריעף

דער אמת הויבט-אָן אַרויסצוקומען: אין אָדעס האָבען נישט די כוליגאַנעס געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יודען, נאָר אומגעקעהרט, די נידערטרעכטיגע יודען האָבען זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט געגען די אונשולדיגע „עכטע" און האָבען זיי געשלאָגען און גע'הרגעט און פּאָגראָמירט — אַזוי ווענינסטענס שטעהט אין די בעריכטען וועגען אָדעס, וועלכע איך האָב געלייענט מיט מיינע אייגענע אויגען אין דעם לייב-אָרגאַן פון די עכטע רוסען. איך האָב אין דער ערשטער מינוט נישט געגלויבט מיינע אויגען. ווען אַלזאָ עס זאָל קומען צום ביישפּיעל אַ מאָל אַ מבול און זאָל פערפלייצען און אַוועקוואַשען פון דער וועלט אַלע די טויזענדער בעריכטען און נאַכריכטען און בעשרייבונגען וועגען די לעצטע פּאָרפאַלען אין אָדעס און עס זאָל איבערבלייבען, ווי נח אין דער תיבה, נאָר דאָס איין-איינציגע צייטונגס-בלאַט פון די עכטע רוסען, וועט דאַן שטעהן און בלייבען אין דער היסטאָריע, אַז אין אָדעס האָבען יודען די וואָך פאַר ראש השנה אין דעם און דעם יאָהר געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם אויף אונשולדיגע רוסישע מענשען. אין דעם נומער 189 פון „רוסקאָיע זנאַמיאַ", אַלזאָ אונגעפעהר אין דערזעלבער צייט, ווען עס זענען געפלויגען אין די וועלט אַרויס האַרץ-רייסענדע נאַכריכטען וועגען אַ נייעם יודען-פּאָגראָם אין אָדעס, לייען איך דאָרט ווערטליך פאָלגענדע טעלעגראַמע: „אָדעס. אַ בעוואָפענטער אָנפאַל פון יודען-בונדיסטען אויף די מיטגלידער פון'ם פעראיין פון די עכטע רוסען. די יודען-בונדיסטען זענען צום סוף גאָר איינגאַנצען געוואָרען ווילדע חיות און האָבען געמאַכט אַ מאַסען-אָנפאַל אויף די מיטגלידער פונ'ם פעראיין פון די עכטע רוסען. אַ טויזענד-קעפּיגע באַנדע יודען זענען נעכטען מיט ווילדע קללות ביים עק אוספּענסקאַ און פּרעאָבראַזשענסקאַגאַס בעפאַלען דעם פעראיינס-מיטגליד לעאָניד ניימאַן און האָבען איהם

איהם מיט אַ רעוואָלווער-קויל פערוואונדעט. דעמזעלבען טאָג האָט אַ באַנדע יודען ביים עק קאנאטנא און באזארנא געמאַכט אָנפאַלען אויף פריעדליך-פערבייגעהענדע פעראיינס-מיטגלידער, און די דאָזיגע האָבען נאָר דעם צופאַל צו פערדאַנקען, וואָס זיי זענען ענטקומען דעם יודי-שען זעלבסט-געריכט. איבערהויפט האָבען נעכטען די יודען אַרויסגע-וויזען עפּעס אַ בעזונדערע דרייסטיגקייט, און האָבען נישט געלאָזען פערבייגעהן אין גאַס קיין שום פעראיינס-מיטגליד. עס איז שוין צייט, מען זאָל די יודען אַביסעל האַלטען אין צוים. דער צאָרן פון די רו-סען "אַקסט און צום אומגליק איז שוין נישט מעהר ווייט".

איהר וועט זאָגען, אַז דאָס איז שוין צו נאַריש, און מען מוז זי׳ך דערפון אויסלאַכען. ניין, טרויעריג איז עס און זעהר ערנסט מוז מען עס נעהמען! מען מוז נאָר רוסלאַנד קענען. טויזענדער לייענען נישט קיין אַנדערע צייטונג און קענען אַלע געשעהענישען אין רוסלאַנד נאָר פון דער דאָזיגער איינציגער קוועלע. איבערהויפט אין די ביוראָקראַטען-קרייזען, און גאַנץ בעזונדערס אין די הויכע און אין די אַלערהעכסטע ספערען. געוויסע ביוראָקראַטען האָבען זייער אינטערעס דערביי, אַז אין די אויבערשטע ספערען און אין דעם אַלערהעכסטען אָרט זאָל מען געוויסע געשעהענישען קענען נאָר אי׳ן אַ געוויסען ליכט און נישט אַנדערש, און וועהרענד אַלע אַנדערע צייטונ-גען לאָזט מען נישט דאָרט אַהינקומען, אַרבייט מען אַזוי געשיקט, אַז דווקא דאָס דאָזיגע בלאַט זאָל יאָ געלעזען ווערען און אַלעס, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד, זאָל מען דאָרט קענען לערנען נאָר פון דער דאָזיגער איינציגער קוועלע. באופן זה ווערט מען דאָרט געוואָהר, אַז עפּעס אַ באַנדע יודען — וואַהרשיינליך ווייל עס איז זיי צו גוט און ווייל זיי זענען בטבע רעוואָלוציאָניסטיש — פאַלען-אָן אויף רוהיגע פריעדלי-כע בירגער, וועלכע לעבען געוועהנליך ווי די טויבען אין דעם דאָזיגען רוהיגען אָדע׳ן און האָבען נישט קיין אַנדער׳ע דאגה און קיין אַנדערען לעבענס-צוועק ווי גאָר זיך מוסר-נפש צו זיין פאַר׳ן פאָטערלאַנד און פאַר׳ן צאַר. וואָס איז פאַר אַ וואונדער, אַז מען טעלעגראַפירט דאַן צום פאָרזיצענדען פונ׳ם רוסישען פעראיין און מען בענשט איהם און מען טרייסט איהם און מען איז איהם מבטיח, אַז די עכט-רוסישע זענען באמת׳דיג די איינציגע שטיצע פון לאַנד און קייזער? איז דען

אַ וואונדער, אַז נייע גזרות רעות געגען יודען ווערען אַרויסגעלאָזען טאָג-טעגליך און יודען ווערען גערודפ׳ט און געפייניגט? — איך בין איבערצייגט, אַז אויב מען ווייסט אין פעטערהאָף פון עפּעס אַנ׳אומגליק, וואָס איז געשעהן לעצטענס אין אָדעס, ווייסט מען נאָר, אַז יודען האָבען דאָרט געמאַכט אַ פּאָגראָם געגען אָרענטליכע, פיינע, עכטע רוסען!

עס איז אויך קיין וואונדער נישט, אַז דאָס ביסעל עכטע רוסען, וואָס ווערען געהאַלטען פון אַ טייל ביוראָקראַטען צוליעב זייערע אייגענע אינטערעסען, האָבען אויפגעהויבען לעצטענס דעם קאָפּ אין אַנ׳אופן, ווי עס איז ביז יעצט נאָך נישט געווען. קרושעוואַן אין זיין „בעסאַראַביעץ״ שרייבט: „דער פעראיין, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזעהן, אַז די יודען זענען די הויפּט-שולדיגע אין די אונרוהען פון רוסלאַנד האָט בעשלאָסען פאָלגענדעס: אין דעם טאָג, אין וועלכען עס וועט ענטדעקט ווערען אַ נייער אָנפאַל אויף דעם רוסישען קייזער, אָדער עס וועט געמאַכט ווערען אַ נייער אַטענטאַט אויף פּ. א. סטאָליפּין, וועט אין רוסלאַנד קיין איינציגער יוד נישט בלייבען לעבען״. די אָדעסער כוליגאַנען-ציימונג „זאַ צאַריאַ א ראָדינו״ שרייבט אַנ׳אויפרוף צו די יודען, „אַז אויב זיי ווילען אָבהיטען זייער פערמעגען און זייער לעבען און ווילען אויסמיידען אַ שרעקליכע שחיטה, זאָלען זיי עפענטליך בעטען פערצייהונג ביים גאַנצען רוסישען פאָלק, דאָס הייסט, זיי זאָלען זיך אַלע פערזאַמלען מיט אַלע רבנים און אַלע קהל׳שע פאָרשטעהער אין די שולען, און דאָרט זאָלען זיי אָבגעבען אַ שבועה, אַז זיי זענען זיך מתחייב אַרויסצוגעבען אַלע שולדיגע אין די אונרוהען און אויסצוליפערען אַלע אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציע און אַלע אינטעליגענטע מענשען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט פרייהייטס-אידעען, און הויפּטזעכליך זאָלען זיי מקבל זיין אויף זיך, נישט מעהר צו טראַכטען וועגען די נאַרישע פאַנטאַזיעס פון אַ יודישער גלייכבערעכטיגונג און אַ יודישער וועלטליכער הערשאַפט, נאָר אומגעקעהרט, זיי זאָלען גרינדען אַנ׳עכט-יודישען פעראיין, וואָס זאָל שטעהן פאַר דער זעלבסטהערשונג פונ׳ם קייזער״. גראַף קאָנאָווניצין, דער אָדעסער פאָרזיצענדער פון די דאָרטיגע „עכטע״, שרייבט אַנ׳אויפרוף צו זיינע לייט, אין וועלכען ער וויל זיי כלומרשט צוריקהאַלטען פון רויב און מאָרד, און ער זאָגט: „האַלט איין איינער דעם צווייטען,

האַלט זיך איין אויף אַ געוויסע צייט, דערשטיקט אויף אַ ווײַלע אייער גערעכטען צאָרן, און ווען עס וועט נויטיג זיין, דאָס הייסט ווען די בונטאָוושיקעס וועלען אַריבער די גרעניצען און וועלען אַרויס אויף די גאַס, דעמאָלס וועלען מיר, רוסישע לייט, זיין געצוואונגען אַרויסצוטרעטען מיט געוועהר אין די הענד געגען דעם אינערליכען שונא פון רוסלאַנד". מיט אַנדערע ווערטער: דערווייל, קינדער, מאַכט קליינינטשקע פּאָגראָמען און מיט דער צייט וועלען מיר מאַכען אַ גרויסע שחיטה.

און דאָס אַלעס געשעהט באַלד דערויף, ווי די רעגירונגס- און די פּערוואַלטונגס-פּאָרשטעהער האָבען פּערזיכערט פּאַר דער גאַנצער וועלט, אַז פון איצט אָן וועלען זיי נישט מעהר דערלאָזען צו קיין יודען-פּאָגראָמען! נאָך מעהר: נישט נאָר די כּוליגאַנען-צייטונגען ערלויבען זיך די אויבענדערמאָהנטע שפּראַך, נאָר זאָגאַר דאָס רעגירונגס-בלאַט אַליין רעדט מיט דעמזעלביגען טאָן. אין דער אָפיציעלער מיטטיילונג וועגען די אָדעסער געשעהענישען, זאָגט דאָס רעגירונגס-בלאַט, ווי דער שטייגער איז, אַז יודען זענען שולדיג; זיי האָבען זיך אָבגעגעבען מיט רעוואָלוציע, און דערפאַר איז דער פאָלקס-צאָרן אַרויס אויף זיי. נאַטירליך רעכענט אויס דאָס אָפיציעלע בלאַט אַ גאַנצען צעטעל מיט נעמען פון רוסען, וועלכע זענען פערוואונדעט געוואָרען און פון יודען ווייסט עס נאָר עטליכע. און זעלבסטפערשטענדליך איז דאָס בלאַט מוסיף, אַז עטליכע יודען האָט מען געמוהט אַרעסטירען און איבערגעבען צום קריעגס-געריכט. אַזוי זעהט אויס דער אָפיציעלער בעריכט פון דעם פּאָגראָם! אַזוי איז מען זיך נוהג, באַלד דערויף ווי מען האָט מבטיח געווען, אַז מען וועט דאָסמאָל געניי נאָכפאָרשען און די שולדיגע בעשטראָפען! אַזוי רעדט די רעגירונג אַליין! — איך מוז נאָר נאָך מוסיף זיין, אַז די צייטונג „ריעטש" איז געוואָרען בעשטראָפט מיט 500 רובעל געלד-שטראָף, ווייל זי האָט געבראַכט אַן אַרטיקעל וועגען די געשעהענישען אין אָדעס.

אין אָדעס איז בין-כך-וכך שוין אָנגעקומען דער נייער שטאָדט-הויפּטמאַן, וועלכער האָט אַזויפיעל גערעדט פון זיין גערעכטיגקייטס-ליעבע און האָט אַזויפיעל מבטיח געווען און אויף וועלכען מען האָט אַזוי שטאַרק געוואַרט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס — אַ רוסישער טשינאָווניק. עס האָבען זיך פיעלע אין איהם טועה געווען. איינער, וואָס

קען איהם, דערצעהלט, אַז דאָס איז שוין אַזוי דער מנהג פון דעם דאָזיגען גענעראַל נאָוויצקי, צו רעדען יומם ולילה פון זיין גערעכטיגקייט און זיין ליבעראַליזם. אַלזאָ די אַלטע רוסישע חכמה. אין קיעוו איז ער געווען דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע און פלעגט מאַכען טויזענדער אַרעסטען און פלעגט רודפ'ן טויזענדער אונשולדיגע. ער האָט איינמאָל אַרעסטירט און געהאַלטען צוויי יאָהר לאַנג אין געפענגניש עטליכע בעקאַנטע שריפטשטעלער, דערפאַר וואָס מען האָט זיי נעפאַקט ביים לעזען איבסענס אַ ווערק אין אַ געזעלשאַפט. גאַנץ בעזונדערס האָט ער געפלעגט צו פערפאָלגען יודען. וואָס מען קאָן ערוואַרטען פון דעם דאָזיגען הערר אין אָדעס און וואָס מען קאָן האַלטען פון זיינע איצטיגע הבטחות, קאָן מען שוין פערשטעהן פון זעלבסט.

און איבערהויפט וואָס מען קאָן האַלטען דערפון, ווען אונזער רעגירונג גיט הבטחות! אונזער רעגירונג האָט, למשל, אַמאָל געגעבען אַ הבטחה וועגען אַביסעל ישועות פאַר יודען. עס איז זאָגאַר שוין אַזוי וויט געווען געקומען, אַז עס זענען אויפגעטרעטען בעשטימטע קלאַנגען, דאָס די רעגירונג האָט צוגעזאָגט עטליכע אַמעריקאַנער, צו געבען יודען אין רוסלאַנד די פולע גלייכבערעכטיגונג. נאַטירליך האָט די „רוסקאָיע זנאַמיאַ" געמאַכט גוואַלדען און האָט פערלאַנגט פון דער רעגירונג דין־וחשבון. די רעגירונג זעלבסטפערשטענדליך האָט זיך בעאיילט צו בעזענפטיגען די אומגליקליכע „רוסקאָיע זנאַמיאַ" און האָט איהר געלאָזט זאָגען דורך די אָפיציעלע „ראָסיאַ", אַז די קלאַנגען האָבען קיין ממשות נישט. די „רוסקאָיע זנאַמיאַ" האָט זיך אָבער נישט געקאָנט בערוהיגען און האָט ווייטער געלאַרעמט, ביז דער לאַרם איז אָנגעקומען גאַנץ אויבען, און פון דאָרט אויס לאָזט מען איצט שרייבען אין דעם הויך־אָפיציעלען „נאַכריכטען־ביוראָ" פונ'ם הויף פאָלגענדעס: „מיר זענען בעפולמעכטיגט מודיע צו זיין, אַז אַלע די דאָזיגע נאַרישע קלאַנגען וועגען עפּעס הבטחות, וואָס די רוסישע רעגירונג זאָל האָבען געגעבען די אַמעריקאַנישע בירגער, האָבען קיין שום גרונד נישט".

נ. ב. — צוליעב די קלאַנגען וועגען אַ נייעם פּאָגראָם אין קישיניעוו, האָב איך מיך געווענדעט דאָרט אַהין מיט אַ טעלעגראַפישער אָנפראַגע און האָב בעקומען די אַנטוואָרט: אַלעס איז רוהיג.

אײנאונזעכציגסטער בריעף

ווען אין רוסלאַנד טרעפט זיך אַמאָל אַז עס פאַלט אַראָב אַ דאַך פון אַ דומא, אַזוי אַז מיטאַמאָל קאָנען לעבעדיגערהייט בעגראָבען ווערען די גאַנצע פיער-פינפהונדערט פאָלקס-אויסדערוועהלטע, וועלכע מיר האָבען געשיקט אום אונז צו ראַטעווען, אָדער ווען עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ יאַכט-שיף, אויף וועלכען עס פאָהרט שפּאַצירען אין די פינלענדישע ספּערען דער קייזער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, ווערט אַרויפגעפיהרט מיט עכט-רוסישער געשיקטליכקייט און קונסט דווקא אויף דעם געפעהרליכסטען פעלזען אין וואַסער, אַזוי אַז דער טויט שטעהט פלוצלינג אַלעמען פאַר די אויגען, דאַן ערשט ווערט געוועהנליך אַ שטיקעל גערודער און געפילדער, מען קוקט זיך אַרום וואו מען איז אין דער וועלט און מען הויבט אָן מפשפש צו זיין אַ ביסעל אין די שעהנע מעשים. דאָס הייסט, נישט חלילה אינ׳ם לאַנד גופא קוקט מען זיך אַרום און נישט חלילה די רעדעל-פיהרער אַליין פון דער רוסישער שטאַאַטס-מאַשין הויבען אָן זיך אָבצוגעבען אַ דין-וחשבון פון דעם טרויעריגען צושטאַנד אין לאַנד און פון דער גרעניצלאָזער פערפוילטקייט אין יעדען ווינקעלע און אין יעדען פאַך נאָר דאָס אויסלאַנד איז עס, וועלכעס עפענט ביי אַזאַ געלעגענהייט פלוצלינג די אויגען און רייבט זיי אויס אַביסעל און שאָקעלט דעם קאָפּ און הויבט אָן צו פרעגען קשיות. רוסלאַנד אַליין, דער גרויסער אונבעהאָלפענער בער, ריהרט זיך אפילו ביי אַזאַ מעשה אויך נישט; נישט בלויז אַ דאַך און אַ קייזערליך יאַכט-שיף, נאָר אַפילו אַ הימעל ווען ער זאָל איינפאַלען און אַ וועלט ווען זי זאָל אונטערגעהן, וועט עס איהם נישט אַרויסרייסען פון זיין אַפּאַטיע. די רעגירונגס-רעדעל-פיהרער כאַפּען זיך באַלד ביי אַזאַ שטיקעל סיבה צו דער מלאכה פון פערגלעטען, און למען-השם: מען זאָל נאָר נישט רעדען דערפון. די

רעגירונגס-צייטונג ברענגט ביי אַזאַ פאַל עפּעס אַ משונה׳דיגען בע־ריכט, פון וועלכען דו ווייסט נישט וועגען וואָס מ׳רעדט און וועגען וואו מען רעדט; די „נאָוואָיע ווראעמיאַ״, ווען זי האַלט גראָד נישט ביי אַ מחלוקה מיט די מיניסטאָרען, באַסעוועט צו און מאַכט אַלדינג כּשר, און די סדרה קאָן ווידער אָנהויבען פון פאָרענט. עס איז עפּעס די מעשה פונ׳ם האָהן, וועלכער פיהרט זיך נישט שעהן וועהרענד דעם כּפּרות־שלאָגען; מען ווישט אַוועק און מען דרעהט ווייטער. ווען שוין איך זאָג, אַז מען רעדט דערפון, מיין איך, מען רעדט דערפון אין אויסלאַנד: נאַטירליך הערט מען נאָך עטליכע טעג אויך באַלד אין אויסלאַנד אויף דערפון צו רעדען, און אַלעס בלייבט ווי געוועזען. מען וויל אַלץ נישט פערשטעהן, אַז דאָס איז נישט אַ מעשה מיט אַ דאַך אָדער מיט אַ יאַכט־שיף אַליין: דאָס איז דאָס גאַנצע רוסישע לעבען, דאָס גאַנצע רוסישע וועזען, דאָס גאַנצע רוסישע געטוהעכץ פון אל״ף ביז תי״ו. אַלעס איז ביי אונז מעשה דאַך, אַלעס מעשה שיף. אַ דאַך און אַ יאַכט־שיף זענען אייגענטליך נאָר צופעליגע מוס־טער־פּראָבען, וועלכע דאָס אויסלאַנד האָט דורך אונפאָרזיכטיגקייט בע־קומען צו זעהען; אין דער אמת׳ן אָבער איז דאָס גאַנצע לאַנד אַזאַ מין דאַך, וואָס פאַלט איין איבער די קעפּ, דאָס גאַנצע לעבען ביי אונז אַזאַ מין שיף, וואָס ווערט פערשלאָפענערהייט אַרויפגעפיהרט אויפ׳ן בוידעם. די טרויעריגע פערפוילטקייט ביז אויפ׳ן גרונד ווייזט זיך אַרויס ביי אַזאַ מעשה, טהאַטזעכליך אָבער איז עס בלויז אַ טיי־לעכעל פון דער אַלגעמיינער פערפוילטקייט, אַ מוסטער־שטיקעל, וואָס אונזער קאָמי־וואָיאַזשער דערלאַנגט איך פון דער סחורה, וועלכע מיר האָבען אויף לאַגער. וואָס עס איז געשעהן אין די פינישע ספּערען איז נישט קיין קאַטאַסטראָפע; עס הענגט צוזאַמען אי מיט די מעשים אין אָדעס, אי מיט הורקאָ־לידוואַל, אי מיט סטעסעל, אי מיט צוסימא, אי מיט דעם דאַך פון דער דומא, בקיצור עס הענגט צוזאַמען מיט דעם גאַנצען פוילען, עיפּושדיגען, אַלטען, מלא־גניבה׳דיגען רעזשים. וואָס נוצט עס, ווען אַמאָל ביי אַ סיבה, וועלכע איז צופעליג בעקאַנט געוואָרען אין אויסלאַנד, ווערט דערפון אַ גערעד אַ צוויי־דריי טעג? אַ טאָג שפּעטער איז שוין ווידער אַלעס שטיל און רוהיג, דאָס גערעד הערט אויף, די וועלט שמאַ־יעט ווייטער און האָט איהרע עסקים און -- אין רוסלאַנד פוילט אַלעס ווייטער.

וואָס נוצט עס, ווען צום ביישפּיעל די לעצטע געשעהענישען אין אָדעס האָבען אָנגעמאַכט אַ שטיקעל רעש און מען האָט גערעדט דער־פון אַ צוויי־דריי טעג? איצט גאָט זיי דאַנק שווייגט מען שוין ווידער — און אין אָדעס ווערט דער פּאָגראָם ווייטער געמאַכט. נאָוויצקי, דער נייער שטאָדט־הויפּטמאַן, דער משיח אויף וועלכען מען האָט געוואַרט, איז דאָרט שוין אָנגעקומען און — אויף די אָדעסער גאַסען שלאָגט מען די יודען ווייטער. נייע הרוגים פון די לעצטע צוויי טעג זענען דאָ 5, פּערוואונדעטע 25, אַ קינד אויפ׳ן אָרעם פון זיין מוטער איז דערשאָסען, בקיצור די אַרבייט געהט ווייטער. אין מחנות צו 50 מאַן בעוויזען זיך די „פּעראיינסמיטגלידער" באַלד דאָ, באַלד דאָרט און אַרבייטען מיט רעוואָלווערען און נאַגאַיקעס. נאַטירליך, מישט זיך אַמאָל אויך די פּאָליציי אַריין, אום כלומר׳שט נישט צו דערלאָזען קיין עוולות, זי פאַלט אָבער אַ מינוט שפּעטער באַלד אַרויס פון דער ראָלע, מען פערגעסט די קאָמעדיע צו שפּיעלען און די הריגות געהען ווייטער. איבריגענס, טהוט די פּאָליציי מיט׳ן מיליטער אויך גאַנץ דירעקט דאָס זייעריגע, אום געגען יודען צו העצען און אום די פּאָגראָם־מאַכערס צוצוגעבען מוט צו זייער אַרבייט: יום־כפור צו כל־נדרי איז די פּאָ־ליציי מיט׳ן מיליטער פּלוצלינג אַריין אין די אָדעסער סינאַגאָגע און האָט דאָרט געמאַכט רעוויזיעס ביי קליין און גרויס, ביי יונג און אַלט, און די רעוויזיעס האָבען געדויערט גאַנצע זעקס שטונדען. ביז איצט איז די סינאַגאָגע און יעדער מקום־קדוש געוועזען דער איינציגער אָרט, וואוהין דער פוס פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט נישט געהאַט קיין צו־טריט. זינט דער קאָנסטיטוציע האָט זיך די רעגירונג, ווי עס ווייזט זיך אויס, ליבעראַליזירט אויך אין דעם דאָזיגען פּונקט. נאַטירליך גע־שעהט עס, ווייל „די יודען זענען אַליין שולדיג", זיי זענען רעוואָ־לוציאָנערען, און דערום האָט מען דאָס רעכט ביי זיי צו זוכען באָמ־בעס און געוועהר אויך אין די קיטלען און צווישען די מחזורים און אַפילו בשעת אַ פּאָגראָם. אגב טהוט דאָך די רעגירונג לפנים משורת הדין אַפילו ביי אַזעלכע מורדים און פושעים ווי יודען זענען און זי „בעשיצט" זיי. „אַ דאַנק די בייצייטענס אָנגענומענע מיטלען — זאָגט זי אין אַ צירקוליאַר — איז קיין פּאָגראָם נישט דערלאָזען געוואָרען". דאָס בלוט אין די אָדערען קאָן איינעם פערגיפטעט ווערען און עס

כאַפּט אַרום אַ מין אונענדליכע פּערצווייפלונג, ווען מען הערט די דאָ־זיגע צביעות! „די פּאָליציי — זאָגט ווייטער דער צירקוליאַר — דאַרף זיין דער איינציגער בעל־הבית אין גאַס״. רבונו־של־עולם, שיץ דיין פאָלק ישראל פון דער דאָזיגער איינציגער בעל־הבית׳ישקייט!

בין־כך־וכך הערען די פּראָצעס־קאָמעדיעס וועגען פּאָגראָמען גאָר־נישט אויף. צו וואָס די רעגירונג שפּיעלט גראָד איצט די דאָזיגע קאָמעדיעס, איז נישט רעכט צו פערשטעהן. מען מאַכט פּראָצעסען, צוויי, דריי ווערען פער׳משפט, און דער קייזער בעגנעדיגט זיי דאַן. דאָס איז דער נייעסטער גאַנג פון דער רוסישער גערעכטיגקייט. דען דער וועלט מוז דאָך בעוויזען ווערען, אַז „מיר״ זענען מענשען פון משפט און פון גערעכטיגקייט. אין קאלאראש, בעסאַראביען, איז אין נאָוועמבער 1905 געמאַכט געוואָרען אַ פּאָגראָם. 33 יודען זענען דענסמאָל אומגעבראַכט געוואָרען, 9 זענען אומגעקומען ביי די שרפות פון הייזער, וועלכע זענען דאָרט אונטערגעצונדען געוואָרען; אַלע יודישע הייזער ביז אויפ׳ן לעצטען זענען דעמאָלירט געוואָרען. דער חורבן איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז אַפילו דענסמאָל אין דעם גרויסען פּאָגראָם־סעזאָן האָט זיך דער קאלאראשער פּאָגראָם אַרויסגעזעהן. נון איז מען שוין אַזוי וויט, אַז מען מאַכט איצט דעם פּראָצעס. 40 מערדער, רויבער און אונטערצינדער זענען געכאַפּט געוואָרען, 277 עדות זענען פאַרהאַן, 93 געראַבעוועטע יודען טרעטען אַרויס אַלס קלעגער, און פאָרט זעהט מען עפּעס מערקווירדיגעס: דער אַקט פון דער אָנקלאַגע איז געשריבען עפּעס ווי אַנ׳אַרטיקעל אין דער „רוסקאָיע זנאַמיאַ״, אַ פּאַמפלעט נאָך אַלע דינים געגען די יודען. עס זעהט אויס, ווי ווען די יודען וואָלטען זיין די אָנגעקלאָגטע. כאַראַקטעריס־טיש איז, אַז דער דאָזיגער דאָקומענט איז פערעפענטליכט געוואָרען דווקא אין קרושעוואַנס צייטונג „דרוג״. וואָס דער פועל־יוצא פון אַזאַ פּראָצעס קאָן זיין, קאָן מען לייכט פערשטעהן, און ווען צוויי־דריי פון די דאָזיגע „לייט״ וועלען כלומר׳שט יאָ פעראורטיילט ווערען, וועלען זיי צוויי וואָכען שפּעטער פון זיינער מאַיעסטעט דעם צאַר בעגנעדיגט ווערען. איבריגענס, איז אַ פועל־יוצא פון אַזעלכע פּראָצעסען פאָרט פאַרהאַן: די בלעטלעך פונ׳ם „פאָלקס־פעראיין״ דרוקען אָפענע אויפ־רופען צו מאַכען נייע פּאָגראָמען. „די יודען — שרייבט גראַף קאָנאָוי־

ניצין אין זיין צייטונג — ווילען פערכאַפּען דאָס גאָלד פון דער גאַנ־צער וועלט. דאָס קאָן זיך זיי איינגעבען, אָבער דאָס איז נישט אַזוי שרעקליך, ווייל אַ קליינע באַנדע פון גאַסען־יונגלעך קאָנען דאָס צוריק אָבנעהמען ביי זיי". אין אַנ׳אַנדער אַרטיקעל זאָגט אַ שרייבער: „ס׳איז נישט ווייט דער טאָג, ווען די גוטהערציגע מאָלדאַוואַנעס וועלען זיך בעגעהן מיט יודען, ווי די אַמאָליגע רוימער, וואָס האָבען אויסגעשאָכטען אין איין טאָג 400,000 פון די דאָזיגע מיאוסע בעשעפּענישען". און אין אַ ווייטערען נומער לעזען מיר דעם אויפרוף: „עס לעבע דאָס פּאָלקס־געריכט!" — נאַטירליך איז אַ צוויי־דריי טאָג שפּעטער אין קיעוו פאָרגעקומען אַ קליינער פּאָגראָם, און עטליכע יודען זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען. נישקשה — בעגעגדיגט וועלען די פּאָגראָמשטשיקעס שוין ווערען!

און נאָך אַ שטיקעל פּועל־יוצא איז פאַרהאַן, טראָצדעם וואָס די רעגירונג לאָזט אַזוי זעהר איהרע „עכטע" געוועלטיגען און האַלט זיי אין אָרעם און טראָצדעם וואָס זי האַלט זיך אַזוי שטייף ביי איהר רעפּרעסיאָנס־סיסטעם: די וואַהל־קאַמפּאַניע האָט זיך איצט אָנגעהויבען, און אויף דער גאַנצער ליניע ווערט די רעגירונג געשלאָגען. עס איז שוין קלאָר און דייטליך, אַז די דריטע דומאַ, ווען זי וועט זיין, וועט זי זיין אַנ׳אָפּאָזיציאָנעלע. אין מאָסקוואַ, אין פּעטערבורג און אין אַלע גרויסע ערטער זיעגען די לינקע. נאַטירליך הייסט עס אין גרעסטען טייל פון די רעגירונגס־בעריכטען, אַז עס געהען דורך די „אומ־פּאַרטייאישע", אָבער דער דאָזיגער אָפיציעלער אויסדרוק פאַר לינקע איז אונז שוין גוט בעקאַנט.

צווייאונזעכציגסטער בריעף

אויף אַ רייזע, וועלכע איך האָב געמאַכט די לעצטע טעג אין אויסלאַנד, האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט מיך צו איבערצייגען, וואָס פאַר אַ מערקווירדיג פאַלשע פאָרשטעלונג מען מאַכט זיך דאָרט פון די צושטאַנדען און פאַסירונגען אין רוסלאַנד. עפּעס מיינט מען דאָרט, אַז מיר אין רוסלאַנד זענען איינמאָל אינדערפריה אין איינעם פון די נאָוועמבער טעג 1905 אויפגעשטאַנען, מיר האָבען זיך געוואַשען דריימאָל די הענד מיט כוונה, געמאַכט אַ המוציא אויף רעוואָלוציע, מקיים געוועזן די מצוה — און אַ סוף מיט אַנ'עק, געענדיגט איז דער אינ- טערעס: מען וויל נישט פערשטעהן, אַז אין רוסלאַנד איז די רעוואָלוציע נישט קיין אַקטועלער פאַל, נאָר אַ כראָנישער. נישט זי האָט זיך אָנגעהויבען אין אַ בעשטימטען טאָג צוליעב אַ בעשטימטען אַקט, ביי געלעגענהייט פון אַ בעשטימטען צופאַל, און נישט זי איז געענדיגט צוליעב אַ בעשטימטער רע- פרעסיע׳ אמת, דער 17/30-טער אָקטאָבער 1905 איז אַ היסטאָרישער טאָג, אַ טאָג פון אַ היסטאָרישען אַקט, דען אין דעם טאָג איז אונטערגעשרי- בען געוואָרען אַ מין קאָנסטיטוציע, און דער עולם איז אַביסעל אַרויס פון די כלים און האָט זיך אַ מינוט צווילדעוועט, אָבער דער דאָזי- גער מיט טינט געשריבענער אַקט פון אַ קאָנסטיטוציע אויף אַ בויגען קאַנצעלאַר-פּאַפּיר איז נישט די רעוואָלוציע. ווען עטליכע שוטים האָ- בען געמיינט, אַז דאָס איז אַלעס און מען איז שוין פערטיג מיט'ן עסק, זענען זיי דערפאַר שוטים. ווען עטליכע יונגלעך מיט די שטע- קענס אין דער האַנד און צוגעשפּעט צו זייי רויטע נאָזטיכלעך, האָבען געקלערט, אַז זיי האָבען שוין איינגענומען די פעסטונג אין דער קאָזאַק מוז זיך בעהאַלטען פאַר זיי אין די מייזלעכער און יע- דער ביוראָקראַט מוז בלאַס ווערען, ווען זיי גיבען אַ קוק אויף איהם און באַלד וועלען זיין אַלע ישועות טובות ונחמות און באַלד

וועט זיך אם ירצה השם אָנהויבען דאָס נייע רייך מיט די נייע גליקען, זענען זיי דערפאַר געווען יונגלעך. ווען עטליכע נאַרישע ציימונגס־שרייבער האָבען שטאַרק נישט געהאַט קיין צייט און האָבען זיך צוגעאיילט און האָבען אויסגעפויקט די שנעלע ידיעות, און דער עולם האָט געגלויבט, אַז אָט אָט איז יריחו איינגעפאַלען צוליעב אַ בלאָז מיט אַ שופר, זענען עס דערפאַר דאָך ציימונגס־שרייבער. קורצ־זיכטיגע מענשען! זיי פערשטעהען נישט, וואָס עס הייסט אַ היסטאָרישער פראָצעס, און אַ זאַך, וואָס מוז דויערען מינדעסטענס אַ יאָהר 50, ווערט נישט אָבגעטהון אין 24 שעה! דער 17־טער אָקטאָבער און אַלעס וואָס איז איהם פאַראויס געגאַנגען און אַלעס וואָס איז נאָך איהם געשעהן, איז אפשר אַ קליין שטיקעל פון אַ התחלה, אָבער נאָך עטליכע צעהנדליג יאָהרען מוז דויערען דער פראָצעס גופא. דער רוסישער פויער האָט נאָר וואָס זיך אָנגעהויבען צו ריהרען. לעבען לעבען מיר אויף אַ פייער־באַרג; מען איז קיין מינוט נישט זיכער. אפשר ברעכט עס מאָרגען אויס, אפשר איבערמאָרגען. אַז עס וועלען קומען רעפּרעסיעס און די רעוואָלוציע וועט ווערען „אונטערדריקט" און דאָס לאַנד וועט ווערען „רוהיג" און אַלעס וועט אויסזעהן, ווי ווען עס וואָלט אַלעס שוין זיין געענדיגט — דאָס האָט יעדער רייפערער מענש געוואוסט לכתחילה. דאָס איז דער געוועהנליכער גאַנג פון דער זאַך. מעגליך אַז דער מאָרגענדיגער טאָג וועט זיין רוהיג, מעגליך אַז נישט. אַלעס העננט אָב פון אַ צופאַל. יעדנפאַלס איז רוסלאַנד דאָס לאַנד, וועלכעס שטעהט אינ'ם מיטעלפונקט פון אינטערעס, און לאַנג נאָך וועט עס שטעהן דאָרטען.

דערווייל נאַטירליך איז נישט גוט. מאָרד און רויב און טויט־שלאָג און אַנאַרכיע אויף שריט און טריט. און דערצו קומט דאָס ליגען־זאָגען און דאָס נישט קאָנען אַנדערש ווי נאָר ליגען־זאָגען פון דער רעגירונג. אָפט שעהמט מען זיך פאַר זיך אַליין און עס טהוט וועה און מען ווערט אויפגעקאָכט און מען קאָן זיך נישט העלפען. איהר ווילט, למשל, וויסען, וואָס אייגענטליך איז דאָ פאָרגעקומען אין אָדעס? גאָר פשוט! נעהמט, זייט מוחל, דעם אָפּיציעלען בעריכט וועגען די געשעהענישען, אַזוי ווי ער איז אָבגעדרוקט אין דעם רעגירונגס־בלאַט „אָסוויעד. ביוראָ", און לייענט; איהר וועט נישט גלויבען

אייערע אויגען. „דעם 14־טען סעפטעמבער איז דער געהיים־אַגענט וויערניק געגאַנגען אויף פּאָרטאָפּראַנקאַ גאַס — אַזוי הייסט עס דאָרט אין דעם אָפּיציעלען בעריכט — און האָט בעמערקט ווי 2 יודען גנב'ענען זיך צו צו איהם, דאַן האָבען דיביידע געשאָסען אויף איהם פון רעוואָלווערען און האָבען איהם פערוואונדעט. די רוצחים זענען אַנטלאָפען, דער פערוואונדעטער איז אָבגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל. — אין דעמזעלבען טאָג האָט דער אינספּעקטאָר כאָרטשענקאָ בעצ־מערקט אַ הייפעל יונגע יודען, און ווען ער איז צו זיי צוגעגאַנגען, האָט זיך דערהערט אַ שאָס, פון וועלכען כאָרטשענקאָ איז געפאלען טויט. נאָכדעם האָבען צוויי אָדער דריי יודען ווידער עטליכע מאָל אויסגעשאָסען און זענען אַנטלאָפען. — מען האָט געמאַכט רעוויזיעס און אַרעסטירט עטליכע יודען, דערביי האָט מען געפונען ביי איי־נעם עטליכע סאָציאַליסטישע בראָשורען און פּראָקלאַמאַציעס. — דעם 15־טען סעפטעמבער, וועהרענד דער לויה פון דעם דער'הרג'עטען כאָ־רטשענקאָ, האָט אַ גרופּע יודען נעבען יודישען שפּיטאָל אויסגע־שאָסען, צעטרימערט די עגלה און פערוואונדעט אַ מיידעל". — אַלזאָ דאָס איז אַלעס וואָס איז געשעהן אין אָדעס! פון מעהר ווייסט דאָס אָפּיציעלע נאַכריכטען־ביוראָ פון דער רעגירונג נישט! עטליכע יודען האָבען געשאָסען. און ווידער עטליכע יודען האָבען געשאָסען, און נאָכאַמאָל עטליכע יודען האָבען געשאָסען. אַ פּאָגראָם איז אין אָדעס גאָרנישט געווען, יודיש בלוט איז גאָרנישט געפלאָסען, יודישע קינ־דער און יודישע גרייז־גרויע מענשען זענען גאָרנישט אומגעבראַכט געוואָרען, יודישע הייזער און יודיש פערמעגען זענען גאָרנישט רו־אינירט געוואָרען, אומגעקעהרט, עפּעס עטליכע יודען האָבען געשאָסען, זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון דער הוילער הויט אין מיטען אַ מיט־וואָך און האָבען געשאָסען — און ווייטער גאָרנישט. וואָס האָב איך צו בעמערקען צו אַזאַ בעריכט? עס קעהרט די גרינע גאַל פאַר אַזאַ קליינער, נאַרישער, לויזיגער גראָשען־פּאָליטיק פון אַ חכמת־יון־רעגירונג! — און די גרינע גאַל קעהרט אויף פאַר די שעהנע הבטחות און פערשפּרעכונגען פון די „ליבעראַלע" יונים, וועלכע שטעהען אָן דער שפּיץ! אָט האָט דער שעהנער גענעראַל נאָוויצקי מבטיח געווען גאַנץ שעהן און פיין, וואָס אַלעס ער וועט מאַכען, ווען ער וועט אָנ־

קומען אַלס שטאָדט-הויפּטמאַן אין אָדעס און ווי ער וועט די מהומות איינשטעלען; און ווי ער איז אָנגעקומען, האָבען זיך אָנגעהויבען אין אָדעס די מאַסען-רעוויזיעס, און אונצעהליגע יודען ווערען פערפאָלגט. איבריגענס, ווערען אויך די פּאָגראָמען גאַנץ פיין ווייטער געמאַכט: אין די ערשטע טעג סוכּות האָט מען זיך גענומען צו יודישע וואוינונגען און צו סוכּות; אין לעצטען פרייטאָג אָוונד האָבען די עכטע רוסען אָנגעהויבען מיט אַ שיסעריי אויף מאָלדאַוואַנקאַ און האָבען פערוואונדעט 4 יודען, דערנאָך האָבען זיי אָנגעהויבען דורכשפּאַצירען די גאַנצע שטאָדט שיסענדיג און שלאָגענדיג. 2 יודען זענען געווארען גע׳הרג׳עט מיט מעסערס. די הויפּט-שלעגערייען און הויפּט-הריגות זענען פאָרגעקומען אויף מיעשטשאַנסקאַיאַ, פּרעאָבראַזשענסקאַיאַ און פושקינסקאַיאַ. די פּאָליציי האָט „גאָרנישט געקאָנט" טהון. און דער נייער שטאָדט-הויפּטמאַן נאָוויצקי האָט מסתם געשריבען אין דער אייגענער צייט זיין בעריכט פאַר דעם אָפיציעלען רעגירונגס-בלאַט אין פּעטערבורג, אַז יודען שיסען און שיסען.

בין-כך-וכך האָט מען זיך גענומען צו די וואַהלען פאַר דער דריטער דומא. די אַפּאַטיע האָט אויפגעהערט, עס ריהרט זיך אַביסעל, עס הויבט ווידער אָן אַביסעל צו לעבען. נאַטירליך, די געמיטער זענען געדריקט אויך איצט אַזוי ווי פריהער, עס פיהלט זיך ווי עפּעס אַ שווערקייט אין דער לופט, אַ נישט-פרייקייט; אָבער אין האַרצען איז פאָרט ווי עפּעס אַ שימער פון אַ שטיקעל האָפנונג. דערצו קומט נאָך די סאַטיספאַקציע וואָס מען האָט, אַז טראָץ אַלע רעפּרעסיעס און טראָץ אַלע מיטלען און עצות פון דער רעגירונג און טראָץ אַלע בעשרענקונגען, וואָס זי האָט געמאַכט, זיעגען אומעטום די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. די רעגירונג הויבט שוין אָן מיט אַ שטאַרקען זיפץ זיך צו רעכענען דערמיט, אַז די דריטע דומא וועט זיין אַ קאַדעטישע. שוואַרצע אַליין וועלען שוין יעדענפאַלס נישט זיין אין דער דומא. נאַטירליך, צו דער דאָזיגער שמחה פון אַ גרויסען טייל פון׳ם פאָלק מישט זיך צו באַלד די זאָרג. דען אוי לי מיצרי, אוי לי מיוצרי: ווען די דומא וועט זיין אַ שוואַרצע, איז שלעכט; ווען אָבער זי וועט זיין אַנ׳אָפּאָזיציאָנעלע, איז שוין ווידער שלעכט, דען מען וועט זי באַלד צעטרייבען. פאָרלויפיג געהט אָבער אַלעס גאַנץ פּראַכטפול: זאָגאַר אַזעלכע מענשען

ווי דער געוועזענער בילדונגס־מיניסטער גראַף איוואַן טאָלסטאָי און דער געוועזענער גענעראַל־גובערנאַטאָר סובאָטיטש שטעלען אַרויס זייערע קאַנדידאַטורען אַלס דומא־דעפּוטאַטען און ווילען געהן אויף לינקס. דאָס דאָזיגע האָט אָנגעמאַכט אַ געוואַלדיגען שרעק אין דעם לאַגער פון די ביוראָקראַטען, ד. ה. פון די שוואַרצע. אויף די דאָזיגע צוויי מענשען וועט מען שוין נישט קאָנען זאָגען, אַז זיי זענען אונוויסענדע, רעוואָלוציאָנערע, יודישע יונגעלייטלעך. טאָלסטאָי איז אַ בעקאַנטער געלעהרטער און האָט טריי געדיענט דער רעגירונג צעהנדליגער יאָהרען, און סובאָטיטש איז דער געוועזענער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון דעם גאַנצען אַמור־ראַיאָן און איז איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטען אין קריעגס־זאַכען. פאַר די צוויי האָבען איצט די שוואַרצע טאַקי מורא. דער גראַף איוואַן טאָלסטאָי האָט אָבגעגעבען אַנ׳ערקלערונג מיט די פאָלגענדע ווערטער: „וואָס פאַרא רעפאָרמען עס זאָלען נישט געמאַכט ווערען, וועלען זיי האָבען אַ גאָר קליינעם ווערט, אַזוי לאַנג ווי די דומא וועט נישט דערגרייכען דאָס ציעל פון גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע פעלקער אין רוסלאַנד. איך זאָג אָפען, אַז איך רעכען פאַר אַ פעהלער די טאַקטיק פון דער קאַדעטען־פאַרטיי אין דיביידע דומאס, ווייל זיי האָבען צו ווייניג און מיט נישט גענוג ענערגיע געאַרבייט פאַר דעם דאָזיגען צוועק, אָבוואויל די אַלער־ערשטע אויפגאַבע פון אַ דומא, וועלכע מען האָט נישט געטאָרט אָבלעגען, איז געוועזען, אַרויסצושטעלען מיט דעם גאַנצען מוט און דער גאַנצער קראַפט די פראַגע וועגען יודען, פוילען א. ז. וו. דאָס מוז מען טהון איצט. מען מוז קודם־כל פעסט אַנידערשטעלען דעם מאָראַלישען פּרינציפּ פון רעליגיאָנס־פרייהייט אין איהר גאַנצער גרויסקייט. די דאָזיגע פערצוימונג פון רעכטלאָזיגקייט פאַר אַ טייל בירגער ווירקט שטערענד ביי יעדען פונקט. צו וואָס פאַר אַ רעפאָרם מיר זאָלען זיך נישט נעהמען. עס איז צייט דערמיט צו מאַכען אַנ׳עק״. און דער צווייטער, סובאָטיטש, איז דער יעניגער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען זיין אפיקורסות דענסמאָל, ווען ער איז געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר אין טורקעסטאַן. דען נאָכ׳ן 17־טען אָקטאָבער, ווען אומעטום זענען איינגעפיהרט געוואָרען רעפּרעסיעס, האָט ער די רעפּרעסיעס אין זיין אָרט בשום אופן נישט געוואָלט איינפיהרען און האָט זאָגאַר די „פערשטאַרקטע אויפזיכט״

נישט איינגעפיהרט. נאַטירליך זענען געגאַנגען אויף איהם מסירות קיין פעטערבורג, ביז סוף־כל־סוף ער איז אַראָב פון זיין שטעל אפילו אָהן פענסיע. די דאָזיגעביידע קאַנדידאַטען האָבען בדעה, ווען זיי וועלען געוועהלט ווערען, אַרויסצוטרעטען אין דער דומא מיט „סודות״ · עס איז קיין וואונדער נישט, אַז רוסישע לייט שרעקען זיך.

ווי מיר זעהען, איז די נבואה יעדענפאַלס נישט געווען קיין פאַלשע, אַז די דריטע דומא וועט געהערען דער אָפּאָזיציע!

דרייאונזעבציגסטער בריעף

איהר קענט דאָס אַלטע ליעדעל, וואָס דאָס פאָלק זינגט ביי אונז? — „תשעה-באב די חתונה איז קיינער נישט געקומען״. עפּעס האָבען מיר אַ דומא, עפּעס זענען עס וואַהלען, עפּעס איז עס אַ מין טרויעריגע, תשעה-באב׳דיגע חתונה — און קיינער קומט נישט. פון נאָהנט און ווייט זענען שוין פאַרהאַן נאַכריכטען וועגען דעם גאַנג פון דער וואַהל-קאַמפּאַניע אין גאַנצען לאַנד, און דאָס בילד, וואָס מיר קריגען דורך די דאָזיגע נאַכריכטען, איז אַ זעהר טרויעריגס: דאָס פאָלק, ווי עס ווייזט זיך אויס איז כמעט אינגאַנצען אינדיפערענט. די צאָהל פון די, וועלכע זאָגען זיך אָב גענצליך אָבצוגעבען זייער שטימע, איז אַ שרעקליך גרויסע; אין פּעטערבורגער גובערניע אַליין איז די דאָזיגע צאָהל געשטיגען ביז 96 פּראָצענט. פון 100 אַלזאָ, וועלכע האָבען דאָס רעכט צו וועהלען, זענען געקומען צו די וואַהלען נאָר 4! און נון הויבט מען אָן צו זוכען דעם טעם פאַר דעם דאָזיגען אינדיפערענטיזם; נאַטירליך זוכט נישט די רעגירונג, נאָר די ליבעראַלע פּרעסע. דאָס פאָלק — זאָגט דער „טאָוואַרישטש״ — האָט זיך ענדליך אַרומגעקוקט און האָט געזעהן, אַז מען נאַרט עס; עס האָט געזעהן, אַז מען האָט קאָמעדיע געשפּיעלט מיט איהם אין די ערשטע צוויי דומאס, און איצט גלויבט עס נישט מעהר און וויל נישט מעהר געבען זיין האַנד צו אַ נארישער קאָמעדיע, צו אַ דריטער דומא, וועלכע וועט איהם סיי-ווי-סיי גאָרנישט געבען אָדער וועלכע וועט אין בעסטען פאַל נאָך עטליכע מאָל 24 שעה פונאַנדערגעיאָגט ווערען. דאָס פאָלק—ערקלערט דער „ריעטש״—איז דורך די נייע וואַהל-געזעצען מיסטרויאיש געוואָרען און איז בשום אופן נישט אַוועקצוברענגען פון דער אַנזיכט, אַז די דריטע דומא מוז דורכאויס ווערען אַ רעאַקציאָנערע, און דעריבער וויל עס בעסער גאָרנישט האָבען קיין עסקים מיט איהר.

אמנאָהנטסטען צום אמת זענען אָבער די מאָסקווער „רוסקיא וויע־דאָמאָסטי”. זיי שרייבען: די רעגירונג אַליין וויל נישט, אַז דאָס פאָלק זאָל קומען און וועהלען. זי האָט אַלעס מעגליכע געטהון, אום דאָס פאָלק פון די וואַהלען אָבצוהאַלטען; זי האָט מיט אַבזיכט אַזאַ פער־דרעהט און פערוויקעלט וואַהל־סיסטעם געשאַפען, אין וועלכען אַ פּראָסטער רוסישער מענש מיט זיין פּראָסטען מוח און זיין נידעריגער אינטעליגענץ זאָל נישט וויסען וואו אַריין וואו אַרויס, אַזוי אַז דער קאָפּ זאָל זיך איהם דרעהען און ער זאָל זיך גענצליך אָבזאָגען פון דער גאַנצער מאַכעריי. דערצו קומט נאָך, אַז דער פּרעסע אין דער פּראָווינץ האָט מען אָנ־געטהון אַ מויל־קאָרב און מען לאָזט זי נישט רעדען קיין וואָרט, אַזוי אַז זי קאָן קיין שום בעלעהרונג און קיין שום עצה דעם איינפאַכען פאָלק נישט געבען. אַזוי אויך זענען שטרענג פערבאָטען געוואָרען אַלע פאַר־פערזאַמלונגען און יעדער מין פון וואַהל־אַגיטאַציע איז דאַדורך אינגאַנצען אונמעגליך געמאַכט געוואָרען. און ווירקליך, קוקט מען זיך אַביסעל צו, זעהט מען קלאָר ווי אַזוי די רעגירונג אַרבייט אָב דאָס דאָזיגע שטיקעל. זי מאַכט, למשל, די טערמינען פון די וואַהלען אַזוי, אַז זיי בלייבען אַ סוד פאַר'ן גרעסטען טייל פון דער בעפעלקערונג. על־פּי־רוב איז זי מודיע פון די טערמינען צו די וואַהלען נאָר אין דער אָפיציעלער גובערניאַלער צייטונג, וועלכע קיין מענש לייענט נישט, אַזוי אַז מיר האָבען אַ גאַנצע מאַסע פון ביישפּיעלען, וואו די בע־פעלקערונג האָט זיך דערוואוסט שוין פון די רעזולטאַטען פון די וואַהלען ערשט דורך די פּעטערבורגער בלעטער, נאָכדעם ווי די וואַה־לען זענען שוין לענגסט געווען געשעהען. אַזוי אַרבייט אַ קלוגע רע־גירונג, אַ רעגירונג, וועלכע קאָן זיך בשום אופן נישט בעגעהן אָן אַ קאָנסטיטוציע!

און פּאָרט העלפען איהר די דאָזיגע אַלע קונצען און אויבער־המצאות ווי אַ טויטען באַנקעס. זיי העלפען איהר ווי עס האָט גע־האָלפען דער קריעגס־צושטאַנד און דער בעלאַגערונגס־צושטאַנד און די פערשאַרפטע צענזור און דער חילול־שבועה ביי דעם איבערמאַכען פון די קאָנסטיטוציע־גרונדגעזעצען. די דומא איז און בלייבט אַנ'אָפּאָ־זיציאָנעלע. דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע וועלען אַריין אין די דריטע דומא, אַזוי ווייט ווי דאָס לאָזט זיך שוין איבערבליקען, געהער

צו די לינקע פּאַרטייען: קאַדעטען און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערען. די רעגירונג רופט זיי דערווייל נאָך „אונפּאַרטייאישע”, אָבער די דאָזיגע חכמה קענען מיר שוין. עס איז אַ פּנים נישט זעהר לייכט, דאָס ראָד פון דער געשיכטע צוריקצודרעהען; נאָך שווערער נאַטירליך איז, אַז מען זאָל אַ רעגירונג קאָנען איבערצייגען פון דעם דאָזיגען אייביגען וועלט-אמת. אַלעמאָל געפינט זיך עפּעס אַ נייער יאָלד, וועלכער כאַפּט זיך צו דער דאָזיגער מלאכה פון צוריקדרעהען און רעדט זיך איין, אַז ער וועט דאָס קאָנען; דאָסמאָל שטעהט ביי דער מאַשין דער העלד סטאָליפּין. די אונצופרידענהייט אין פּאָלק וואַקסט פון טאָג צו טאָג; די פּויערים ברענען כסדר דערפער און מאַכען חרוב גאַנצע געגענדען, דאָס מיליטער און בעזונדערס דער פלאָט בונטעוועט זיך, די אָנפּאַלען מעהרען זיך אין יעדען אָרט, דאָס לאַנד וויל און וועט האָבען זיינע רעפאָרמען — און סטאָליפּין שטעהט דערווייל ביים ראָד און דרעהט צוריק. אָרימער סטאָליפּין!

איבריגענס, מאַכט סטאָליפּין זיין אַלט קונצשטיקעל און וואַרמט דעם עולם פון צייט צו צייט אַ לעקעכעל. דאָסמאָל איז אַ לעקעכעל, געפילט מיט דעם פּלאַן צוצולאָזען יודען וואוינען פריי אין גאַנץ רוסלאַנד. דערווייל נאַטירליך איז עס בלויז אַ פּלאַן, אַ צירקולאַר. צו וואָס ער בעדאַרף דעם דאָזיגען פּלאַן און צו וועלכען צוועק ער מוז דאָס האָבען גראָד איצט צו דער מלאכה, ווייסט מען זעלבסטפערשטענדליך נישט. גענוג אָבער איז, אַז דער פעראיין פון די עכט-רוסען האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט איצט אַ שטיקעל געטהועכץ. ער האָט קודם-כל געמאַכט אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיגען צירקוליאַר און האָט איהם פונאַנדערגעשיקט צו אַלע זיינע פיליאַלען. דאַן האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אָנגעהויבען צו פייערען מיט בראַנד-אַרטיקלען און האָט אָנגעהויבען צו בעווייזען אַלע זיינע מיטגלידער, וואָס פאַר אַ שרעקליכע סכנה עס וואַרט דאָ אויפ'ן גאַנצען רוסישען פאָלק. צום סוף איז דער בעשלוס געפאַסט געוואָרען, אָנצוהויבען אַ נייע סדרה מיט טעלעגראַמען צום צאַר; אַלע פיליאַלען און אַלע פּריוואַטע-מיטגלידער האָבען די פליכט, טאָג-טעגליך און גאַנצע וואָכען לאַנג אָבצושיקען טעלעגראַמען צום צאַר און איהם צו בעטען, אַז ער זאָל למען-השם מבטל זיין דעם צירקוליאַר פונ'ם אי-

בערן-מיני׳סטער וועגען דעם פרייען וואוינרעכט פון יודען אין גאַנץ רוסלאַנד און זאָל בעפעהלען, מען זאָל דעם יודישען „תחום-המושב״ פעסטער מאַכען לוים דעם אַלטען געזעץ, אַזוי אַז אַלע יודען, וועלכע האָבען זיך, ווי עס איז אַריבערגעכאַפּט איבער דעם תחום, זאָלען גע- צוואונגען ווערען ווידער צוריק אַריין אין די בודע. — איז אפשר דער גאַנצער פּלאַן פון סטאָליפּין בעשאַפען געוואָרען נאָר אום דעם דאָזיגען פּראָטעסט אַרויסצורופען ? אַנ׳אומגליקליכער מענש, דער דאָזיגער סטאָליפּין, ער וויל זיין ליבעראַל, ווייל דאָס איז שוין אַזוי זיין טבע, נאָר מען לאָזט נישט !

גלייכער טויזענדמאָל פון דער דאָזיגער לעכערליכער שפּיעלעריי מיט דעם אַלערהייליגסטען פּערמעגען פון דער מענשהייט, מיט דער פרייער לופט פאַר אַ קלאַס מענשען, ווי עס טרייבט אַ סטאָליפּין, איז שוין די אָפענע שנאה אָהן אַ שום מענטעלע, ווי מיר געפינען זי אין דעם אַנדערען לאַגער. פון פּעטערבורג קומט מיר אָן די נאַכריכט, אַז אין קייזערליכען הויף ווערט געשאַפען אַ נייע שטעל : די שטעל פון אַ געהילף פון פּאַלאַץ-קאָמענדאַנט פאַר ציוויל-זאַכען. פאַר דעם דאָ- זיגען וויכטיגען פּאָסטען ווערט אויסגעקליבען ראַטשקאָווסקי. איהר גע- דענקט אפשר, ווער ראַטשקאָווסקי איז ? אונזער איינער, זעהט איהר, וועט דעם נאָמען נישט אַזוי לייכט פערגעסען. געווען איז ער אַמאָל טשי- נאָווניק אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און אויב איהר ווייסט, האָט מען אַמאָל אין אַ דומא-זיצונג אויפגעדעקט סודות וועגען אַ געהיימער פּאָגראָם- אָרגאַניזאַציע אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען פון דעם דאָזיגען ראַטשקאָווסקי, דען ער האָט געהאַט דאָרט אין אַ געהיים-חדר איינגעריכטעט אַ געהיימע דרוקעריי, אין וועלכער עס זענען געדרוקט געוואָרען פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופען צום פאָלק אום צו מאַכען פּאָגראָמען. נאָך דעם סקאַנדאַל אין דער דומא, וועלכען עס האָבען געמאַכט וועגען דעם מאַקאַראָוו און לאָפּוכין, האָט ראַטשקאָווסקי געמוזט פערשוואונדען ווערען. איצט, ווי עס ווייזט זיך, איז זיין צייט ווידער געקומען. ער וועט איצט פערנעהמען איינע פון די וויכטיגסטע שטעלען, דען ער קריגט די פולמאַכט צו קאָנען פער- לאַנגען פאַר זיך צו יעדער צייט אַלע אַקטען פון דעם פּאָליציי-דע- פּאַרטאַמענט. אויף אַזאַ אופן ווערט בעשאַפען אַ נייער מין פּאָליציי-

דעפּאַרטאַמענט אין דעם הויף אַליין אין דער נאָהנטסטער שכנות פון זיין מאַיעסטעט דעם צאַר. דאָס איז, וועניגסטענס, אָפען און עהרליך. דאָ שפּיעלט מען נישט מיט ליבעראַליזם, דאָ זאָגט מען אָפען אַרויס וואָס ווען וויל. מען וויל אַ פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און מען וויל פּאָגראָמען. עס איז אַלזאָ גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס עס ווידערהאָלט זיך אין דער לעצטער צייט כמעט טאָג־טעגליך די אינטערעסאַנטע ערשיינונג, דאָס יעדער פעראורטיילטער פּאָגראָם־מאַכער ווערט אַלערהעכסט בעגנעדיגט. די ווידערהאָלונג פון דער דאָזיגער ערשיינונג איז געוואָרען זינט עטליכע וואָכען אַזוי רעגעלמעסיג און אַלטעגליך, אַז עס האָט אַ פּנים, ווי מען וואָלט דאָס וועלען ווייזען מיט אַ כיוון. עס קאָן גאָרנישט שאַדען, מען זאָל דאָס אומעטום וויסען און מען זאָל נישט זיין אַמאָל אין טעות.

איז אַ וואונדער, וואָס אונטער אַזעלכע אומשטאַנדען איז אַריין אין די עכט־רוסישע פעראיינס־מיטגלידער אַ מין נאַרישע, געפעהרליכע גאוה, גאָרנישט מעהר צו דערטראָגען, און זיי ווילען נישט וויסען מעהר פון קיין שום שוטר ומושל און זיי ווילען זיך נישט פיהלען געבונדען פון קיין שום געזעץ, אַזוי ווי דער קאָדעקס און אַלע געזעלשאַפטליכע תקנות אין לאַנד וואָלטען גאָרנישט עקזיסטירען פאַר אַזעלכע אויסנאַהמס־מענשען ווי זיי? — אַנ'אינטערעסאַנט שטיקעל פון אַזאַ עכט־רוסישען לייען איך גראָד אין דעם לעצטען נומער „רוס", און ווייל עס איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, וויל איך עס ווייטער דערצעהלען: יעלענאָוו, דער פאָרזיצענדער פון דער צאַרסקאָ־סעלסקער אָבטיילונג פונ'ם עכט־רוסישען פעראיין, פאָהרט אין אַ אייזענבאַהן־וואַגאָן צווישען צאַרסקאָ־יע־סעלאָ און פעטערבורג. דער קאָנדוקטאָר פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל איהם ווייזען זיין בילעט; יעלענאָוו ווערט אין כעס און זאָגט, איך האָב נישט קיין בילעט, ווייסט איהר דען נישט, אַז איך בין יעלענאָוו, דער פאָרזיצענדער פון דער צאַרסקאָ־סעלסקער עכט־רוסישער פעראיינס־אָבטיילונג?" דער קאָנדוקטאָר פערלאַנגט ווייטער דעם בילעט, און יעלענאָוו הויבט אָן צו שרייען און צו פאַטשען איהם און ער איז איהם מודיע, אַז דאָס פאָלק וועט זיך באַלד נוקם זיין פאַר זייענעטוועגען. דאַן הויבט ער אָן צו ציהען דעם נויט־סיגנאַל, און דער

צוג שטעלט זיך אָב. ערשט דאָ דערוויסט זיך דאָס פּובליקום, וואָס עס טהוט זיך, און איז איהם מקיים פּסק און וואַרפט איהם אַרויס פון וואַגאָן. די מעשה איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש אי פאַר׳ן עכט-רוסי-שען, אי פאַר׳ן פאָלק!

פּיעראונזעכציגסטער בריעף

איך לייען היינט צוויי טעלעגראַמען פון אָדעס,ביידע אָבגע־
שיקט אין איין און דעמזעלביגען טאָג, ביידע צו איין און דערזעלבי־
גער צייטונג, צום „ריעטש”, און נאָר פון צוויי פערשידענע קוועלען
זענען זיי: איינע פון דער אָפיציעלער פּעטערבורגער טעלעגראַפען־
אַגענטור, און איינע אַ פּריוואַט־טעלעגראַמע. אין דער אָפיציעלער
שטעהט ווערטליך: „היינט זענען אין דער שטאָדט פאָרגעקומען איינ־
צעלנע אָנפאַלען אויף פאַרבייגעהענדיגע מענשען, אין אַלגעמיין אָבער
איז די רוהה נ י ש ט געשטערט געוואָרען”. אין דער צווייטער אָבער
לייענען מיר: „די שוואַרצע באַנדעס פון די עכט־רוסישע פעראיינס־
מיטגלידער צוזאַמען מיט פיעל יונגלעך האָבען זיך צונויפגענומען
מיטאָג־צייט אין די הויפּט־גאַסען און האָבען מיט שטעקענס און מע־
סערס אָנגעמאַכט גרויסע הריגות צווישען די פאַרבייגעהענדיגע יודען
און האָבען אומעטום אויסגעהאַקט די שויבען. דאַן האָבען זיי זיך
אַריינגעכאַפּט אין די וואוינונגען, האָבען אַלדינג צעבראָכען און רואי־
נירט און די יודישע געשעפטען האָבען זיי אויסגעראַבעוועט, שלאָגענ־
דיג דערביי און בלוט־פערגיסענדיג. נאָכמיטאָג האָבען זיי זיך
אַריינגעכאַפּט אין די יודישע גאַסען און האָבען דאָרט אָנגעמאַכט אַ
בלוט־באָד. די יודען אין זייער טויט־שרעק האָבען פערהאַקט אַלע
קראָמען און געשעפטען און האָבען זיך בעהאַלטען אין די קעלערס
און אויף די בוידעמס. אויף טראָאיצקי־גאַס זענען די מערדערס בע־
פאַלען אַ רעסטאָראַן, וואו עס עסט די אָרימע קלאַס פון יודען, און
האָבען די 20 יודען, וועלכע זיי האָבען דאָרט געטראָפען, צונויפגע־
יאָגט אין אַ ווינקעל פונ׳ם הויז און האָבען אָנגעהויבען צו זיי צו
שיסען. פיעל זענען געפאַלען, פיעל זענען פערוואונדעט. פּאָליציי האָט
זיך געוויזען, ווי אַלעמאָל, לאחר המעשה. אויף פּרעאָבראַזשענסקאָ האָ־

בען 300 ווילדע געראַבעוועט די מאַגאַזינען, די בופעטען, די קאָנדי־טאָרייען, האָבען געראַבעוועט און צוגענומען די פערשידענסטע סחורות, האָבען גאַנצע בוכהאַנדלונגען אין פיצלעך פּאַפּיר צעריסען און האָבען מענשען געשלאָגען מערדעריש. מיט דעם געשריי „הורא״ איז אַ באַנדע אַריין אין אַ וואַגאָן פון אַ טראַמוויי און האָבען איהם דאָן מיט אַלע פּאַסאַזשירען, יודען, איבערגעקעהרט. דאָס יודישע פּריוואַט־גימ־נאַזיום האָבען זיי חרוב געמאַכט. אין אָוועגד האָבען זיי אויף מאָל־דאַוואַנקא אויסגעשלאָגען די שויבען פון דעם יודישען שפּיטאָל. שווער פערוואונדעטע זענען פאַרהאַן אַנ׳ ערך 80, און לייכט פערוואונדעטע נאַטירליך פיעל מעהר, חוץ טויטע. אויף מאָרגען ריכט מען זיך אויף דער ווייטערער פאָרטזעצונג פונ׳ם פּאָגראָם״. — און וועהרענד די צו־שטאַנדען אין אָדעס זענען אַזעלכע, ווי זיי זענען געשילדערט גע־וואָרען, האָט די רעגירונגס־אַגענטור דעם טרויעריגען מוט אַרויסצו־לאָזען אין די וועלט דעם קלאַנג, אַז די רוהה איז נישט געשטערט געוואָרען! מען ווייסט נישט וועגען וואָס מען דאַרף זיך פריהער די האָר פון קאָפּ רייסען, וועגען דעם פּאָגראָם אָדער וועגען דער גרע־ניצלאָזער נידערטרעכטיגקייט פון דער רעגירונג, ווי זי שטעלט פאַר אַ וועלט דעם פּאָגראָם. די רוהה, זאָגט זי, איז נישט געשטערט געוואָרען. איך גלויב איהר, איך גלויב איהר! די רוהה פון די דאָזיגע הערען, וועלכע שטעהען אָן דער שפּיץ פון דער רעגירונג, איז אַוודאי ובוודאי נישט געשטערט געוואָרען. און אויך די רוהה פון איי־ראָפּאַ און פון דער גאַנצער וועלט ווערט דורך אַזאַ קליינינקייט נישט געשטערט, און אויך דער אָפּעטיט ווערט נישט געשטערט. טאָג־טעגליך קומען פאַר פּאָגראָמען אין אָדעס, זינט אונ־צעהליגע וואָכען גיסט זיך דאָס יודישע בלוט אין דער דאָזיגער אומגליקליכער שטאָדט, און די וועלט לייענט שוין אַפילו אויך נישט. עס איז שוין אַנ׳אָבגעשמאַקטע זאַך. געוואָרען. יעדען טאָג מאַרצעפּאַ־נעס, יעדען טאָג אָדעסער פּאָגראָמען; עס עסט זיך מיט דער צייט צו. איך אַליין בין שוין נישט דרייסט, צו קומען צו מיינע לעזער יעדעס מאָל מיט דעם דאָזיגען אָדעס. עס איז דאָך נאָר וועגען עטליכע טויזענד יודען. ווער מאַכט זיך היינט פון אַזאַ קליינינקייט?

פאָרט איז דאָך יודען אין רוסלאַנד קיין עין־הרע אַזוי וואויל

און אַזוי גוט! דער פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין בעטראַכט אַ טאָג, אין וועלכען ער האָט נישט געטהון אַ חסד מיט יודען, פאַר אַ פערלאָרענעם טאָג. אָט האָט ער אַרויסגעשיקט דעם צירקוליאַר, פון וועלכען איך האָב אייך שוין געשריבען אין מיין פאָריגען בריעף, און אין וועלכען ער איז מודיע, אַז די רעגירונג נעהמט זיך איצט דערצו, צו געבען יודען גלייכבערעכטיגונג, אַזוי אַז זיי זאָלען מעגען וואוינען אומעטום אין רוסלאַנד, וואו זיי קאָנען ברענגען נוצען זיך און אַנדערע, און זיי זאָלען מעגען לערנען אַלדינג וואָס און וואו זיי ווילען, און זאָלען מעגען טהון אַלדינג, וואָס קאָן נוצען זיי און אַנדערע. ובכן: לויטער ישועות טובות ונחמות. נאַטירליך, אַזאַ אַלטער סקעפּטיקער ווי איך איז עפּעס אַ שטיקעל אינו-מאמין און הויבט אָן צו זוכען, וואָס טהוט זיך דאָ פּלוצלינג. איך זוך און איך געפין. איך געפין, אַז דער פינאַנץ-מיניסטער קאָקאָווצעוו איז גראָד איצט אין פּאַריז און האָט דאָרט עפּעס צו טהון. וואָס דאָס „עפּעס" איז, בין איך מיך משער. אמת, אין די אינטערוויוען, וואָס קאָקאָווצעוו האָט אין פּאַריז מיט די פערשידענע זשורנאַליסטען, שרייט ער אין אייך געוואַלד, אַז ער איז דאָרט באַר צופעליג און מען זאָל איהם למען-השם אין קיין שום זאַך נישט חושד זיין. נאָך מעהר: אין דעם „פיגאַראָ" לייען איך אויסדריקליך, אַז קאָקאָווצעוו האָט געבעטען, מען זאָל מודיע זיין, דאָס דער הויפּטצוועק פון זיין קומען נאָך פּאַריז איז, אום זיך צו בעשטעלען ביי זיין שניידער עטליכע נייע מלבושים. איך בין אָבער אַ שטיקעל מבין אויף מלבושים, צוליעב וועלכע אַ רוסישער פינאַנץ-מיניסטער פאָהרט עקסטרא פון פּעטערבורג קיין פּאַריז און זעצט זיך אַוועק אויף זיי דאָרט וואַרטען, איך בין אויך אַ מבין אויף דער רוסישער חכמה פון אַזאַ רוסישען אויסרייד. איך הויב אָן צו זוכען ווייטער און געפין, אַז דער רוסישער פינאַנץ-מיניסטער האַלט ביים אָבשליסען אַ הלואה אין פּאַריז. פּאָרלויפיג האַלט ער ביי נעהמען הונדערט מיליאָן רובעל אין קורץטערמיניגע פּאַפּירען, און אם-ירצה-השם אויפ'ן פריהלינג בעשטעלט ער זיך די קלייניגקייט פון 1300 אָדער גאַר 1500 מיליאָן. פּלוצלינג געהען מיר אויף די אויגען, און איך הויב אָן צו פערשטעהן אַנ'עסק. איך הויב אָן צו פערשטעהן, אַז מסתמא האָבען עטליכע באַנקירען שוין ווידער עפּעס אַ בעדינגונג געשטעלט וועגען ליבעראַליזם און וועגען

יודען־גלייכבערעכטיגונג, ווי דער שטייגער איז פון תמיד אָן, און אַט דאָס איז דער טעם, ווי דער שטייגער איז פון תמיד אָן, וואָס סטאָ־ליפין האָט פלוצלינג אַזוי ליעב געקריגען יודען און האָט מודיע גע־ווען אין אַ צירקוליאַר, אַז די רעגירונג וויל געבען יודען־רעכט. וואָס פאַר אַ ווערט די דאָזיגע רעכט קאָנען האָבען, פערשטעהט מען שוין פון זיך אַליין.

איבריגענס, ווי עהרליך סטאָליפין מיינט עס מיט יודען און מיט זייערע רעכט, קאָנען מיר זעהען גאַנץ גענוי אין אַן־אַנדער אָרט. דער אייגענער סטאָליפין, וואָס איז זיך דאָ מוסר נפש פאַר׳ן טובת הכלל פון יודען, האָט כמעט אין דער אייגענער צייט, ווען ער האָט געשרי־בען דעם אויבענדערמאָהנטען צירקוליאַר, אָבגעטהון גאָר אַן־אַנדער שטיקעל. די פּראָפעסאָרען פון דעם קיעווער פּאָליטעכנישען אינסטיטוט האָבען געהאַט מודיע געווען, אַז תלמידים ווערען אָנגענומען אינגאַנ־צען אָהן שום פּראָצענט־בעשרענקונגען פאַר יודענס ווענען: און באמת האָבען זיך געהאַט איינגעשריבען, צום אָנהויב פון סעמעסטער צווישען 400 תלמידים העכער 150 יודען. נאַטירליך האָבען די קיעווער עכטע רוסען נישט געקאָנט דאָס פערטראָגען. דער פּרעזידענט פון דעם דאָר־טיגען פעראיין, דער בעוואוסטער באָריס יוזעפאָוויטש, אַ ספּעציאַליסט אויף מסירות שרייבען, האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריעף די פאָריגע וואָך צום מיניסטער־פּרעזידענט און האָט איהם מודיע געווען פון דעם אומגליק, וואָס וואַרט נעבעך אויף גאַנץ רוסלאַנד. די מסירה האָט גע־טהון דאָס איהריגע. פון מיניסטער־פּרעזידענט איז באַלד אָנגעקומען אַן־אָנפראַגע צום קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגען אַן־ערקלערונג, אויף וואָס פאַר אַ געזעצליכען גרונד האָט דער קיעווער אינסטיטוט אָבגעשאַפט די פּראָצענט־בעשטימונג, און בעפויהלען האָט דער העדר פּרעמיער־מיניסטער אין איין וועגס, אַז מען זאָל מבטל מאַכען די גאַנצע אינסקריפּציע פון דעם איצטיגען סעמעסטער אינ׳ם אינסטיטוט און מען זאָל מאַכען אַ נייע אינסקריפּציע, ביי וועלכער יודען זאָלען נישט אָנגענומען ווערען איבער זייער פּראָצענט־נאָרמע. אַז מען זאָגט אַ ליבעראַלער פּרעמיער־מיניסטער, זאָל מען גלויבען! אַז אַ ליבע־ראַלער פּרעמיער־מיניסטער שרייבט אַ ליבעראַלען צירקוליאַר וועגען יודען, זאָל מען גלויבען! איך בין נאָר נייגעריג, וואָס וואָלט

זיין, ווען עס וואָלט זיין אַרויסגעקומען אַ פערוועקסלונג אין די אַדרעסען, און דער בעפעהל וועגען דער פּראָצענט-נאָרמע וואָלט זיין אָנגעקומען צו די פּאַריזער באַנקירען, וואו מען מוז זיין ליבעראַל, און דער צירקוליאַר וועגען יודען-רעכט וואָלט זיין אָנגעקומען צום קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר. רבונו־של־עולם, ווי מוז אַ מענש און אַפילו אַ מיניסטער זיין פּאָרזיכטיג ביים אַדרעסען-שרייבען!

צום סוף נאָך אַ מעשה'לע: אין קרייז-געריכט אין קאַלוגא איז פּאָרגעקומען די היינטיגע וואָך אַנ'אינטערעסאַנטער פּראָצעס. עטליכע יונגע מענשען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ רויב-אָנפאַל אויף אַ דאָרט-בעוואוסטען מאַגאַזין, זענען פּערהערט געוואָרען. עס האָט זיך אַרויס-געוויזען, אַז דער הויפּט-שולדיגער, אַ געוויסער בראָנצעוו, איז אַ שפּיאָן ביי דער דאָרטיגער געהיים-פּאָליציי. דער דאָזיגער שפּיאָן האָט לפּי תומו אויסגעפּלוידערט דעם גאַנצען סוד, אַז דער פּריסטאַוו דאַני-שעווסקי האָט איהם און זיין גאַנצע חברה געשיקט אום צו מאַכען דעם אָנפאַל, און איצט ווייסט ער, בראָנצעוו, נישט וואָס מען וויל פון איהם און פאַרוואָס ער זאָל בעשטראָפט ווערען. דער פּראָקוראָר איז אַביסעל געבליבען ערשטוינט. ביים נעהמען נאָכפאָרשען האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דער פּריסטאַוו האָט דאָס געטהון, ווייל דער טערמין פון דעם בעלאַגערונגס-צושטאַנד אין קאַלוגא האָט געהאַלטען ביים ענדיגען זיך, און דאָס האָט די קאַלוגער ביוראָקראַטיע דורכאויס געוואָלט ווייזען, אַז עס איז נאָך „אונרוהיג" און „רעוואָלוציאָניסטיש" און האָט צוליעב דעם געמוזט לאָזען מאַכען אַנ'אָנפאַל, כדי מען זאָל קאָנען דעם בעלאַגערונגס-צושטאַנד פערלענגערען. נישט אמת, אַזאַ מעשה'-לע לאָזט אַריינקוקען טיעף אין די אמת'ע פערהעלטנישען אין רוסלאַנד?

פינפאונזעכציגסטער בריעף

אין רוסישען איז פאַרהאַן אַ וואָרט „ורעמענגאָ", דאָס איז טייטש: אויף דערוויל, פּאָרלױפיג, צייטווײליג — און הערט מען אַמאָל, אַז די רוסישע רעגירונג האָט עפּעס געטהון אָדער האָט עפּעס מתקן געווען אַ תקנה אויף דערוויל, „ורעמענגאָ" הייסט עס, קאָן איינעם שוין קאַלט און וואַרעם ווערען אין רוקען. מען ווייסט שוין ביי אונז, וואָס דאָס בעדייט. עס איז עפּעס ביי אונזער רעגירונג ווי ביי גאָט להבדיל; טויזענד יאָהר זענען אַ טאָג און אַ דערוויל קאָן אַמאָל דויערען אַ הונדערט יאָהר. דאָס איז שוין אַזוי דער דרך פון דער „ברייטער נאַטור". אַלעס גרויס, אַלעס ברייט, אַלעס אונענדליך. אַ שפּיי ווערט באַלד אַ גאַנצער ים, צו אַ פּאַפּיראָס נעהמט מען נישט קיין צינד־העלצעל, נאָר באַלד אַ גאַנצען וואַלד, ביי אַ סאַמאָוואַר טרינקט מען באַלד אַ פופציג גלאָז טהיי, און ברויכט מען אַמאָל אין הויף פאַר אַ קאָפּיקע אַ חלב'ן ליכטעל, אום עפּעס דערמיט צו בעשמירען, ווערט באַלד דער הויף־מיניסטער צושטעלען אַ רעכענונג פונ'ם הויף־ליפעראַנט אויף אַ הונדערט־טויזענד רובעל פאַר עטליכע פוד ליכט. דאָס איז דאָס ברייטע, דאָס געוואַלדיגע, דאָס אונענדליכע.. איז אַ וואונדער, ווען ביי אַזאַ נאַטור פון אַ פאָלק ציהט זיך אַמאָל אויך דאָס „ורעמענגאָ" פון אַ רעגירונג אָפּט אַביסעל רעכט אין דער לענג? אָט האָבען מיר, למשל, די „טשערטאַ" — דעם תחום המושב פאַר יודענס־וועגען. איהר זאָלט נאָר קיין טעות נישט האָבען; דאָס איז נישט אַ פעסט און פערטיג געזעץ, וואָס דער געזעצגעבער האָט עס אַמאָל אַרויסגעלאָזען. ניין, דאָס איז, זעהט איהר, נאָר אַ ורעמענני געזעץ, אַ תקנה אויף דערוויל. בשעת יעקאַטערינאַ די 2־טע האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע וועגען יודען, און נאָך איהר דער קייזער אַלעקסאַנדער דער 1־טער, איז די דעמאָליגע רעגירונג געפאַלען אויף דעם שכל, איידער ווי וואָס ווען,

דאָס הייסט איידער מען וועט צונויפשטעלען אַ פעסט און ענדגילטיג געזעץ פאַר יודענס-וועגען, זאָל מען „אויף דערווייל" עפעס מתקן זיין, און אַזוי איז געבוירען געוואָרען דאָס דערווייליגע געזעץ פונ׳ם „תחום-המושב", אַז יודען מעגען וואוינען נאָר אין אַ בעשטימטער צאָהל פון שטעדט אין רוסלאַנד. און דאָס דאָזיגע דערווייליגע געזעץ דויערט שוין אַנ׳ערך פון הונדערט יאָהר. דאָס איז, זעהט איהר, עכט רוסיש. אָט אַזוי זענען מיר אויך געלייטזעליגט געוואָרען מיט די „וורעמעננייאַ פּראַווילא" (די דערווייליגע תקנות) פון איגנאַטיעוו. נאָך אַלעקסאַנדער דעם 2-טענס טויט האָט זיך די רעגירונג אַרומגעזעהן, אַז מען מוז מאַכען עטליכע רעפּרעסיעס, און אַזוי האָט איגנאַטיעוו, דער דעמאָליגער רעדעל-פיהרער פון דער רעגירונג, אַרויסגעלאָזען זיינע דערווייליגע תקנות, וועלכע זענען בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „תקנות פון 3-טען מאַי", אין וועלכע ער האָט בעשטימט, אַז יודען טאָרען דערווייל נישט וואוינען אין דערפער און טאָרען דערווייל נישט אָנגענומען ווערען אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען מעהר ווי צו פינף און צו צעהן פּראָצענט און טאָרען דערווייל נישט האַנדלען מיט דעם און מיט יענעם און אַזוי וויטער און אַזוי ווייטער. און ווייסט איהר, ווי לאַנג עס דויערט דערווייל שוין דער דאָזיגער „דערווייל"? עס דויערט שוין דערווייל זעקס און צוואַנציג יאָהר לאַנג, און קאָן און וועט נאָך אַוודאי אַזוי אָבדויערען אַ הונדערט יאָהר! דאָס איז, זעהט איהר, רוסלאַנד. אייגענטליך איז עס אַ דערווייל, אָבער צו דעם עסק גופא שאָדט עס גאָרנישט, נישקשה אַזאַ מעשה קאָן שוין דויערען אַ הונדערט און אויך אַ צוויי-הונדערט יאָהר. אַזוי, למשל, האָבען מיר איצט, צוליעב דער רעוואָלוציע, געקראָגען עטליכע אויסנאַהמסגעזעצען! בעלאַגערונגס צושטאַנד, פערשאַרפטער אויפזיכטס-צושטאַנד, קריעגס-צושטאַנד און נאָך פיעל אַנדערע „צושטאַנדען". נאַטירליך איז דאָס אַלעס נאָר אויף דערווייל, „ווּרעמעננא", דען עס איז דאָך נאָר צוליעב דעם רעוואָלוציאָנערען צושטאַנד אין לאַנד. אָבער זיכער בין איך, אַז די דאָזיגע אויסנאַהמס-געזעצען, די דאָזיגע צושטאַנדען אויף דערווייל, וועלען דויערען און דויערען עד שיבוא אליהו און וועלען וואַהרשיינליך קיינמאָל נישט אויפהערען; דאָס הייסט, אַזוי לאַנג ווי די רעגירונג וועט דויערען און עס וועט קיין אַנדער קראַפט נישט קומען אויף איהר שטעל. ווען עס זאָל זיך

זוענדען אַזוי אָן דער רעגירונג אַליין, וועט בוודאי ובוודאי אַזאַ בע־לאַגערונגס־צושטאַנד און אַזאַ קריעגס־צושטאַנד נאָך דויערען אַ הונדערט יאָהר. די בעאַמטע וועלען נעהמען דאָפּעלטע שכירות ביז משיח וועט קומען און וועלען שיסען און שלאָגען און הרג׳ענען און מאַכען הויז־זוכונגען און גאַסען־רעוויזיעס און עס וועט קיינעם נישט קומען און זין אַריין, אַז מען דאַרף דאָס אַמאָל אָבשאַפען. אדרבא, אין אַ שטאַט, וואו עס קומט קיין שום זאַך נישט פאָר, וועט די פּאָליציי אַליין מאַכען עפּעס אַנ׳אָנפאַל אָדער אַנ׳עקספּראָפּריאַציע, כּדי צו האָבען אַנ׳אויסרייד, אַז עס איז אונרוהיג און מען דאַרף דעם בעלאַגערונגס־צושטאַנד פערלענגערען, ווי איך האָב אייך מיטגעטיילט אַ פאַל אין מיין לעצטען בריעף. אַזוי, למשל, האָט מען אויך איינגעפיהרט „אויף דערוויי ל" צו בעשטראָפען רעדאַקטאָרען; און דאָס איז אַזוי אַריינגעקומען אין גאַנג, אַז עס איז שוין כמעט נישטאָ קיין איינציגער רעדאַקטאָר פון אַנ׳אנשטענדיגער צייטונג, וועלכען די רעגירונג זאָל נישט האָבען צוגענומען זיינע עטליכע רובעל און זאָל איהם נישט האָבען געמאַכט ביינאַכט אַ וויזיט, אום איהם צו אַרעסטירען. מען האָט אין וואַרשא אַליין אַזוי אַרעסטירט אין לויף פון די לעצטע 5 טעג אַ 3 רעדאַקטאָרען. און דאָס וועט שוין אַזוי בלייבען און בלייבען אויף דורות אַרויס; עס איז דאָך דערפאַר אַ תקנה אויף דערוויי ל. צענזור, למשל, איז אָבגעשאַפט; דערפאַר אָבער האָבען מיר אַ תקנה אויף דערוויי ל, אַז מען קאָנפיסקירט יעדער נומער צייטונג נאָכ׳ן דרוקען און מען לאָזט קיין וואָרט נישט אַרויסרעדען. איך האָב מורא, אַז ס׳זאָל קומען עפּעס אַ שינוי צוליעב מעשים פון דעם צד השני. די רעגירונג אַליין, ווען עס זאָל זיך ווענדען אָן איהר, וועט אַוודאי ובוודאי דאָס נישט ענדערען. דאָס, זעהט איהר, איז שוין אַזוי מעשה רוסיש. אַלעס איז „אויף דערוויי ל". אַז מען הערט אין רוסלאַנד, דאָס די רעגירונג האָט עפּעס מתקן געווען אויף דערוויי ל, ווערט איינעם קאַלט און וואַרעם.

עס קומט מיר היינט אָן די נאַכריכט פון פעטערבורג, אַז אין רעגירונגס־קרייזען רעדט מען איצט פיעל וועגען דעם פּראָגראַם, מיט וועלכען די רעגירונג האָט בדעה צו קומען אין די דריטע דומא אַריין. וועגען דער אַגראַר־פּראַגע וועט מען דער דומא מודיע זיין, אַז

די רעגירונג וועט בשום אופן שבעולם נישט דערלאָזען, מען זאָל עקספראָפּריאירען דעם פּריוואַט-גוטסבעזיצער; וועגען די נאַציאָנאַלע פּראַגען זאָל מען וויסען, אַז די אויטאָנאָמיע פון פּוילען בעטראַכט די רעגירונג פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע אידעע, וועלכע מוז מיט אַלע קרעפטען אונטערדריקט ווערען; בנוגע אָבער דער יודענפראַגע, איז די רעגירונג אין דער טעאָריע פאַר גלייכבערעכטיגונג, נאָר מוז זי, וועגען פערשידענע טעמים, זעהר פאָרזיכטיג צוגעהן צום ווערק און טאָר זיך נישט איבעראײַלען. זי קאָן נאָר ביסלעכווייז געבען גלייכע רעכט פאַר יודענס-וועגען; אינגאַנצען אָבער מוז זי אויף דערווייל נאָך בעהאַלטען די אַלטע געזעצען. איהר הערט: אויף דערווייל! עס קאָן איינעם נישט גוט ווערען, ווען מען הערט דאָס דאָזיגע וואָרט. אַלזאָ נאָך הונדערט אָדער צווייהונדערט אָדער דרייהונדערט יאָהר. אפשר אין אויסלאַנד, פאַר וועלכע אַזאַ וואָרט איז בערעכענט און צוליעב וועלכען דאָס גאַנצע איז איבערהויפּט פאַבריצירט, קאָן מען האָבען אַ טעות און מען קאָן גלויבען, אָבער מיר דאָ קענען צו גוט דעם פירוש פון דעם דאָזיגען וואָרט. די רוסישע רעגירונג האָט אַפילו אין חלום נישט בדעה צו געבען יודען רעכט אַפילו אַזוי גרויס ווי אַ שפּילקע-קעפּעל!

דאָס אַלעס, נאַטירליך, שטערט נישט דעם הערן סטאָליפּין און די אַנדערע הערען מיניסטאָרען, צו קלינגען אויף דעם גרויסען גלאָק אומעטום און ביי איטליכער געלעגענהייט — און דווקא איצט — אַז מיט יודען געהט די רעגירונג איצט טהון גאַנץ בעזונדערע ישועות טובות ונחמות. בעזונדערס טהוט עס הערר סטאָליפּין. די יודישע בעלי-מלאכות — זאָגט ער — זאָל די פּאָליציי נאָר למען-השם נישט טשעפּען און זאָל זיי לאָזען וואוינען אין פּעטערבורג און אומעטום אין רוסלאַנד אונגעשטערט. די „ראָסיאַ“, סטאָליפּינס לייב-אָרגאַן, געהט נאָך ווייטער און קריעגט זיך מיט „נאָוואָיע ווערעמיאַ“ דערפאַר, ווייל „נאָוואָיע ווערעמיאַ“ טשעפּעט זיך צו יודען און זאָגט, אַז יודען וואוינען אין פּעטערבורג שלא כדת און מעהר ווי די נאָרמע, און זי, די „ראָסיאַ“, בעווייזט, אַז דאָס איז אַ בלבול און אַז באמת מעגען יודישע בעלי-מלאכות וואוינען אין פּעטערבורג נאָך מעהר און מעהר. סטאָליפּין אַליין איז אין זיין ליבעראַליזם אין די לעצטע טעג אַזוי

ווייט פערפאָהרען, אַז ער האָט אַזש מודיע געווען דעם שטאָט-אויבער-הויפט פון אָדעס, העררן נאָוויצקי, דאָס די אָדעסער „אונרוהען" מוזען ווערען אונטערדריקט, און הערר נאָוויצקי, ווי דער שטייגער איז, האָט געענטפערט, אַז עס געהט דערווייל נישט און אַז. וו. ווי אָבער די מעשה איז זעהט מען, אַז סטאָליפין איז איצט זעהר פאַר יודענס-וועגען. קיין וואונדער נישט! אין פאַריז, וואו דער פינאַנץ-מיניסטער קאָקאָווצעוו איז ביז איצט געזעסען, זיצט איצט דער רוסישער מיניסטער פון אויסערן און מען אַרבייט וועגען — אַ הלוואה.

אין וואַרשא איז מען צוגעטרעטען צו די וואַהלען פאַר דער דריטער דומא. עס פאַלט אַ שרעק אויף אַ מענשען, ווען מען בע-טראַכט דעם געוואַלדיגען חילוק צווישען איצט און צווישען די וואַה-לען צו דער צווייטער דומא. עס אינטערעסירט זיך איצט קיין מענש נישט פאַר די וואַהלען. קיין שום אַגיטאַציע, קיין שום אַרבייט. אַלעס איז ווי אָבגעשטאָרבען.

זעקסאונזעכציגסטער בריעף

נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי טעג, און מיר האָבען ווידער די יאָהרצייט פונ׳ם 17־טען אָקטאָבער! צוויי יאָהר זענען עס זינט קייזער ניקאָלאַי דער 2־טער האָט אונטערגעשריבען דעם אַקט פון דער רוסי־שער קאָנסטיטוציע: גלייכבערעכטיגונג פון אַלע נאַציאָנען אין לאַנד, וואהל־רעכט און וואַהל־פרייהייט פון יעדען בירגער, רעליגיאָנס־פרייהייט, אונבעריהרליכקייט פון דער פערזאָן און נאָך און נאָך. שעהנע ווערטער, בישט אמת? נאַטירליך, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס זענען נאָר ווער־טער. געצוואונגען דורך די דעמאָליגע געפעהרליכע לאַגע אָדער אַלס מיטעל אום דערווייל דעם פאָלק זאַמד אין די אויגען צו וואַרפען, האָט מען זיך געהאַט ענטשלאָסען צו דעם דאָזיגען אויסערסטען שריט, בישט אַ מינוט לאַנג ערנסט טראַכטענדיג, אַז מען ועט טהאַטזעכליך אויך עפּעס געבען. איך זאָג, „מען האָט געוואוסט״, און איך מיין נאַטירליך נאָר די קליינע מחנה פון פּאָליטיקער, יענע, וועלכע זענען שוין אַביסעל פּאָליטיש געבילדעט און האָבען אַביסעל היסטאָרישען זין און פּאָליטישע ערפאַהרונג און ווייסען, ווי עס געהט צו ביי אַזעלכע זאַכען; די גרויסע ברייטע מאַסע דאַגעגען האָט, זעלבסטפערשטענדליך, געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער רוסישער משיח איז געקומען. רוסי־לאַנד האָט אויפגעהערט צו זיין רוסלאַנד און איז געוואָרען אייראָפּאַ. דער רוסישער טשינאָווניק האָט אויפגעהערט צו זיין וואָס ער איז און איז געוואָרען אַ מענש. און דאָס אַלעס איבער איין נאַכט? און דאָס אַלעס, ווייל אין אַ געוויסען אָרט איז געוואָרען דורך געוויסע אומ־שטאַנדען אַ געוויסער אַקט אונטערגעשריבען? אוי קורצזיכטיגקייט, דיין נאָמען איז רוסישער בעל־הבית! דער טאָג איז געווען דענסמאָל אַ וואונדערשעהנער און דאָס ליכט איז געלעגען זומערדיג אויסגעגאָסען אין ברייטע פּאַסען איבער די הייזער און איבער די רוישענדע גאַסען.

טויזענדער, צעהנטויזענדער, הונדערטטויזענדער מענשען זענען אַרויס
אין די פרייע לופט; מען האָט צום ערשטען מאָל, און טאַקי נאָר
דאָס *איינציגע* מאָל, געפיהלט, אַז מען איז פריי און „מען מעג״
און דער זשאַנדאַרם וועט גאָרנישט זאָגען. קינדער האָט מען געטראָגען
אויף די אָרעמס, און אַלטע און קראַנקע האָבען זיך געלאָזט אַרויספיהרען
און אַרומפיהרען. מענשען, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל נישט געקענט, זענען
געפאַלען איינער דעם אַנדערען אויפ׳ן האַלז און האָבען זיך געקושט און
האָבען געוויינט. די רויטע פאָהנען זענען געפלאַטערט טויזענדפאַך אין דער
לופט. אויף לייטערס זענען געשטאַנען רעדנערס, האַלב־שטומע מענ־
שען, וועלכע האָבען קיינמאָל נישט קיין מויל אויפגעמאַכט, און האָבען
שטונדענלאַנגע רעדעס געהאַלטען. וואו עס איז נאָר געווען אַ גראָב
שטאַרק ציניש וואָרט געגען רעגירונג און קייזער און קייזערהויז, איז
עס געזאָגט געוואָרען. הונדערטער רעוואָלוציאָנערע פרייע לידער האָ־
בען זיך געלאָזט הערען. סאָלדאַטען און פּאָליציסטען זענען געגאַנגען
אויף די שפּיץ נעגעל, אָנגעשראָקען און נישט זיכער. דאָס געדרענג
איז געוואָרען פון מינוט צו מינוט גרעסער. עפּעס אַן׳אָפיציר געהט
פאַרביי און דאָס פאָלק צווינגט איהם פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען ליעד
דעם הוט אַראָבצונעהמען, און דער אָפיציר נעהמט אַראָב דעם הוט.
אַן׳אַנדערער אָפיציר זינגט מיט...

נאַריש פאָלק, אומגליקליך פאָלק! דו האָסט נישט געוואוסט, אַז
דאָס איז קוים ערשט דער אָנהויב, און אַז אַ ווערק, וועלכעס מוז דויערען
צעהנדליגער יאָהרען, ווערט נישט געמאַכט איבער נאַכט! שיכור ביזט
דו געווען פון פרייד, בערוישט פון דער פרייער לופט, וועלכע דו
האָסט אַ מינוט לאַנג פּלוצלינג אַיינגעאָטעמט, און דו האָסט געגלויבט,
אַז דו ביזט שוין פערטיג! וויפיעל *צעהנדליגער טויזענדער*
האָט דער דאָזיגער נאַרישער זיסער גלויבען געקאָסט זייער לעבען?
וויפיעל צעהנדליגער טויזענדער פוילען דערפאַר אין די קאַלטע מדבריות
און אין די וויסטע פינסטערע געפענגנישען? און פאָרט איז די
גרעסטע העלפט דערגרייכט געוואָרען און די אַרבייט פון דער פריי־
הייט איז דורך יענעם טאָג מעהר ווי די העלפט ווייטער געקומען!
און פאָרט וועט קיין נאַאיקע אין דער וועלט נישט קאָנען מעהר יע־
נעם טאָג אַרויסטרייבען פונ׳ם האַרצען פונ׳ם פאָלק, און דאָס ברענגט

זיינע פרוכטען! צוריק נאַאיוו קאָן מען נישט ווערען. דער רוסישער פויער, איז עס געלונגען אויפצומאַכען איהם אַ קליין שפּעלטעל פון זיינע אויגען, וועט שוין געהן ווייטער און ווייטער — דערין בין איך זיכער, און מעג עס דויערען יאָהרען, און מעג עס דויערען צעהנדליגער יאָהרען. מען קאָן נישט וויסען אין רוסלאַנד, וואָס עס קאָן זיין שוין מאָרגען, וואָס איבערמאָרגען. ווער ווייסט, וועלכע איבערראַשונג עס וואַרט אויף אונז אין נעכסטען חודש, אין נעכסטען יאָהר. דיזעלביגע נאַאיוויטעט, וועלכע מען האָט געזעהען ביים פאָלק נאָך דעם 30-טען אָקטאָבער, אין דעם וואָס עס האָט געגלויבט, אַז אַלעס איז שוין דערגרייכט, דיזעלביגע נאַאיוויטעט זעהט מען אויך אויף דער אַנדערער זייט, ביי דער רעאַקציע, אין דעם וואָס זי גלויבט, אַז זי האָט איצט שוין אַלעס דערגרייכט. ניין, צוריק נאַאיוו קאָן אַ פאָלק נישט ווערען. איך וואָלט וועלען די רעגירונג אויפמערקזאם מאַכען אויף איין טהאַטזאַך; זי איז פון ריין פיזיאָלאָגישער נאַטור. איך גלויב שוין, אַז אַ הייליגע מאַגדאַלענע קאָן ווערען אַ בעל-תשובה, אָבער דאָדורך ווערט זי נישט צוריק אַן׳אונשולדיג מיידעל.

נאַטירליך, די רעאַקציע האָט פאָרלויפיג גענומען די אויבערהאַנד און האָט דערגרייכט אַ מאָס, וועלכע איז נישט מעהר צו גלויבען. פונקט אַזוי ווי עס קאָן זיך איינער פון אויסעווענינ מאַכען אַ בילד פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין יענעם 30-טען אָקטאָבער, גענוי אַזוי ווי קאָן זיך דער אויסלענדער פאָרשטעלען, וואָס עס הייסט איצט ביי אונז רעאַקציע. רעאַקציע, נאָך אַזעלכע געשעהענישען ווי מיר האָבען זיי געהאַט, איז אַ געוועהנליכע ערשיינונג — אָבער רעאַקציע אין רוסלאַנד! — ניין, דאָס קאָן קיין שום פאַנטאַזיע זיך נישט אויסמאָלען! אפשר וועט מען זיך, ווי עס איז, מאַכען דערפון אַ גערינגע פאָרשטעלונג, ווען איך זאָל זאָגען, אַז סטאָליפין ווערט גאָר אויבען אין הויף אויף אַן׳אמת בעטראַכט אַלס צו ליבעראַל. ווי מען איז מודיע פון פעטערבורג, איז סטאָליפין איצט אַביסעל אין אונגנאָד און אַלע פינסטערע עלעמענטען אין רוסלאַנד קריגען איצט איינפלוס. סטאָליפין איז נישט גענוג ענערגיש און האָט נישט גענוג אַלע רעשטלעך פון דער פרייהייט אַוועקגעבלאָזען. די מעשה איז אייגענטליך גאַנץ איינפאַך: מען ברויכט איצט נישט

מעהר סטאָליפּינ׳ען! די רעוואָלוציע איז דאָך אין די אויגען פון די דאָזיגע הערען שוין אונטערדריקט, און קאָן מען זיך שוין קוים דערוואַרטען, אַז מען זאָל מאַכען אַ סוף מיט אַלעמען; מען וויל אַפילו דאָס ביסעל קאָמעדיע שפּיעלען אויך נישט. עס זענען בלויז נאָך צוויי וואָכען ביז די דומאַ וועט ווערען געעפענט, און נאָך ווייסט מען נישט, וואָס עס וועט זיין. נאָך מעהר: פון פּעטערבורג קומט די נאַכריכט קלאָר שאַרף און אָהן שום דעק-טוך: ווען די דומאַ, ווי עס שטעהט זיכער צו ערוואַרטען, וועט אויך דאָסמאָל נישט זיין „אַרבייטס-פעהיג״, וועט מען גיך מאַכען אַ סוף מיט איהר און מיט דעם דומאַ-שפּיעלכעל איבערהויפּט און מען וועט נייע גרונדגעזעצען מאַכען; מען האָט זיך איבערצייגט אין די הויכע ספערען, אַז רוס-לאַנד איז נאָך נישט רייף צו אַ פאָלקס-פערטרעטונג. אַזוי זעהט אויס איצט אין רוסלאַנד. איך נעהם אָבער אָן צו הערען פון הערען סטאָליפּין, אַז ער איז קיין נאַר נישט. ער וועט זיך זאָגען: צו וואָס זאָל מען ערשט נעהמען אַ נייעם פּרעמיער, וועלכער זאָל קאָנען פיהרען די נייע ראָליע, ווען ער אַליין וועט זי אויך קאָנען פיהרען.

ווי איהר ווייסט, האָבען ביז איצט די רעגירונגס-לייט און זייע-רע העלפערס-העלפער געפּלעגט טאָג און נאַכט שרייען, אַז אַלעס אין לאַנד איז גאָט זיי דאַנק שוין „רוהיג״. איצט איז דאָס אַנדערש; מען האָט איבערגענומען אַ נייע ראָלע. די דאָזיגע לייט האַלטען איצט אין איין טענה׳ן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז זעהר אונרוהיג נאָך. אָט קומט מענשיקאָוו — מענשיקאָוו אַליין — דער פינסטערסטער פון אַלע פינסטערע זשורנאַליסטען, און איז זיך מודה אין דעם לעצטען נ׳מער „נאָוואָיע ווערעמיאַ״, אַז די רעגירונג האָט אויך דאָסמאָל נישט געקאָנט דאָס לאַנד בערוהיגען. דאָס ווייזט די סטאַטיסטיק פון די רעוואָלוציאָנערע פערברעכענס. עס איז אפשר נישט מעהר פאַרהאַן קיין אָפענע בונטען און אויפשטאַנדען. דערפאַר אָבער אַרבייט עס אין פינסטערען מיט דער געשווינדיגקייט פון אַ קינעמאַטאָגראַף. עס טהוט אונטערמינירען דאָס גאַנצע לאַנד און די גאַנצע געזעלשאַפט. אין די דערפער איז קיין מאָרד נישט מעהר פאַרהאַן, אָבער די פּויערים זע-גען ווי מיט גיפט אָנגעלאָדען. זיי סטראַשען, אַז „אַלע וועלען זיי זיין״, זיי געהען נישט צו דער אַרבייט, זיי פערדאַרבען די ערד, זיי

ברענגען אום די בהמות און פערדארבען דעם אינווענטאר. מען קאן זיך פארשטעלען, וואס פאר א מאטעריאל פאר א רעוואלוציע עס וועט זיין דאס דאזיגע פויערים־פאלק אין א פינף־צעהן יאהר ארום. דאס פאלק ערציהט זיך צו דער כראנישער געוועהנהייט פון אונגעזועצ־ליכער מערדעריי. „רויבען, ברענען, פערכאפען, בעשווינדלען, פעלשען — אלע פערברעכענס און זאגאר אומברענגען, קאנען צום סוף ווע־רען ביי אונז אזא געוועהנליכע ערשיינונג ווי אין די ווילדע לענדער, און די פאלגען דערפון וועלען זיין ביי אונז געננוי דיזעלבע ווי דארט. אלע די דאזיגע קריעגס־צושטאנדען און בעלאגערונגס־צושטאנדען און אויסנאהמס־צושטאנדען זענען געווארען ביי אונז עפעס גלאט אזוי קאנצעלאריש־דראקאניש, און שרעקען קיינעם נישט מעהר אב. קוקט נאר ווי הערליך עס בליהען ביי אונז אונטער די דאזיגע בעדינגונ־גען אלע מעגליכע מערדערייען. מען האט גויטיג, ווי עס ווייזט זיך אויס, אנדערע מיטלען". דא אלזא ליעגט דער הונד בעגראבען! מענשיקאוו, אויב ער וויל אדער נישט, מוז זעהען דאס אייגענע, וואס אונזער איינער זעהט און ער זאגט אייגענטליך דאסזעל־בע וואס אונזער איינער זאגט — נאר זאגט ער עס צוליעב זיין צוועק. „מען האט נויטיג — זאגט ער — אנדערע גזירות; דיזעלבע אייגענטליך וואס מיר האבען איצט, נאר מוזען זיי זיין פערגרעסערט אין קוואדראט און קוביק."

ארימע רעגירונג! ווי זאל זי געהן נאך ווייטער? זאל זי יעדען צעהנטען מענש, וועלכער געהט איבער דער גאס, כאפען? דאס האט שוין דער טשערניגאווער גובערנאטאר געטהון! זאל זי איינפיהרען א זעלבסט־געריכט? דאס טהוט שוין יעדער פאליציסט און יעדער וואס טראגט אין קנאפלאך א צייכען פון די עכט־רוסישע! זאל זי ערקלע־רען אלע געזעצען פאר'ן פאלק פאר נישט־גילטיג? דאס האט זי שוין געמאכט דעם 16־טען יוני, דענסמאל ווען זי האט די גרונדגעזעצען געענדערט! העכסטענס, בלייבט איהר נאך איבריג, זי זאל סטאליפי־נען אוועקשיקען און זאל זיך שאפען א נייעם, א שטרענגערען פרע־מיער. איך בין אבער נייגיעריג, וואס דער וועט קאנען מאכען!

זיבענאונזעכציגסטער בריעף

ענדליך קריגט רוסלאַנד די „אַרבייטספעהיגע״ דומאַ, וועלכע די רעגירונג האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואונשען — אַ דומאַ פון שוואַרצע מאות. די עטליכע צעהנדליג פרייערע עלעמענטען, וועלכע קאָנען דאָרט אַהין נאָך אַריינקומען ביז עס וועלען זיין די ענד-רעזולטאַטען פון די וואַהלען, זענען נישט מעלה און נישט מוריד און וועלען נישט ענדערען מעהר אין דער טהאַטזאַך; די דריטע דומאַ איז און בלייבט אַ שוואַרצע, אַ פערזאַמלונגס- און בעראַטונגס-פונקט פאַר די מיטגלי-דער פונ׳ם פעראיין פון די עכט-רוסישע. און דאָס דאָזיגע רוסלאַנד איז אונז נישט אונערוואַרטעט געקומען; זינט וואָכען האָבען מיר עס געזעהען קומען! אמת, מיט עטליכע וואָכען צוריק, באַלד צו אָנפאַנג פון די פאָר-וואַהלען, איז עס נאָך געווען אַביסעל אַנדערש. מען האָט דאַן געצאורטיילט לויט דער אַלגעמיינער שטימונג אין לאַנד, און יע-דער בעסערער מענש איז געווען איבערצייגט, אַז די דומאַ וועט זיין אַ לינקע; דאָס לאַנד אַליין איז דאָך אַזוי לינק געשטימט. אַ פנים עס איז דאַמאָלס קיינעם נישט געקומען אין זין אַריין, מיט וועלכע שרעקליכע מיטלען די רעגירונג וועט אַרבייטען, אום צו קומען צו איהר ציעל. אינ׳ם פאָריגען יאָהר האָט זי געאַרבייט מיט „סענאַטס-ערקלערונגען״; זי האָט געלאָזט ערב ובוקר וצהרים דעם סענאַט מאַ-כען רק נייע פירושים צו די וואַהל-געזעצען, אַזוי אַז די וואַהל-פרייהייט איז געוואָרען ענגער און ענגער פון מינוט צו מינוט. און אַזוי האָבען מיר היי-יאָהר גערעכענט: נו פטור, וואָס קאָן דאָ זיין פאַר אַ בייז? זי וועט לאָזען דעם סענאַט נאָך עטליכע טויזענד בע-שרענקונגען מאַכען — און סוף-כל-סוף וועט די דומאַ זיין אַ פרייע. אַז זי וועט אָבער דאָס פאָלק גאָרנישט דערלאָזען צו די וואַהלען, אַז זי וועט פערביעטען אַלע פאָר-פערזאַמלונגען און אַגיטאַציעס, אַז זי

וועט בעשטראָפֿען אַלע צייטונגען, וועלכע וועלען אויפשטעלען קאַנדי־דאַטען־ליסטעס, אַז זי וועט די פּאַר־וואַהלען אין דעם גרעסטען טייל שטעדט פון רוסלאַנד האַלטען בסוד, אַזוי אַז דער עולם וועט דערפון געוואָהר ווערען על־פּי־רוב ערשט לאחר המעשה נאָר דורכ'ן אָפּיציע־לען רעגירונגס־ביולעטין — דאָס איז קיינעם נישט געקומען אין זין אַריין. באופן זה האָט עס די ליעבע רעגירונג אייגענטליך געקאָנט מאַכען נאָך איינפאַכער און נאָך לייכטער: זי האָט געקאָנט שיקען איינלאַדונגען צו די מיטגלידער פון דעם עכט־רוסישען פעראיין, ווי מען שיקט איינלאַדונגען צו אַ חתונה, אַז די ליעבע געסט זאָלען קומען, אָדער זי האָט עס געקאָנט מאַכען, ווי זי מאַכט עס מיט אָר־דענס־פערטיילונגען: מודיע זיין אין דעם רעגירונגס־בלאַט, אַז פלוני בן פלוני פון דעם עכט־רוסישען פעראיין איז מכובד מיט אַ זיץ אין דער דומאַ — און ווייטער פטור. עס קאָן נאָר זיין, אַז מיט דער דאָזיגער ראַציאָנעלער פאָרם וואָלט נישט זיין צופרידען ז'ער פינאַנץ־מיניסטער קאָקאָווצעוו און אויך נישט דער אויסערן־מיניסטער איז־וואָלסקי. פאַר אייראָפּאַ'ס וועגען דאַרף מען האָבען דורכאויס „וואַה־לען".

און פאָרט, דאַכט זיך, איז עס איצט, אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט, בעסער ווי פריהער! איצט וועניגסטענס איז מען פטור פון דער נאַרישער קאָמעדיע! און ווען דער פעראיין פון די עכט־רוסישע — דומאַ בלע"ז — וועט געהן נאָך ווייטער און וועט די גאַנצע אַזוי גערופענע קאָנ־סטיטוציע אַוועקשאַפען פון רוסלאַנד, וועט עס זיין נאָך בעסער! זאָל זיך די רעגירונג נאָר נישט שרעקען. זי מיינט אַליך, אַז „קאָנסטיטוציע" מוז מען האָבען צוליעב אויסלאַנד; קאָנסטיטוציע איז אַ מין סוחרישע גאַ־ראַנטיע, אויף וועלכער דאָס אויסלאַנד גיט אַמאָל געלד. מיר דאַכט זיך, עס איז אַ טעות. דאָס אויסלאַנד איז אַ סך ענטוויקעלטער און אַ סך ווייטער. נישקשה, אויסלענדישע באַנקירען וועלען געבען געלד אויף אַנ'אַנדערע גאַראַנטיע, אויף די גאַראַנטיע „נאַגאַיקע". זאָל זיך די רעגירונג נאָר נישט שרעקען. איהר קאָנסטיטוציע גלויבט איצט סיי־ווי־סיי אפילו קיין קינד נישט מעהר! איצט ענדליך, דאַכט זיך, איז מען פטור פון דער נאַרישער קאָמעדיע.

און אחרי כל אלה, נאָך די גאַנצע נצחונות פון דער רעגירונג

און נאָכדעם ווי צוויי דריטעל דומאַ וועלען זיין לויטער עכט-רוסישע, איז מען אין רעגירונגס-קרייזען זעהר צערודערט און מען קוקט מיט שרעק אויף דער קומענדיגער-דומאַ. די צייטונג „רוס״ מעלדעט אין נאָמען פון איינעם פון די העכסטע שטאַאַטס-בעאַמטע, אַז די רעגירונג איז מיט דעם רעזולטאַט פון די וואַהלען זעהר נישט צופרידען — און מען קאָן איהר גלויבען, אַז דאָס איז נישט געמאַכט. עפּעס האָט מען מורא, אַז מען האָט געבעטען צום טיש אַ חברה מיט כוליגאַנעס, און די דאָזיגע וועלען אַרויפלעגען די פיס אויפ׳ן טיש. פּאָרט פּראָסטע שיכּור׳ע פּאַניעס, וועלכע ווייסען קיין חכמות נישט און קאָנען נישט שפּיעלען קיין שום ראָלעס, און מי יודע וואָס פאַר אַ שטיקעל זיי וועלען דאָ אָבאַרבייטען געגען דעם ווילען און דעם נויטיגען צוועק פון דער רעגירונג, און גאַנץ אייראָפּאַ וועט הערען און זעהען. פּאָליטיק פערשטעהען אַזעלכע קאַצאַפּעס נישט; זיי זענען נאָר „אַרבייטספעהיג״. און אוי, אוי ווי אַרבייטספּעהיג! מיר ווייסען דאָך, ווי זיי האָבען געאַרבייט אין אָדעס, אין קיעוו, אין שעדלעץ, אין ביאַליסטאָק און אַזוי ווייטער. און אפשר גראָד די דאָזיגע אַרבייט קאָן די רעגירונג פונקט נישט פּאַסען און קאָן זי ברענגען אין אַ פּערלעגענהייט. סטאָליפּין אַליין לאָזט מודיע זיין אין זיין „ראָסיאַ״, אַז ער האָט מורא, דאָס די נייע דומאַ, ווייל זי איז אַזוי רעאַקציאָנער, זאָל נישט שטערען זיינע ליבעראַלע רעפאָרמען... אַנ׳אומגליקליכער מענש, נעבעך, דער דאָזיגער סטאָליפּין!

ווי די רעגירונג רעכענט צו אַרבייטען מיט דער דאָזיגער דומאַ, איז קלאָר פון דעם פּלאַן אין 4 פּונקטען, וועלכען מען גיט איבער אין סטאָליפּינס נאָמען: 1) מען וועט בשום אופן נישט נאָכגעבען אין דער פראַגע וועגען אָבשאַפען טויט-שטראָף. טויט-שטראָף מוז בלייבען; 2) מען וועט נישט נאָכגעבען אין דער פראַגע וועגען אַמנעסטיע. קיין שום אַמנעסטיע, אַפילו נישט קיין טיילווייזע, וועט נישט געגעבען ווערען; 3) אין דער אַגראַר-פראַגע וועט מען נישט איינשטימען, אַז מען זאָל מיט געוואַלט אָבנעהמען די ערד פון די גרויסע גרונד-בעזיצער; 4) די רעפאָרמען, וועלכע מען וועט דורכפיהרען, וועלען זיין דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פונ׳ם מאַניפעסט פון 17-טען אָקטאָבער. — הערר סטאָליפּין האָט בנאמנות וויץ. די ערשטע דריי

פונקטען און נעבען זיי — דער פיערטער; דאָס און דאָס וועט מען *נישט* טהון, און פאָרט וועט מען רעפאָרמירען אינ'ם גייסט פון דעם מאַניפעסט וכו'. צו וואָס זאָלען די דאָזיגע פראַזעס? וועמען ברענגען זיי נוצען? ווער גלויבט זיי? נישט אַמאָל אַ מיליאַרד פראַנק קאָן זי קריגען געבאָרגט אויף זיי! אומגעקעהרט, אַ פעסט און בעשטימט וואָרט, ווי למשל: „אונזער איז די קראַפט, דען אונזער איז די נאַגאַיקע", וועט מעהר ווערט האָבען אין די אויגען פון אַ רעכטען באַנקיר, ווי טויזענד פוסטע פראַזען וועגען רעפאָרמען און דערגלייכען!

דערווייל אָבער האָט דאָס לאַנד אַליין דעם צוזאַמענשטעל פון דער נייער דומאַ נישט גאַנץ גלייכגילטיג אויפגענומען. עס הויבט זיך ווידער אָן צו רודערען. פון נאָהנטען און פון ווייטען קומען די נאַכריכטען וועגען טעראָר, אויפשטאַנדען, אַטענטאַטען, גאַסען־קאַמפען, מרידות אין פלאָט, מרידות אין מיליטער. און אַלעס ווידער אויף איינמאָל. ווער ווייסט, וואָס די נעכסטע וואָכען וועלען ברענגען.

אינטערעסאַנט איז נאָר נאָך דאָס פראָבלעם פון דער יודען־פראַגע אין געוויסע קרייזען געגענאיבער דער דאָזיגער דומאַ. אין אַ יודישער וואַהל־פערזאַמלונג אין פעטערבורג האָבען די אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטען גערעדט וועגען דער יודען־פראַגע. אַלס ערשטער רעדנער איז אַרויסגעטרעטען דער קאַנדידאַט קאלובאקין. „אונזער ערשטע אויפגאַבע איז — האָט ער געזאָגט — צו מאַכען *אַנ'אָנפראַגע ביי דער רעגירונג* וועגען די טויט־שרעקען, אין וועלכע יודען לעבען אַפילו איצט נאָך. מיר מוזען קעמפען געגען דעם אַנטיסעמיטיזם". „די יודישע פראַגע האָט געזאָגט דער געוועזענער בילדונגס־מיניסטער טאָלסטאָי — איז נישט די זאַך פון אַ פאַרטיי. ביי אונז אין רוסלאַנד איז אונמעגליך צוצוטרעטען צו וואָס פאַר אַ פראַגע ס'איז, אויב מען זאָל נישט פריהער פערענטפערען די יודען־פראַגע. אַלע פאָליטישע פאַרטייען זענען אַביסעל אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. די יודען־פראַגע מוז די ערשטע אַרויסגעשטעלט ווערען אין דער דריטער דומאַ". „די קאַדעטען זענען אַלעמאָל מבטיח און טהוען גאָרנישט" — האָט דערויף געענטפערט דער אַרבייטס־פאַרטיימאַן לוטוגין — „די ביוראָקראַטיע איז פון אויבען ביז אַראָב אָנגע-

זאַפּט מיט אַנטיסעמיטיזם, און דעריבער קאָנען אַזעלכע פּאַרטייען, וועלכע ווילען מאַכען שלום מיט דער רעגירונג, נישט פערטיידיגען די יודען-פראַגע. די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ איז שולדיג געגענ-איבער דעם יודישען פאָלק דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געטהון פאַר זיינעטוועגען וואָס אַ האָר איז גרויס". נאַטירליך האָט באַלד דערויף דער קאַדעטען-פיהרער מיליוקאָוו גענומען די קאַדעטען אין שוץ און בעוויזען, אַז זיי קאָנען נישט מעהר טהון פאַר יודענס-וועגען ווי זיי טהוען. דערויף ענטפערט דער סאָציאַל-דעמאָקראַט סאָקאָלאָוו און בעווייזט, אַז פון דער 3-טער דומאַ איז נישטאָ וואָס צו האָפען פאַר די אומגליקליכע יודען; ער וויל נאָר וויסען, אויב די קאַדעטען, וויסענדיג ווי ווייט די רעגירונג וועט נישט אָבטרעטען פון איהרע בעשלוסען, זענען גרייט צו קעמפען פאַר יודענס-וועגען. דער בעקאַנטער אַדוואָקאַט זאַרודני זאָגט זיין מיינונג, אַז יו-דען דאַרפען שטימען נאָר פאַר די פּרייעסטע קאַנדידאַטען, דען נאָר ווען דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק וועט ווערען בעפרייט, וועלען אויך די יודען בעפרייט ווערען. דער גייסטליכער פּעטראָוו זאָגט: די יו-דען-פראַגע איז אַן אַלגעמיין-מענשליכע, און נוצען יודען קאָנען נאָר די, וועלכע האָבען איבערגעליטען דעם יודישען שמערץ. דאָס שלום-וואָרט האָט געהאַט ראָדיטשעוו: „אייערע שעהנע ווערטער זענען אפילו נישט שלעכט, אָבער מיט שעהנע ווערטער אַליין איז אונמעגליך צו פערענטפערען די יודען-פראַגע".

אויך איך מיין: מיט שעהנע ווערטער אַליין, און אַפילו מיט ראָדיטשעוו'ס, געהט עס נישט.

אכטאונזעכציגסטער בריעף

עס איז ערב דומא בין־השמשות, נאָך אין עטליכע טעג אַרום וועט זיך שוין דאָרט אָנהויבען די „אַרבייט" און ביים עולם אַרום אין גאַנצען לאַנד הערשט אַ גלייכגילטיגקייט ווי צום איינשלאָפען. עס אַהרט קיינעם נישט, עס אינטערעסירט קיינעם נישט, און קיינער פרעגט נישט, ווי און וואָס. עס איז ווי מען וואָלט זיך דערוואוסט, אַז עס עפענט זיך עפּעס אַ נייער מין זשאַנדאַרמען־דעפּאַרטאַמענט אָדער אַ נייער צוזאַמענשטעל פון אַ געהיים־פּאָליציי אָדער גלאַט אַזוי אַ קלוב פון די עכט־רוסישע בעשטעטיגט פון דער רעגירונג אָדער גאָר עפּעס אַ מין קלויסטער מיט גראָבע פּאָפּעס און מיט גראָבע 5־פונטיגע ליכט. וועמען אַהרען אַזעלכע זאַכען, אַז מען זאָל זיך דערמיט בעזונדערס אינטערעסירען? מען האַלט אַ מינוט לאַנג אויף דאָס מויל, מען גאַפּט און מען געהט ווייטער. דער בעגריף דומא, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט שוין לאַנג פערלוירען זיין בעדייטונג, און אין דער פאַנטאַזיע פונ׳ם פאָלק פערשמעלצט ער זיך עפּעס מיט׳ן בעגריף נאַגאַיקע, פעס־טונג, שמיץ, זשאַנדאַרמעריע, סיביריען, נייע גזירות רצות און אַזוי ווייטער. מען לייענט, אַז „אום אָנגעשטעלט צו ווערען אַלס בעדיענ־טער אָדער אַלס בעאַמטער פון דער דומא, ווערט קיינער נישט אָנ־גענומען, ביז ער ברענגט נישט אַנ׳עמפּפעהלונג פון דובראָווין דעם פּרעזידענט פונ׳ם עכט־רוסישען פעראיין" — און ווער עס לייענט, שמייכעלט צו זיך אַליין, קוקט זיך אַרום, צי אַ זשאַנדאַרם האָט עס נישט געזעהן, און געהט ווייטער. מען לייענט דעם צירקוליאַר, אַז „די קאָנסטיטוציע אָבער, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דעם 17־טען אָק־טאָבער דורך אַ קייזערליך וואָרט, וועט געהאַלטען ווערען" — און דער עולם צעלאַכט זיך, און פערגעסט אַפילו זיך אַרומצוקוקען, צי אַ פּאָליציימאַן האָט עס געזעהן. עס איז געוואָרען אַ ריינע קאָמעדיע.

ציימונגען טאָרען נישט רעדען אַ וואָרט און מען רייסט פון זיי די 500-ער און די 1000-ער שטראָף טאָג-טעגליך און זיי שרייבען שוין נישט מעהר ווי נאָר אַנאָנסען און באָבע-מעשות — „אָבער די „קאָנ- סטיטוציע” מיט דער פרעסע-פרייהייט וועלען מיר הייליג האַלטען”! מען זעצט-איין און מען שלאָגט מיט גומענע נאַגאַיקעס און מען שיסט און מען הענגט — „אָבער די קאָנסטיטוציע מיט דער פרייהייט פון דער קערפערליכער אונבעריהרליכקייט וועלען מיר הייליג האַלטען”! מען פייניגט יודען און מען לאָזט זיי נישט אין שטעדט אַריין און אין שולען אַריין און מען לאָזט זיי נישט אָטעמען און לעבען — „אָבער די קאָנסטיטוציע מיט דער רעליגיאָנס-פרייהייט און דער גע- וויסענס-פרייהייט וועלען מיר הייליג האַלטען”! מען מוז אָנהויבען נישט ווילענדיג לאַכען. ענדליך זענען מיר צוריק אָנגעקומען ביז צו דעם פונקט, וואו מיר האָבען געהאַלטען פאַר דער מפלה פון צוסימא. מיר האָבען צוריק די אַלטע ביוראָקראַטיע מיט אַלע איהרע פיינע שטיק- לעך און קלימפערלעך. די רעגירונג טהוט זיך דאָס איהריגע, און די רעוואָלוציע טהוט זיך דאָס איהריגע — אויך אַזוי ווי פריהער; די רעגירונג אַרבייט עפענטליך, און די רעוואָלוציע אַרבייט צום גרעסטען טייל בעהאַלטענערהייט — אַלעס ווי פריהער. פונ׳ם 17-טען אָקטאָבער איז גאָרנישט געבליבען, חוץ עפעס אַ נייע, נאַרישע אָבשרעקענדע זשאַנ- דאַרמעריע מיט׳ן נאָמען „דומא”. אַלס דעקאָראַציע זענען דאָרט פאַרהאַן אויך עטליכע לינקע און עטליכע קאַדעטען און אַפילו צוויי יודען, איינער אַ געטויפטער און איינער אַ נאָך נישט געטויפטער. און דער עולם לאַכט אָדער שמייכעלט אָדער גענעצט — און געהט ווייטער. מערקווירדיג, אַז אין אויסלאַנד רעדט מען נאָך עפעס פון דער „דומא”!

אינטערעסאַנט איז אין אַזעלכע צייטען די „רוסקאָיע זנאַמיאַ”, דאָס בלאַט פון די עכט רוסישע. עס איז „דער חזיר וועלכער זיעגט”, גענוי לויט דעם בעקאַנטען משל פון קרילאָוו. דובראָווין מאַכט גרויס פאַראַד און פורי- שקעוויטש צעלאָזט זיך אין דער ברייט; די וועלט איז זיי צו ווענינ. אַז דאָס — פרעזידיום פון דער דומא וועט מוזען זיין פון לויטער עכטע רוסען, דאָס זאָגט די „רוסקאָיע זנאַמיאַ” — איז זעלבסטפערשטענדליך. אַז די דומא וועט ווידער צוריק איינפיהרען דעם אַלטען אַבסאָלוטיזם און די אַליין-הערשאַפט אין זייער גאַנצער אַלטער פראַכט, דאָס — זאָגט דאָס בלאַט — איז אַ

זאַך, וואָס אַ קינד מוז פערשטעהן. אַז אַלע רעכט, וועלכע פרעמדע נאַציעס אין רוסלאַנד האָבען אויסגעשווינדעלט פאַר זיך אין די לעצטע צוויי יאָהר, וועט די נייע דומא ווידער מוזען צוריקנעהמען, דאָס — זאָגט דער עכט־רוסישער לייב־אָרגאַן — איז דאָס נאַטירליכסטע פון דער וועלט. דאָס ריין־רוסישע פאָלק מוז צוריקקומען צו זיין אַלטער טראַדיציע, און דאַדורך וועלען אויפהערען אַלע צרות פון רוסלאַנד! — נאַטירליך, אַז סטאָליפין הערט אַזעלכע ווערטער, ווערט איהם אַביסעל נישט היימליך. מיט אַזעלכע לייט מיט יוכט־לעדערנע שטיוועל און פערשיכּור'טע מאָרדעס צום טיש צו געהן, איז נישט קיין אָנגענעהמע זאַך. מיט אַזעלכע קאָן מען העכסטענס פּאָגראָמען מאַכען, אום צו קריגען פּאָליטישע שטימונג; מיט אַזעלכע קאָן מען אויך עסקים האָבען, אום אַרויסצוקריגען די נויטיגע וואַהל־רעזולטאַטען; אַזעלכע זענען נישט ערגער, ווי געהיים־פּאָליציסטען און מוסרים, וועלכע מען מוז אַמאָל האָבען און וועלכע מען טרייבט דאַן פון זיך, ווען מען ברויכט זיי נישט. אָבער מיט אַזעלכע געהן אויף די מזרח־וואַנד און זיי לאָזען פּאָליטיש ווירטשאַפטען, דאָס זעהט איהר איז אַביסעל געפעהרליך און אַ רעכט ביסעל נישט שעהן. ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ פערלעגענהייט אַזעלכע לייט קאָנען אַמאָל ברענגען אַ פּיינעם ליבעראַלען מיניסטער פאַר די אויגען פון גאַנץ אייראָפּאַ. און דערום איז עס קיין וואונדער נישט, אַז סטאָליפּין זוכט עצות. ווי מען זאָגט, אַרבייט ער מיט אַלע כּוחות, אַז עס זאָל צושטאַנד קומען אַ בּלאָק צווישען די קאַדעטען און די אָקטאָבריסטען, אום עס זאָל ווערען באופן זה אַ צענטרום אין דער דומא, מיט וועלכען מען זאָל קאָנען אַ לייטיש וואָרט רעדען אָדער עס זאָל זיין אַפילו מיט וועמען זיך צו אַמפּערען און צו קריעגען. נאַטירליך אין דער זאַך גופא וועט דאָס גאָרנישט ענדערען און די רעגירונג וועט אַלעמאָל טהון דאָס איהריגע. אָבער וועניגסטענס אַ פּנים וועט עס דאָך האָבען און אין אייראָפּאַ וועט עס הייסען, אַז מען „אַרבייט" אין דער דומא.

דערווייל, נישט קוקענדיג אויף די אַלע גליקען, אַרבייטען די רעוואָלוציאָנערע קרעפטען ווייטער און די אונרוהען, עפענטליך און בעהאַלטענערהייט, נעהמען אַלץ מעהר און מעהר אַרום

דאָס לאַנד. וועגען די לעצטע אונרוהען אין רוסישען פלאָט לייענען מיר אַ מערקווירדיגען אַרטיקעל אין דע: לעצטען נומער „ריעטש“, געשריבען פון גענעראַל סובאָטין, ער רעדט אַרום די אַלע מרידות אינ׳ם מיליטער און אין דעם פלאָט, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די לעצטע צוויי יאָהר אין סעוואַסטאָפאָל, קראָנשטאַדט, וולאַדימיר, סוועאַבאָרג, קיעוו, מאָסקווא, ליבוי, אירקוטסק, טאַשקענט, קורסק, א. אַ. וו. און ער זוכט די אורזאַך פון זיי. סובאָטין האָט אַלס גענעראַל געדיענט גאַנצע 40 יאָהר און איז צום סוף אַלס „צו פריי-זיניגער“ געצוואונגען געוואָרען צו דעמיסיע. די שרעקליך נידעריגע מאָראַליטעט פון די קאָמאַנדירען צוזאַמען מיט זייערע גנבות און זייער אונעהרליכקייט אין געלד-זאַכען און זייערע נאָר פערזענליכע אינטערעסען אומעטום האָבען סוף-כל-סוף — זאָגט ער — געמוזט עפענען די אויגען אויך ביי דעם פראָסטען סאָלדאַט. דאַן זענען געקומען דיביידע מלחמות, די מלחמה אין מאַנדזשוריע און די מלחמה פון דער רעוואָלוציע, און האָבען דעם מיליטער ווייטער די אויגען געעפענט. דאַן האָט זיך דער פלאָט אומגעקוקט, ווי צוועקלאָז זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז אין רוסלאַנד ביי אַזאַ פיהרונג, און דאָס האָט זייער פערביטערונג און זייער מרה-שחורה נאָך מעהר געררייצט. דאַן זענען געקומען די נאַכריכטען פון דערהיים, צו יעדען פון זיין שטאָדט און זיין דאָרף, ווי אין דערהיים הונגערט מען און מען ליידט און מען ווערט געפייניגט. און דאָס האָט נאָך מעהר איינדרוק געמאַכט, ווי די טויזענד פראָקלאַמאַציעס און רעוואָלוציאָנערע בראָשורען, וועלכע זיי האָבען געפלעגט צו דערהאַלטען. און דאַן צום סוף איז געקומען דאָס איינזעהען, אַז קיין שום האָפנונג איז נישטאָ אויף קיין צוקונפט, און דאָס האָט זיי געמאַכט פאַר רעוואָלוציאָנערען. סובאָטין מיינט, אַז דאָס איז דערוויל נאָר די התחלה און אַז די מגפה מוז זיך פערברייטערען ווייטער און ווייטער.

און די לאַגע פון די יודען? — אַלעס ווי אין דער גוטער אַלטער צייט! — דער סענאַט האָט נאָר וואָס אַרויסגעלאָזט אַנ׳ערקלערונג, אַז: 1) אַ יוד טאָר נישט זיין אַ מיטגליד פון אַ „געריכט פאַר יתומים“ און 2) אַז דאָס געזעץ וועגען דער

שטראָף פון 300 רובל פאַר יודען, וועלכע האָבען זיך נישט גע־שטעלט צום מיליטער־דיענסט און וועלכע מען האָט געפלעגט איינצו־מאָהנען פון די קרובים, זאָל אויך ווייטער פינקטליך געהאַלטען ווע־רען. בקיצור, מיר האָבען קאָנסטיטוציע!

ניינאונזעכציגסטער בריעף

ווידער אַ דומאַ־ערעפנונג. אָבער דאָסמאָל איז אַלעס שוין גאַנץ רו־
סיש: אין דער לופט אַרום שמעקט עס מיט פּאַניע, מיט נאַגאַיקע,
מיט פעסטונג, מיט טויט־שרעק און מיט טויט. בקיצור עס איז ענדליך
אַן אמת רוסישער פּאַרלאַמענט. אויף דער גאַס האָט אַ מענש מורא די
נאָז אַרויסצושטעקען, עס איז ווי די כאָלערא וואָלט זיך האָבען בעוויזען;
מען ציטערט און מען שרעקט. פון די עטליכע דורכגעהער אויף דער
גאַס האָט מורא איינער מיט דעם אַנדערען צו רעדען; דער שטאָדט־
הויפּטמאַן האָט דאָך אַרויסגעלאָזען אַ בעפעהל, אַז „די בעפעלקערונג
זאָל זיין רוהיג און קיין דעמאָנסטראַציעס זאָלען נישט זיין". אַנדער־
האַלבען וואָרסט ווייט פון טאַורישען פּאַלאַץ הויבען זיך אָן די מחנות
פון פּאָליציסטען און זשאַנדאַרמען און פּאַטרולען. קיין שום דראָשקע, קיין
שום פוסגעהער ווערט נישט דורכגעלאָזען אָהן אַ בילעט. עס איז ווי מען
וואָלט דאַרפען צוקומען צו אַ פעסטונג. יעדער מענש איז אין חשד,
און אַפילו יעדער דעפּוטאַט. די קאָזאַקען שטעהען גרייט מיט די נאַ־
גאַיקעס. אָט דאָס ענדליך איז אַ פּאַרלאַמענט על־פּי נוסח רוס־
לאַנד! אַ רוסישע ברוסט הויבט אָן טיעף צו אָטעמען און ווערט
ברייט פון נחת. אַזוי, זעהט איהר, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אַלע־
מאָל דעם פּאַרלאַמענט אין פּערסיען, אַזוי וועט עס זיין אויך אין
דער טערקיי און אַזוי אויך ביי די האָטענטאָטען. וואָס דען, אַ פּאַר־
לאַמענט ווי עס איז דאָרט אין לאָנדאָן אָדער אין דעם איבעריגען
פערפוילטען מערב?

און אויך אינעווייניג, אין דער דומאַ אַליין, איז עס דאָסמאָל
גאַנץ רוסישליך: אַ הייליג ליכטעל ברענט אונטער אַ נייער הייליגער
איקאָנע, וואָס עפּעס אַ דעפּוטאַט האָט געשענקט דער דומאַ. גייסטלי־
כע שטעהען און קרייצען זיך אָהן אַ סוף, און מיט זיי קרייצען זיך

מעהר ווי דריי פיערטעל פון די דומאַ דעפּוטאַטען. „גאָט בעהיט דעם צאַר" ווערט געזונגען איינמאָל און צוויימאָל און דריימאָל, און עס ווערט גאָרנישט גענוג. איינער אַ דעפּוטאַט שרייט זיך אַרויס „עס לעבע דער צאַר", און עטליכע הונדערט מענשען שרייען־מיט „עס לעבע דער צאַר", און דאַן שרייט מען דריימאָל „הוראַ, הוראַ, הוראַ!" דער גאָטעס־דיענסט הויבט זיך אָן און דויערט העכער אַ שעה; זעכציג גייסטליכע זענען מתפלל. דער מיטראָפּאָליט האַלט אַ דרשה און זאָגט מוסר, וועלכער צעגעהט זיך אין אַלע אברים: די מיטגלידער פון די ערשטע צוויי דומאַ'ס — זאָגט ער — זענען געווען צום גרעסטען טייל אַזעלכע, וועלכע האָבען נישט מתפלל געווען, איצט אָבער זענען עס גאָט זיי דאַנק אַזעלכע, וועלכע זענען צום גרעסטען טייל יאָ מתפלל. די דעפּוטאַטען נעהמען זיך די דאָזיגע ווערטער צום האַרצען און האַלטען איצט נאָר אין איין בעקרייצען זיך. מען זעהט די מיניסטאָרען אין דער לאָזשע און מען הויבט אָן צו מאַכען פאַר סטאָליפּינען אַ שטיקעל פּאַראַד. בקיצור, ווי איהר זעהט, עס איז ענדליך אַנ'אמת רוסישער פּאַרלאַמענט! און פערשטעהט איהר איצט וועניגסטענס אַביסעל, וואָס פון אַזאַ פּאַרלאַמענט קאָן אַרויסקומען? ווייסט איהר איצט אפשר שוין, וואָס מען קאָן פון אַזאַ אינסטיטוט ערוואַרטען?

און די דומא האָט אָנגעהויבען באַלד צו „אַרבייטען". ראשית האָט זיך פערשפּרייט דער קלאַנג, אַז אייגענטליך איז גאָרנישט נויטיג, דאָס די דומאַ־דעפּוטאַטען זאָלען זיך צונויפקומען אין דער דומאַ יעדען טאָג; עס איז גענוג, אַז זיי וועלען זיך צונויפקומען דאָרט צוויי מאָל אין דער וואָך. דאָס אַלזאָ איז געווען דער ערשטער שריט, און איך בין מבטיח, אַז אויך דער צווייטער שריט וועט נישט לאַנג לאָזען וואַרטען אויף זיך. מען וועט זיך אם־ירצה־השם באַלד אַרומקוקען אַז אייגענטליך איז גענוג, ווען מען וועט זיך צונויפקומען אין דער דומאַ איינמאָל אַ וואָך, און דאַן — ווען מען וועט זיך צונויפקומען דאָרט איינמאָל אין צוויי וואָכען, און דאַן — איינמאָל אין אַ חודש, איינמאָל אין אַ יאָהר און אַזוי ווייטער. צום סוף נאַטירליך וועט מען זיך צונויפקומען אין דער דומאַ נאָר דאַן, ווען עס וועט זיין אַ בעזונדערס וויכטיגע געלעגענהייט און מען וועט דאַרפען אָבהאַלטען אַ

בעזונדערס פייערליכען און גרויסען גאָטעס־דיענסט. צעהן מיטראָפּאָ־ליטען און זעקסהונדערט גייסטליכע מיט גרויסע וואַקסענע ליכט וועלען די תפילה טהון. עטליכע הונדערט עכטע רוסען און טשינאָווניקעס און ביוראָקראַטען און גוטס־בעזיצער וועלען זיין דאָס דאַנקבאַרע פּובליקום. דער הימן וועט געזונגען ווערען הונדערט מאָל כסדר און דאַנק־אַדרעסען וועלען אָבגעשיקט ווערען און עטליכע נייע איקאָנעס וועלען ווערען איינגעווייהט. אָט דאָס, פערשטעה איך, וועט זיין אַ רוסישע פּאָלקס־פּערטרעטונג! אָט אַזוי, זעהט איהר, בעדאַרף אויסזעהען אַ פּאַרלאַמענט על־פּי מנהג רייסען!

אויך אַ פּאָרזיצענדער איז באַלד געוועהלט געוואָרען. ער איז געוועהלט געוואָרען מיט כמעט אַלע שטימען געגען עטליכע, און די וואַהל האָט דאָסמאָל געדויערט קוים אַ האַלבע שעה. עס איז אַלזאָ געווען אַלעס אָבגעמאַכט לכתחילה. זעלבסטפערשטענדליך איז געוועהלט געוואָרען אַנ׳אָקטאָבריסט הערר כאָמיאַקאָוו; די אָקטאָבריסטען זענען דאָסמאָל די בעלי־בתים. וואָס די אָקטאָבריסטען זענען, האָב איך שוין אַמאָל דערצעהלט: ווען מען זאָל מיר געבען אויסצוקלויבען צווישען די שוואַרצע כוליגאַנעס, וועלכע רופען זיך די עכטע רוסען, און צווישען די אָקטאָבריסטען, וועל איך נישט קיין מינוט צעגערען און וועל וועהלען אַנ׳עכט־רוסישען. אַנ׳עכט־רוסישער איז וועניגסטענס אַנ׳אָפענער שונא און איז דערביי על־פּי רוב אַ פּראָסטער כאַם, אַ פערשיכורטער קאַצאַפּ, אַ כוליגאַן אָהן חכמות, וועלכער וואַרפט זיך באַלד אין די אויגען אַריין און די גאַנצע וועלט אַרום איז אַ מבין אויף איהם. דער אָקטאָבריסט דאַגעגען איז דער אייגענער פינסטערער פערביסענער רעאַקציאָנער, וועלכער וועט נישט לאָזען אויפקומען קיין שום הויך פון אַ שטיקעל פרייהייט, נאָר איז ער דערביי שוין אַ שטיקעל מענש מיט אַ שטיקעל פּאָליטישער פּאָליטור און קאָן שוין שפּיעלען אַ שטיקעל קאָמעדיע — און דעריבער איז ער געפעהרלי־כער פאַר יענעם. ווי די מעשה אָבער איז, איז אַזאַ אָקטאָבריסט איצט געוועהלט געוואָרען אַלס פּאָרזיצענדער פון דער דריטער דומאַ. דער דאָזיגער פּאָרזיצענדער, הערר כאָמיאַקאָוו, האָט געהאַלטען זיין אָנטריטס־רעדע — און עס איז געוואָרען חושך ואפלה אַרום לאַנד און אפילו דער גרעסטער אָפּטימיסט האָט פערלוירען דאָס לעצטע שטיקעל

האָפנונג. הערר כאָמיאַקאָוו האָט גערעדט פון דעם „אונגעטיילטען רוסלאַנד״, דאָס הייסט אַלזאָ געגען יעדער האָפנונג אויף אויטאָנאָמיע, און האָט גערעדט פון דעם איינציגען עכטען רוסישען שטאַם, דאָס הייסט אַלזאָ געגען אַלע פרעמדע פעלקערשאַפטען אין רוסלאַנד, ווי למשל יודען און דערגלייכען, און האָט גערעדט פון דער בעראַטענ־דער אַרבייט אין דער דומאַ, דאָס הייסט אַלזאָ, אַז די דומאַ וועט נישט האָבען קיין שום געזעצגעבערישע קראַפט און נאָר בעראַטען וועט זי קאָנען און כלומר׳שט מסכים זיין צו דעם וואָס די מיניסטאָ־רען און די רעגירונג וועלען זאָגען. דאַגעגען האָט הערר כאָמיאַקאָוו אין זיין רעדע אויסגעמידען דאָס וואָרט „קאָנסטיטוציע״, וואָס ביז איצט האָבען די צוויי פריהערדיגע פאָרזיצענדע פון דיביידע דומאַ׳ס אין זייערע אָנטריטס־רעדען דערמאָהנט, און ער האָט אַפילו נישט דערמאָהנט דעם 17־טען אָקטאָבער, אַנ׳אָקטאָבריסט, וואָס זיין פּאַרטיי הייסט נאָך דעם דאָזיגען אָקטאָבער, און ער היט זיך דאָס וואָרט צו דערמאָהנען. נאַטירליך זענען אַלע שוואַרצע פון דער דומאַ געווען גליקליך, און האָבען דערין געזעהען אַ סימן, אַז אַפילו די אָקטאָב־ריסטען ווילען זיך שוין אומקעהרען צו דער אַבסאָלוטער זעלבסט־הערשונג. זעלבסטפערשטענדליך איז אָבגעגאַנגען בזה הרגע די נאַכריכט קיין צאַרסקאָיע סעלאָ וועגען דער וואַהל פון דעם דומאַ־פּרעזידענט מיט דער בקשה, אַז דער דומאַ־פּרעזידענט זאָל זיך מעגען פאָר־שטעלען פאַר זיין מאַיעסטעט, און נאָך באותו מעמד איז אָנגעקומען די איינלאַדונג אויף צומאָרגענס. צומאָרגענס אינדערפריה האָט דער פאָרזיצענדער געהאַט דאָס גליק זיך פאָרצושטעלען פאַר זיין מאַיעס־טעט דעם קייזער און די קייזערין. אין צאַרסקאָיע סעלאָ איז הער־רן כאָמיאַקאָוו אַרויסגעזאָגט געוואָרען די האָפנונג, אַז די איצטיגע דומאַ וועט האָבען אַ קיום און אַז די ערשטע סעסיע וועט זיך פער־ציהען ביז מאַי. אַלע גלויבען איצט, אַז די איצטיגע דומאַ וועט האָבען אַ קיום. אויך איך גלויב. ווען נישט אַזאַ דומאַ ווי די איצ־טיגע זאָל האָבען אַ קיום, ווייס איך שוין נישט, וועלכע יאָ. אויך די פעסטונג פּעטראָ־פּאַוולאָווסק האָט אַ קיום. אַזאַ קאָן בעשטעהן אין רוסלאַנד נישט בלויז פינף, נאָר אַפילו פופציג יאָהר!

דערווייל אָבער האָט זיך דער אמת׳ער כאַראַקטער פון דער

נייער דומאַ אַרויסגעוויזען שוין אינגאַנצען אין פערלויף פון אַ האַלבער שעה. אָנפאַנגס האָט מען נאָך גערעכענט, אַז עס וועט זיך בילדען אַ בלאָק צווישען די אָקטאָבריסטען און די קאַדעטען, און עס וועט בעשאַפען ווערען באופן זה אַ צענטרום, וועלכעס זאָל קאָנען, ווי עס איז, עפּעס טהון. באַלד אָבער נאָך כאָמיאַקאָוו'ס וואַהל האָבען די אָקטאָבריסטען אָבגעלעגט די מאַסקע און האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר בילדען אַ בלאָק צווישען זיך און אַלע רעכטע און אַלע שוואַרצע. נאָך כאָמיאַקאָוו'ס רעדע איז די שפּאַלטונג צווישען די אָקטאָבריסטען און די קאַדעטען געוואָרען שוין גאָר שאַרף. דער קאַדעט מאַקלאַקאָוו, וועלכער האָט געזאָלט זיין וויצע-פּרעזידענט, האָט ערקלערט, אַז ער האָט איינגעוויליגט צו ווערען וויצע-פּרעזידענט נאָר בתנאי, ווען כאָמיאַקאָוו אין זיין רעדע וועט דערמאָהנען דאָס וואָרט קאָנסטיטוציע און אַז כאָמיאַקאָוו האָט איהם אַ האַלבע שעה פאַר זיין רעדע געגעבען זיין עהרענוואָרט, אַז ער וועט דאָס וואָרט דערמאָהנען. איצט אָבער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז כאָמיאַקאָוו, דער עהרענווערטהער נייער דומאַ-פּרעזידענט, האָט געבראָכען זיין עהרענוואָרט און דעריבער ציהט זיך מאַקלאַקאָוו צוריק פון זיין קאַנדידאַטור אַלס וויצע-פּרעזידענט פון דער דריטער דומאַ.

ווי אָבער די מעשה איז, איז די דריטע דומאַ שוין צוגעטרעטען צו דער „אַרבייט”: די קאָרעספּאָנדענטען פון די אינלענדישע צייטונגען האָט מען שוין דעם צוטריט כמעט אינגאַנצען פערוועהרט; דער פינאַנץ-מיניסטער איז מכין זיין פּאָרטראַג וועגען די פינאַנצען און וועט „אַרבייטען”; דער אַגראַר-מיניסטער איז מכין זיין פּאָרטראַג וועגען דער אַגראַר-פראַגע און וועט אם-ירצה-השם דעסגלייכען „אַרבייטען”, און אַלע אַנדערע מיניסטאָרען זענען דעסגלייכען מכין זייערע פּאָרטראַגען און וועלען דעסגלייכען „אַרבייטען”. עס איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס געהט איבער „אַנ'אַרבייטספעהיגער” דומאַ.

עס קלינגט ווי אַ פּאַראָדיע, ווען מען הערט, אַז די יודען פון דעם שטעדטעל דובראָוונאַ אין מאָהילעווער גובערניע האָבען דערלאַנגט אַ פּעטיציע צו דער דאָזיגער דומאַ וועגען פערגרעסערען זייערע רעכט!

רבונו של עולם! וואָס זאָל ווערען איצט פון די זעקס מיליאָן אומגליקליכע יודען אין רוסלאַנד?

זיבעציגסטער בריעף

די דומא „אַרבייט״, זי האָלט אין איין „אַרבייטען״: נאָך דער אַרבייט פון תפילה טהון און הימנען זינגען און הורא שרייען און שבחים זאָגען האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבייט פון וועהלען צוויי וויצע־פּרעזידענטען פאַר דער דומא, און נאַטירליך האָט זי געוועהלט צוויי עכט־שוואַרצ־מאה׳דיגע, און דאַן האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבייט פון דורכזעהען די ליסטעס פון די דומא־דעפּוטאַטען, און נאַטירליך זענען אַלע בעשטעטיגט געוואָרען, און דאַן האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבייט פון מפלפל זיין זיך וועגען אַ דאַנק־אַדרעס צו זיין מאַיעס־טעט דעם צאַר, און נאַטירליך האָט די דאָזיגע אַרבייט געדויערט עט־ליכע טעג, און דאַן האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבייט פון מאַכען עטליכע סקאַנדאַלען און דאַן צו דער אַרבייט פון אַ סעודת־מצוה און טרינקען אַ טראָפּען משקה און פרעהליך זיין און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. אגב טראָגט דער פינאַנץ־מיניסטער אין די דומא אַריין זיין בודזשעט־פּראָיעקט אויפ׳ן יאָהר 1908, נאָר אַזוי ווי די דומא איז זעהר בעשעפטיגט מיט „אַרבייט״, רעכענט זי — לויט ווי דער פּאָרזיצענדער כאָמיאַקאָוו האָט זיך געאויסערט צו אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „ראָסיאַ״ — דעם בודזשעט צו בעשטעטיגען אינגאַנצען אָהן דעבאַטען. בקיצור די דומאַ אַרבייט, און דאָס זענען לויטער אַרביי־טען, דורך וועלכע רוסלאַנד וועט ענדליך מוזען רוהיג און גליקליך ווערען און דורך וועלכע דער הונגער וועט נישט זיין מעהר קיין הונ־גער און די נויט נישט מעהר קיין נויט און די אונצופרידענהייט פון צעהנדליגער מיליאָנען נישט מעהר קיין אונצופרידענהייט. וואָס אַלעס אַזאַ אַרבייטספעהיגע דומא קאָן נישט מאַכען איבער נאַכט! נאַטירליך, איז איצט די רעגירונג זעהר צופרידען מיט דער דאָזיגער אַרבייטס־פעהיגער דומא. זי איז מיט איהר אַזוי ווייט צופרידען, אַז די מיניס־

טאָרען קומען אַזש גאָרנישט אין די דומא אַריין און די מיניסטאָרען־לאָזשע איז אַלעמאָל לעדיג; נישקשה, זיי קאָנען זיך אויף דער דומא פערלאָזען. אמת, די פרייהייט אין דער דומאַ איז אַביסעל בעשרענקט: דער מיניסטער פון אינערן האָט, למשל, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו אַלע גובערנאַטאָרען, אָנצונעהמען מיטלען, אַז די בעפעלקערונג זאָל נישט שיקען קיין אינסטרוקציעס אָדער גלאַט אַזוי טעלעגראַמען צו דומאַ־דעפוטאַטען, וועלכע געהערען צו נישט־לעגאַליזירטע פאַרטייען (דאָס הייסט אַזוי: צו אַזעלכע, וועלכע זענען נישט עכט־רוסיש). דעס־גלייכען איז די פרייהייט אין דער דומאַ זעלבסט נישט זעהר ברייט. למשל, צוליעב דער מאָדנער לאַגע פון די צייטונגס־קאָרעספאָנדענטען אין דער דומאַ, וועלכע מען האָט פערשטופט דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקעל, אום זיי זאָלען זיין שטרענג אָבגעטרענט פון די דעפוטאַטען, קומען אָפט אַרויס ווילדע קוריאָזע זאַכען. אַזוי האָט אין דער דריי־טער דומאַ־זיצונג אַ קאָרעספאָנדענט געדאַרפט שיקען עפּעס אַ נויטיגען צעטעל צו אַ דעפוטאַט, נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט צוקומען צו איהם, האָט ער געשיקט פון דער דומא אין די דומאַ אַריין אַ טעלעגראַמע מיט אַ בעצאָהלטען ענטפער; די טעלעגראַמע איז געבראַכט געוואָרען צום טעלעגראַפען־קאַנטאָר, פון טעלעגראַפען־קאַנטאָר צום צווייטען טעלעגראַ־פען־קאַנטאָר און פון דאָרט ערשט צוריק אין דעם זאַל פון דער דומא צו דעם בעטרעפענדען דעפוטאַט. דאָס אַלזאָ איז די פרייהייט אין דער דומאַ! עס איז קיין וואונדער נישט, ווען אַפילו אַן׳אָקטאָבריסט, איינער אַ דעפוטאַט, רופט אָן די דאָזיגע דומא „אַ טהעע־הויז פאַר די שוואַרצע מאות“. אָבער דאָס אַלעס שאַדט נישט: די דומא אַר־בייט פאָרט, דען זי איז אַן׳ארבייטס־פעהיגע! אמת, נאָך דער אַר־בייט פון אַ גאַנצער וואָך פיהלט זי די דאָזיגע ארבייטס־דומא שוין אַביסעל מיעד און אויסגעאַרבייט, אַזוי אַז מען האָט שוין אָנגעהוי־בען טראַכטען וועגען פעריען מאַכען. מען האָט געוואָלט די פעריען מאַכען שוין ענדע פון דעם היינטיגען חודש; נאָר די מעהרהייט איז געווען דאַגעגען, טענה׳ענדיג, אַז דאָס וועט אַרויסרופען אַ געלעכטער, און אַזוי איז געוואָרען בעשלאָסען צו בעשטימען די פעריען ערשט אויפ׳ן 22-טן דעצעמבער. זעהט איהר, די פריהערדיגע צוויי דומא׳ס זענען געווען נישט אַרבייטס־פעהיג, און די איצטיגע איז אַרבייטס־

פעהיג. אַזוי אָבער מוז זיין אַ דומא, ווען די רעגירונג זאָל זיין צו־פרידען מיט איהר!

און צופרידען מוז זיין די רעגירונג נישט בלויז מיט דער דומא, נאָר גאַנץ בעזונדערס מיט דעם פּאָרזיצענדען פון דער דומא, מיט הערן כאָמיאַקאָוו. דאָס איז אַ מענש גאַנץ לויט איהר האַרץ. הערר כאָמיאַקאָוו האָט אין אַ געשפּרעך, מיט אַ צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט, למשל, אַזוי געזאָגט: „איך וואָלט זיין אונענדליך דערפרעהט, ווען איך וואָלט אויפשטעהן אין אַ געוויסען פריהמאָרגען און וואָלט מיך דער־וואוסט, אַז אין רוסלאַנד איז אינגאַנצען נישטאָ קיין יודען! אָבער דאָס איז דאָך נישט מעגליך. און דעריבער קומט מיר אויס, אַז די בעגרענצונגען פון די יודען שאָדען מעהר די רוסען ווי די יודען. דער „תחום המושב" דעמאָראַליזירט די רוסישע טשינאָווניקעס, דען דאָס גיט זיי די געלעגענהייט צו נעהמען כאַבאַר (שוחד) ביי די אָרימסטע יודען. די גינצבורג'ס און די פּאָליאַקאָוו'ס וואוינען אַזוי אויך פראַנק און פריי אין גאַנץ רוסלאַנד, און די בעגרענצונגען פאַלען נאָר אויף דער אָרימער יודישער אַרבייטס־קלאַס, וועלכע טהוט קיינעם קיין בייז נישט. אין סמאָלענסק וואוינען 200 יודישע „דענטיסטען", פון וועלכע עס בעשעפטיגט זיך קיין איינציגער נישט מיט דענ־טיסטיק; דאָס זענען רייכע יודען, וועלכע נאַרען אָב די רעגירונג אויף אַזאַ אופן. עס איז קיין שום צווייפעל נישט, אַז עס עקזיסטירט אַ יודישע אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנסיסטען־באַנדע, וועלכע האָט אַריינ־געקריגען אין איהרע הענד די גאַנצע האַנדעלס־וועלט און בעהערשט אונז אַלע. און דעריבער מוזען מיר זעהען צו געבען געוויסע רעכט און פערלייכטערונגען דער קלאַס פון יודישע האַנדווערקער און אַר־בייטער"... דאָס אַלזאָ איז די לעזונג פון דער יודען־פראַגע, וועלכע מיר האָבען צו ערוואַרטען פון אונזער רעגירונג און פון איהרע אינ־סטיטוטען. אין בעסטען פאַל: עטליכע נייע דערפער און שטעדט — און דאָס איז אַלעס!

דערווייל אָבער ווערען געמאַכט אַ גאַנצע מאַסע פּראָיעקטען, וועלכע זאָלען ווערען אַריינגעטראָגען אין די דומא. פּיכנא, דער בעקאַנטער יודען־פרעסער און יועץ פון סטאָליפּין, האָט אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט, לויט וועלכען יודען זאָלען ערקלערט ווערען אַלס פרעמ־

ד ע. לויט ווי פיכנא פערזיכערט, איז דאָס די איינציגע רעטונג פאַר רוסלאַנדס־וועגען און לויט ווי ער זאָגט, איז גאָר קיין שום ספק נישט, אַז דער פראָיעקט וועט אָנגענומען ווערען און וועט דורכגעהן. דאַגע־גען קומט די „רוסקאָיע זנאַמיאַ", וועלכע איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען דער גאַנצער בעל־יועץ פון דער רעגירונג און וועלכע מאַכט טאָג און נאַכט פראָיעקטען צו רעטען רוסלאַנד, און זי ראַטעוועט רוסלאַנד אויף אַזאַ אופן: די רעגירונג מוז אָננעהמען דאָס געזעץ, צו בעזייטיגען אַלע יודען פון מיליטער־דיענסט, נעהמענדיג דערפאַר פון איטליכען פערשוין אַנ׳אָבצאָהלונג פון 3000 רובעל; חוץ דעם מוז די לאָזען ווערען אַ געזעץ, אַז יודען טאָרען קיין אַדוואָקאַטען נישט זיין; אַזוי אויך מוז אָנגענומען ווערען אַ געזעץ, אַז יודישע קינדער טאָרען נישט אָנגע־נומען ווערען אין די שולען. דעמאָלס, זאָגט די „רוסקאָיע זנאַמיאַ", וועט רוס־לאַנד זיין גערעטעט. רבונו של עולם, מיט וואָס פאַר אַ קליינינגקייט דאָס גרויסע אומגליקליכע רוסלאַנד קאָן שון זיין גערעטעט! יודען וועלען ערקלערט ווערען אַלס פרעמדע — און 80 מיליאָן פויערים וועלען דאַדורך האָ־בען זיך זאַט צו עסען. יודען וועלען נישט אָנגענומען ווערען צום מיליטער־דיענסט און וועלען צאָהלען 3000 רובעל פון אַ פערשוין — און עטליכע מיליאָן טשינאָווניקעס וועלען דאַדורך מעהר נישט אויס־באָגען און אויסזויגען דאָס עלענדע פערמאַטערטע פאָלק. יודישע קינדער וועלען נישט אָנגענומען ווערען אין די שולען — און דער אונענדליכער דראַנג צו פרייהייט פון אַ פערשטיקט פאָלק וועט דאַדורך געשטילט ווערען און באַמ־בעס וועלען אויפהערען און טעראָר וועט אויפהערען און אָנפאַלען אויף הויכגעשטעלטע רעגירונגס־פערשוינען וועלען אויפהערען. ווי איז דאָס אַ רעגירונג ביז היינט נישט געפאַלען אויף אַזאַ פשוט׳ע עצה!

נאַטירליך, טהוט די רעגירונג דערווייל דאָס איהריגע: אין מאָס־קווא איז דער בעפעהל געגעבען געוואָרען גענוי צו אונטערזוכען, וועלכע יודען עס האָבען דאָרט וואוינרעכט און וועלכע עס האָבען נישט, און די, וועלכע עס האָבען נישט קיין וואוינרעכט לויט די אַלערגענויעסטע פרטים פון געזעץ (אַלזאָ מעהר ווי די העלפט!) זאָלען אַזוי גיך ווי מעגליך פון דאָרט אַרויסגעשיקט ווערען. מיר האָבען אַל־זאָ צו ערוואַרטען אין איינער פון די נעכסטע וואָכען אַ נייעם גירוש מאָסקווא. אַזוי אויך האָט דער סענאַט אַרויסגעלאָזט אַנ׳ערקלערונג, אַז

יודישע בעלי־מלאכות, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט מאַכען מינעראַל־וואַסער, זייפען און אַנדערע אַזעלכע כעמישע פּראָדוקטען און האָבען ביז איצט אויפ'ן גרונד פון די דאָזיגע מלאכות געהאַט דאָס רעכט צו וואוינען אינ'ם אינערן רוסלאַנד, זאָלען פון איצט אָן נישט מעהר בעטראַכט ווערען אַלס בעלי־מלאכות און פערלירען דאַדורך זייער וואוינרעכט. חוץ דעם בעווייזט די רעגירונג איהר טעטיגקייט אויך אויף אַנדערע געביעטען: אין דער לעצטער צייט זענען אונצעהליגע צייטונגען בעשטראָפט און פערמאַכט געוואָרען און אַזוי אויך זענען די אַרעסטען אָנגעוואַקסען ביז צו אַ מורא'דיגער צאָהל; אין פּעטערבורג האָט מען נעכטען עטליכע צעהנדליג מענשען אַרעסטירט און אין וואַרשא האָט די צאָהל פון די אַרעסטירטע אין איין אָוועגד דער־גרייכט ביז 128...

בין־כך־וכך טהוט אויך דער צד שכנגד דאָס זייניגע. פון פּע־טערבורג קומט אָן די נאַכריכט, אַז מען האָט די היינטיגע וואָך ווי־דער אַ פערשווערונג ענטדעקט, וועלכע האָט געקאָנט האָבען די שרעק־ליכסטע פאָלגען — אָבער די אַרבייטס־פעהיגע דומא אַרבייט דערווייל!

איינאונזיבעציגסטער בריעף

איך האָב פיינד די פרייהייט און האָב ליעב אונזער מיניסטער-פרעזידענט סטאָליפין. איהר זאָלט מיך נאָר ריכטיג פערשטעהן: איך האָב פיינד יענע „פרייהייט” פון די גאַזעטען-שרייבער און יענע קעלבערנע התפעלות, וועלכע זיי קריגען אָפט לויט בעשטעלונג און לויט אַ בעקאַנטען נוסח פון יעדער ליבעראַלער מליצה און יענעם פוסטען געררודער, וועלכען די דאָזיגע מויל-העלדען מאַכען-אָן צוליעב עפּעס אַ פראַזע: אָט, למשל, האָבען מיר געהאַט אַ וואָך, אין וועלכער מען האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעאַמפּערט אין דער אומגליקליכער דומא וועגען דעם נוסח פון דער אונטערטעניגקייטס-אַדרעס, וועלכע מען דאַרף דערלאַנגען דעם קייזער. נאַטירליך האָט מען געוואָלט, אַז אין דער אַדרעס זאָל זיין בפירוש געזאָגט, דאָס דער קייזער איז דער אַבסאָלוטער זעלבסטהערשער. ענדליך איז אויפגעשטאַנען גוטשקאָוו, דער אָקטאָבריסט, דער דאָזיגער, וועלכער האָט אויסזיכטען צו ווערען בשעת הדחק אַפּילו אַ מיניסטער, און אין אַ מליצה׳דיגער לאַנגער רעדע האָט ער פייעריג אָנגעוויזען אויף דעם 30-טען אָקטאָבער און האָט אויסגעפיהרט, אַז נאָך דעם אַקט פון יענעם טאָג איז עס אונמעגליך, זיך צוריק אומצוקעהרען צו דער אַבסאָלוטער זעלבסטהערשאַפט. קוים אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, און געוואָרען איז ששון ושמחה אין אַלע ליבעראַלע גאַסען. אַ קלייניגקייט, דער עלטער-זיידע איז מיר אויפגעשטאַנען פון קבר! מיר האָבען געזיעגט, מיר האָבען איינגענומען אַ פעסטונג, מיר האָבען ענדליך דערגרייכט, צו וואָס מיר האָבען געשטרעבט! אַזוי אונגעפעהר האָט עס אויסגעזעהן... אין אַלע ליבעראַלע בלעטער איז געוועזן צו לייענען, אַז דאָס איז און דאָס וועט בלייבען אַ „היסטאָרישער” טאָג. גוטשקאָוו האָט מקדש השם געווען און אונזערע אייניקלעך וועלען נאָך מוזען רעדען פון דעם 26-טען

נאָוועמבער. — אוי נאַרישקייט, דיין נאָמען איז רוסישער ליבעראַליזם! איך מוז נישט ווילענדיג געדענקען אָן יענער פראָסטער מעשה מיט דעם מלמד, וועלכער ציטערט פאַר זיין ווייב און בעהאַלט זיך אונטער'ן בעט און פון דאָרטען אַרויס שטאָלצירט ער מיט דעם געשריבענעם פסוק „והוא ימשול בה". אַ היסטאָרישער טאָג! אַ פּנים עס איז נישט גענוג איין נאַגאַיקע, אַז זי זאָל קומען מאָרגען און מאַכען אַ סוף מיט אַזאַ היסטאָריע און מיט אַזעלכע פסוקים, אַז אַפילו דערמאָהנען זאָל מען זיי נישט טאָרען. דאַגעגען, זעהט איהר, האָב איך ליעב אונזער פרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין. ווענינסטענס אַ מענש אָהן מליצות און אָהן חכמות זאָגען! נאָך קנאַפּע אָנדערהאַלבען יאָהר, וואָס ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג שריט ביי שריט און האָט אַליין מעהר און מעהר ענג צוזאַמענגעצויגען דאָס שטריקעל אַרום אונזער האַלז, איז ער איצט אַרויס מיט אַ קלאָרער שפּראַך. אין זיין דעקלאַראַציע, וואָס ער האָט פאָרגעלייענט נעכטען דער דומאַ, אום מיטצוטיילען וועלכעס פראָגראַם די רעגירונג האָט איצט, האָט ער אָהן שום קונצען מודיע געווען, אַז איצט האָט די רעגירונג בדעה זיך צו נעהמען צו רעפּרעסיעס, אום אומצוקעהרען די רוהה אין לאַנד, און די דומאַ וועט מוזען מסכים זיין דערצו, דען שליסליך איז דער קייזער דער זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד. דאָס איז דער קורצער זין פון דער לאַנגער רעדע. ווען אַלע מיינע פאָרגענגער האָבען געדראָשען אייערע לייבער מיט ריטער, וועל איך אייך דרעשען מיט בלייערנע נאַגאַיקעס! אַזוי אונגעפעהר זאָגט סטאָליפּין. צו וואָס נוצען אַלע נאַרישע וויכוחים אין דער דומאַ וועגען ווערטער? צו וואָס די מחלוקה, צי מען זאָל אַריינשטעלען אין אַ געוויסער אַדרעס אַ געוויס וואָרט צי ניין? עס קומט סטאָליפּין און זאָגט קלאָר און דייטליך וואָס ער וויל און וואָס עס וועט זיין — און דאָס האָב איך ליעב. ווענינסטענס זאָלען מיר וויסען און זאָל אַ וועלט וויסען, וואו מיר האַלטען! און זאָל מען אונז נישט פערדרעהען אַ קאָפּ מיט אַ דומאַ און מיט אַ פאָלקס־פערטרעטונג און מיט אַ קאָנסטיטוציע אָדער כדומה ווי אַזאַ קאָמעדיע הייסט! און זאָל אַ סוף זיין צו דער דאָזיגער אילוזיע, וועלכע האָט די ענערגיע געהאַמעוועט און האָט געהינדערט די רעגעלמעסיגע אַרבייט!

דער וויץ איז אָבער פון דער גאַנצער זאַך, אַז אויך די דאָזיגע

דומא, דער דאָזיגער ריינער בית־מדרש פון עכטע כשר׳ע רוסען, איז נאָך צו גרויס און צו פיעל אין די אויגען פון די עקסטע רעכטע, און אָט איז אָבגעגאַנגען אַ טעלעגראַמע צום קייזער מיט מעהר פון הונדערט אונטערשריפטען פון דומאַ־דעפּוטאַטען, — צווישען די אונטער־שריפטען געפינען זיך נעמען ווי גראַף באָברינסקי און פורישקעוויטש — אַז די דומא איז אַ „רעוואָלוציאָנערע״ און דער קייזער זאָל זי למען־השם צעטרייבען. איך האָב דרך־ארץ פאַר מענשען, וועלכע בעזיצען אַזויפיעל וויץ. אָדער איז דאָס אַלעס לויט אַ געוויסען פּלאַן, וועל־כער איז געוואָרען פאָרגעשריבען, אום צו דערגרייכען אַ געוויס ציעל? — וויץ פעהלט, איבריגענס, נישט אין דער דאָזיגער דומא אויך ביי אַנדערע געלעגענהייטען. אָט איז דער דעפּוטאַט ראָדיטשעוו, דאָס שיינדעל פון די קאַדעטען, געוואָרען אויסגעשלאָסען פון די דומאַ־זיצונגען אויף 15 טעג לויט דעם אַנטראַג פון דעם פּאָרזיצענדען אַליין, ווייל ער האָט געברויכט אַנ׳אונפּאַסיג־פריי וואָרט. אין דער צווייטער דומא האָט דער פּאָרזיצענדער גאָלאָווין אויסגעשלאָסען דעם סקאַנדאַל־מאַכער פורישקעוויטש, און אין דער דריטער שליסט כאָמיאַ־קאָוו אויס אַ מענשען ווי ראָדיטשעוו. דאָס איז וויץ. שלאָגסט די מיינע יודען, שלאָג איך דיינע יודען!

און וויץ געפינט זיך אויך דערין, וואָס אין דער דאָזיגער דומא, אין וועלכער אַ כאָמיאַקאָוו איז פּאָרזיצענדער און אַ פורישקעוויטש איז רעדעלפיהרער און אַ באָברינסקי איז בעל־הבית, האָט זיך פּלוצ־לינג געלאָזט הערען אויך די שטימע פון אונזער איינציגען יודישען פערטרעטער, וועלכען מיר האָבען דאָרט. אמת, די שטימע האָט זיך געלאָזט הערען נאָר אַ סעקונדע לאַנג און נישט מעהר, אָבער יוצא געוועזען האָבען מיר און דער כבוד ישראל און דער כבוד התורה איז געראַטעוועט. דאַנקען גאָט דערפאַר! בשעת די וויכוחי׳ם וועגען דער אַדרעס צום קייזער איז אויפגעשטאַנען דער פּוילישער דעפּוטאַט דמאָווסקי און האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל דורכאויס אַריינשטעלען אין דער אַדרעס די עטליכע ווערטער וועגען די פרעמדע נאַציעס, וועלכע וואוינען אין רוסלאַנד און וועלכע ערוואַרטען פון קייזער זייערע גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע, וואָס וואוינען אינ׳ם לאַנד. דענסמאָל איז אויפגעשטאַנען אויך דער יודישער דעפּוטאַט ניסעלע־

וויטש און האָט געוואַגט זיך צו זאָגען פאָלגענדעס: „אינ'ם נאָמען פון די אומגליקליכע זעקס מיליאָן יודען...” ווייטער אָבער איז ער שוין נישט געקומען. עס איז געוואָרען אַ געפּייפעריי און אַ געשושקעריי און אַ געשריי „זשיד!”, אַז דער אָרימער דעפּוטאַט האָט שוין נישט געקאָנט פערענדיגען דעם אינהאַלטסרייכען זאַץ — — „שליסיך מיך אָן צו דעם אנטראַג פון דעם דעפּוטאַט דמאָווסקי” און ער האָט געמוזט נעבעך צוריק אַראָבקריכען פון דער טריבונע. אַ פּנים דעם יודישען דעפּוטאַט איז נאָך נישט קלאָר געוועזען, וואָס דער פּירוש איז פון אַ דומא נומער 3, און אַז דאָרט איז קיין אָרט נישט פאַר קיין יוד, זיך אַריינצומישען. עס האָט עפּעס אויסגעזעהן ביי דעם עולם, ווי דער יוד מאַכט זיך אַ שפּאַס מיט זיי.

דערווייל געהט אַלעס ווי עס בעדאַרף צו געהן: פון אָדעס איז היינט אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז די כוליגאַנעס האָבען זיך שוין ווידער גענומען צו דער אַרבייט און האָבען די יודען אויף די גאַסען אַביסעל אָנגעלערנט; עס זענען דאָ הרוגים און אַ גאַנצע מאַסע פערוואונדעטע. פון אַנדערע שטעדט קומען נאַכריכטען וועגען אַרעסטען; הונדערטער און אָבער הונדערטער ווערען אַרעסטירט טאָג־טעגליך און עס איז קיין אָרט נישט מעהר דאָ אין די געפענגנישען. פון פּעטערבורג און פון מאָסקווא און פון פיעל אַנדערע ערטער איז מען מודיע, אַז די צייטונגען ווערען קאָנפיסקירט טאָג־טעגליך און די רעדאַקטאָרען און די אַרויסגעבער ווערען בעשטראָפט אין דער רעגעל ביז צו 3000 רובעל געלד־שטראָף. דער „רוס” שרייבט וועגען דער נעכטיגער דעקלאַראַציע פון סטאָליפּינען גאַנץ איינפאַך, אַז אַ פּירוש צו דער דאָזיגער דעקלאַראַציע קאָן אַ צייטונג, וועלכע דרוקט זיך אין רוסלאַנד, אין היינטיגער צייט נישט געבען. בקיצור: אַזוי זעהט עס אויס אין רוסלאַנד, אין דעם לאַנד פון דער קאָנסטיטוציע, אין דער צייט פון דער דריטער דומא!

און פון אַלע זייטען קומען די נאַכריכטען טאָג־טעגליך, אַז זיין מאַיעסטעט דער צאַר בעוויליגט צו בעגנעדיגען אַלע, וואָס זענען געוועזען אָנגעקלאָגט און זענען געוואָרען פעראורטיילט אין די פערשידענע פּראָצעסען וועגען בעטייליגען זיך אין פּאָגראָמען. יעדען טאָג הערט מען פון אַזאַ מעשה, און נאַאיווע מענשען וואונדערען

זיך. איך פערשטעה נישט פאַרוואָס. מיר דאַכט זיך, עס איז אַזוי קאָנסעקוועגט געהאַנדעלט ווי נאָר מעגליך. זענען דען יענע מענשען באמת שולדיג? האָבען זיי דען געטהון עפּעס על דעת עצמם? זענען זיי נישט געוועזן ווערקצייג אין די הענד פון אַנדערע? און פאַרוואָס זאָל דען אַזאַ אָרימער פויער, וועלכער האָט גענומען עס־ליכע קאָפּיקעס בעצאָהלט און האָט געטהון וואָס אַנ׳אַדמיניסטראַציע האָט געהייסען, ליידען פאַר דעם, וואָס ער איז געוועזן געהאָרכזאַם זיין אַדמיניסטראַציע? און איז עס דען נישט נאַטירליך, וואָס אַנ׳־אַדמיניסטראַציע שטעלט זיך איצט איין פאַר איהר ווערקצייג און רוהט נישט ביז זי האָט אויסגעווירקט, אַז אַזאַ אָרימער מענש זאָל נישט ליידען בחנם? שטעלט איך פאָר: אַנ׳עהרענווערטהער טשי־נאָווניק ווערט אָנגעקלאָגט און ווערט פערורטיילט דערפאַר, וואָס ער האָט געטהון זיין פליכט און געהאָנגען אָדער געשאָסען עטליכע מענשען!

צוויי־און־זיבעציגסטער בריעף

זאָגט וואָס איהר ווילט: דאָס לאַנד וואו מען קאָן זיך פאָרט אַמאָל אויסלאַכען, איז רוסלאַנד. רוסלאַנד איז אַזוי רייך אין קאָמישע אינטערמעצאָס, אַז ווען דאָס וואָלט זיין אַ שטיק אין טעאַטער, וואָלט עס אַוודאי גאָרנישט אַראָב פון דעם רעפּערטואַר און דער דירעקטאָר וואָלט דערמיט אָנשיטען טונען גאָלד; עס איז נאָר דאָס אומגליק, וואָס די טינט, מיט וועלכער דאָס שטיק שרייבט זיך, איז אונזער אייגען בלוט, און געשפּיעלט ווערט עס אויף אונזערע אייגענע פלייצעס. אָבער פון די הומאָריסטישע איבערראַשונגען קומט מען פאָרט נישט אַרויס. עס מאַכט זיך, למשל, אַ קאָנסטיטוציע; אַלעס שטרעבט צו פרייהייט, אַלעס פיהלט די אונמענשליכע בעגרענצונגען און האָפט אַז אָט אָט וועט מען ענדליך געבען רעכט, מען רעדט אומעטום פון די פערלייכטערונגען, וואָס איצט מוזען זיי געגעבען ווערען פאַר זעקס מיליאָן יודען, מען איז זיך מפלפל וועגען דער פאָרם פון די דאָזיגע פערלייכטערונגען און צי מען וועט זיי געבען מיטאַמאָל אָדער ביסלעכווייז — און פלוצלינג קומט דער סענאַט און מאַכט אונז אַן׳איבערראַשונג און גיט אַרויס פינף נייע גזירות רעות געגען די דאָזיגע אומגליקליכע. — עס מאַכט זיך אַ פּראָצעס; הונדערטער יודען זענען געשלאָגען און געהרגעט, יודישע פרויען און מיידלעך זענען געשענדעט, קינדער זענען אויף דעם אונמענשליכסטען אופן אומגעבראַכט, יודיש האָב און פערמעגען איז געראויבט און רואינירט געוואָרען, אינ׳ם אָנקלאַגע־אַקט אַליין איז מען זיך מודה, אַז די פּאָליציי „האָט אין אַ געוויסער הינזיכט מיטגעהאָלפען צום פּאָגראָם" — און פלוצלינג קומט אַן׳איבערראַשונג: שולדיג זענען די יודען, און אַלע מערדער און רויבער ווערען ענטוועדער פרייגעשפּראָכען אָדער בעגנעדיגט. — עס מאַכט זיך, מיר קריגען אַ פּאַרלאַמענט; מיר האָבען

נישט מיט קיינעם צום טיש צו געהן, דען מיר זענען אָהן בילדונג איבערהויפט און אָהן יעדער פּאָליטישער פּאַרשולע בעזונדערס, מיר פּרעהען זיך, אַז מיר דערטאַפּען עטליכע אייראָפּעאישע מענשען אין דעם דאָזיגען אַזיען, מענשען מיט וויסען און גייסט און מוט און איבערצייגונג און דערצו בעגאַבט מיט רעדנער־קראַפט, אַז גאַנץ אייראָפּאַ מוז זיך וואונדערען. מיר שטעהען און וואַרטען וואָס די רעגירונג וועט דאָ מאַכען מיט אַזעלכע מענשען און ווי וועט זי זיי בעהאַנדלען און בעהערען — און פּלוצלינג קומט די נאַכריכט, אַז 38 אַזעלכע דומאַ־דעפּוטאַטען ווערען פּערשיקט קיין סיביר אויף צוואַנגס־אַרבייט. — דאַגעגען מאַכט זיך, אַז מיר האָבען עפּעס אַ נידעריגען און נישט זעהר ריינעם מענשען, אַנ׳איינפאַכער כוליגאַן פון דער גאַס אַראָב, איינער פון דעם נידעריגסטען סאָרט, וואָס אוודאי נאָר צוליעב עפּעס אַ שפּאַס פון נישט זעהר ניכטערנע וועהלער איז ער אַריינגעפאַלען אַלס דעפּוטאַט אין דומאַ אַריין, אין דער דומאַ אַליין איז דער דאָזיגער פּערשוין אַ סקאַנדאַליסט, וואָס מאַכט פיעל צו שאַפען אַפילו זיינע אייגענע לייט אין זיין אייגענער פּאַרטיי. מען וואַרט מיט אונגעדולד, וואָס וועט דאָ די רעגירונג טהון מיט דער דאָזיגער צאַצקע און ווי וועט זי זיך און אונז בעפרייען פון איהם — און פּלוצלינג נאַ דיר אַ נאַכריכט: פּורישקעוויטש זאָל ווערען מיניסטער פון אינערן! גאַנץ אייראָפּאַ שטעהט און לאַכט. דאַכט זיך, אַפילו דער גרעסטער לץ וואָלט נישט קומען אויף אַזאַ וויציגען איינפאַל...

עס קומט נישט דערויף אָן, צי אַזאַ נאַכריכט וועט זיך בעשטעטיגען אָדער נישט; די נאַכריכט אַן און פאַר זיך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די צושטאַנדען אין רוסלאַנד. איבריגענס, זעה איך נישט איין, פאַרוואָס דאָס זאָל נישט זיין אויך אַנ׳אמת; וואָס מעהר לעכערליך אַ זאַך איז, אַלץ מעהר איז זי מעגליך אין רוסלאַנד. איבריגענס, לייענען מיר אין איינער פון די לעצטע טעלעגראַמען, וועלכע זענען אונז אָנגעקומען פון פּעטערבורג, פאָלגענדעס: „פּורישקעוויטש׳ס קאַנדידאַטור אַלס מיניסטער שטעהט איצט זעהר פעסט. ער ווערט שטאַרק געשטיצט דורך די הויף־ספערען, וועלכע זענען איבערצייגט, אַז פּורישקעוויטש איז דער איינציגער מענש, וואָס איז פעהיג צו דערשטיקען די רעוואָלוציע און צו בעשיצען די זעלבסט־הערשונג. זיין קאַנ־

דיקטאַטור ווערט אויך געשטיצט דורך די רעכטע גרופּע פון דעם רעגי־רונגס־ראַט". אַ צווייטע טעלעגראַמע דערצעהלט אונז: „די נאַכריכטען וועגען פונאַנדערטרייבען די דריטע דומאַ פערשטאַרקען זיך. ווי מען זאָגט, זאָל סטאָליפּין אַליין זיך האָבען געאויסערט, אַז איצט איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס רוסלאַנד איז נאָך נישט פעהיג צו קיין פאָלקס־פערטרעטונג. אין פאַל ווען די דומאַ וועט צעטריבען ווערען, וועט סטאָליפּין בלייבען פּרעמיער־מיניסטער און נאָר זיין קאַבינעט וועט כמעט אינגאַנצען אַראָב. אויסער פּורישקעוויטש, וואָס מען זאָגט, אַז ער זאָל ווערען מיניסטער פון אינערן, רעדט מען אויך וועגען גראַף וו. באָברינסקי און דובראָווין אַלס מיניסטאָרען". און באַלד דערויף מעלדעט אונז אַ דריטע טעלעגראַמע: „פּורישקעוויטש איז נעכטען געווען ביי סטאָליפּינען און האָט ביי איהם פערבראַכט אַ לענגערע צייט". זאָל זיך חלילה וחס פון אַלע די דאָזיגע זאַכען אויס־לאָזען אַ בוידעם, וועט דאָס זיין אַ אייביגער שאָדען. די וועלט וועט שאָדען האָבען איינעם פון די וויציגסטע ספּעקטאַקלען. איך וואָלט מיט דעם גאַנצען האַרצען געוואונשען, אַז פּורישקעוויטש זאָל קומען צו אַ מיניסטער־פּאָרטפעל; אפשר וואָלט שוין דאָס געווען די ווערעמדיגע פּלוים; אפשר וואָלט דער דאָזיגער אַבסורד ברענגען די מכה צום פּלאַצען.

נישט וועניגער לעכערליך איז אויך די מעשה מיט די סענאַטס־ערקלערונגען בנוגע יודען, וועלכע מיר האָבען געהאַט די היינטיגע וואָך. דווקא איצט, גראָד אין דער צייט, ווען אַלעס האָט געהאָפּט און געוואַרט און די גאַנצע אינ־ און אויסלענדישע פּרעסע האָט זיך בע־שעפטיגט מיט דער פראַגע, אויף וועלכען אופן מען וועט פערלייכטערען די אומגליקליכע לאַגע פון די אומגליקליכע זעקס מיליאָן יודען, האָט דער יוסטיץ־מיניסטער שטשעגאָלאָוויטאָוו געפונען די ריכטיגע צייט, פאָרצולעגען דעם סענאַט, זיך צו נעהמען צו די אַלע פראַגען וועגען יודען, וועלכע זענען געוואָרען פאָרגעלעגט נאָך צו פלעוועס צייטען און וועלכע זענען נישט אַרומגעקלערט געוואָרען ביז היינט, צוליעב דעם, וואָס „אין דער צייט פון דער פרייהייטס־בעוועגונג האָט מען געהייסען אָבשטעלען אַלע ספּעציעלע פעראָרדנונגען וועגען יודען". עס איז נישט וויכטיג, וואָס דער פּסק־דין איז געווען, עס איז נישט

וויכטיג, אַז דער סענאַט האָט אַרויסגעפונען און אַרויסגעגעבען פינף
נייע חומרות אין בעטרעף פון יודישען וואוינרעכט, אַזוי אַז 1) יודען
װאָס מעגען וואוינען חוץ לתחום, מעגען האַנדלען מיט די סחורות,
וועלכע זיי אַרבייטען, נאָר דאָרט וואו זיי וואוינען און נישט וואו אַנ־
דערש, אַז 2) אַ יוד, וועלכער איז אַנ׳„ערבליכער עהרענבירגער״, האָט
דאַדורך נאָך נישט דאָס רעכט צו וואוינען חוץ לתחום, אַז 3) יודישע
פעלדשערס, וועלכע האָבען דאָס רעכט צו וואוינען חוץ לתחום, היי־
סען נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבען געהאַלטען אַנ׳עקזאַמען ביי דער מע־
דיצינישער פערוואַלטונג אין דער גובערניע, אַז 4) יודישע סוחרים פון
ערשטער גילדע, וועלכע וואוינען שוין פון לאַנג חוץ לתחום אין טיעף
רוסלאַנד, טאָרען נישט אַהינברענגען פאַר זיך יודישע האַנדעלס־אָנגע־
שטעלטע פון דעם תחום, און אַז 5) יודען, וועלכע האָבען געשעפטען
אין דערפער, טאָרען זיך דאָרט נישט אויפהאַלטען צוזאַמען מיט זייערע
פאַמיליעס; דאָס אַלעס איז נישט וויכטיג און נישט דאָס איז דער
עיקר; עס וואָלט אונז נישט פעט מאַכען די זופ, ווען דאָס אַלעס
וואָלט אונז זיין ערלויבט, און אַ שטריקעל מעהר אויפ׳ן האַלז מאכט
נישט דאָס אומגליק פולקאָמען; וויכטיג איז שוין ווידער דאָס אַלעס
נאָר אַלס אַ כ אַ ר אַ ק ט ע ר י ס ט י ש ע ר צייכען. די וועלט קאָן זיך
איבערצייגען, וואָס מיר האָבען צו האָפען און נישט צו פערגעסען,
אַז דאָס איז געשעהן אין דער מינוט, ווען די גאַנצע וועלט האָט
געהאַרט אויף ישועות!

אָדער וועט מען מיר אפשר קאָנען איינרעדען, אַז דער אורטייל
וועגען די 49 אָנגעקלאָגטע דעפוטאַטען פון דער צווייטער דומאַ, וועל־
כער איז היינט געוואָרען אַרויסגעגעבען, איז נישט קיין הומאָריסטי־
שע איבערראַשונג? עלף זענען געוואָרען בעפרייט, און 38 זענען
געוואָרען פער׳משפט. צווישען די פער׳משפטע אויף פינף יאָהר צוואַנגס־
אַרבייט אין סיביר געפינען מיר מענשען ווי צערעטעלי, אַניקין,
דזשאַפאַרידזע, אַניסימאָוו און סובאָטין. אַ סך אַזעלכע בעגאַבטע און
ריינע מענשען בעזיצט רוסלאַנד נישט. צוליעב אַנ׳אויסרייד, אום צו
קאָנען די צווייטע דומא אויפלעזען, האָט מען אַ זאָג געגעבען, אַז די
דאָזיגע מענשען האָבען געהאַט די אַבזיכט אַ שטאַאַטס־איבערקעהרעניש
אין רוסלאַנד צו מאַכען, און איצט האָט מען די דאָזיגע קאָמעדיע

געפיהרט ביז צום סוף און מען האָט זיי אויך פעראורטיילט! האָט מען איינמאָל אָנגעהויבען מיט יענעם אויסרייד האָט מען שוין געמוזט זיין אויך קאָנסעקווענט. וואָלט אָבער נישט גענוג זיין, ווען מען וואָלט לאָזען אויסשטאָפען עטליכע לעדערנע פופעס און מען וואָלט זיי מאַכען דעם פּראָצעס און מען וואָלט זיי אַוועקשיקען קיין סיביר, אום יוצא צו זיין, און יענע מענשען, וועלכע קאָנען דורך זייער פעהיגקייט אַזויפיעל נוצען ברענגען, וואָלט מען לאָזען?

די לעכערליכע מעשה מיט דעם פּאָגראָם־פּראָצעס האָב איך שוין אויבען אָנגעדייטעט. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פּאָגראָם אין אָרשא, איינער פון די שרעקליכסטע יודישע פּאָגראָמען. די עדות האָבען אויף אַזויפיעל קלאָר און דייטליך אַרויסגעוויזען, אַז דער פּאָגראָם איז געווען פון דער פּאָליציי אָרגאַניזירט, אַז דאָס געריכט האָט געמוזט בעשליסען, צו בעהאַנדלען דעם פּראָצעס ביי פערמאַכטע טהירען. אין דער ערקלערונג זאָגט דאָס געריכט גאַנץ נאַאיוו, אַז אַזוי ווי מען וועט דאָ מוזען רעדען וועגען דער אונגעזעצליכקייט פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט אין געוויסער הינזיכט מיטגעהאָלפען צום פּאָגראָם, דעריבער מוז דער פּראָצעס פאָרקומען ביי פערמאַכטע טהירען". און ביי אַזאַ נאַאיוויטעט לאַכט מען נישט און די, וואָס זאָגען דאָס, ווערען נישט רויט!

און נאָך מעהר אונווילקירליכען הומאָר הערען מיר פון אָדעס. דער דאָרט ניי אָנגעקומענער שטאָדט־הויפּטמאַן צעשיקט אַ צירקוליאַר מיט פאָלגענדען אינהאַלט: „אין אייניגע צייטונגען פון די הויפּט־שטעדט ווערען געדרוקט טעלעגראַמען פון אָדעס, אַז די מיטגלידער פון דעם רוסישען פעראיין שלאָגען יודען. דאָס איז אַ ליגען. די, וואָס פאַבריצירען דעם דאָזיגען ליגען, וועלען דערפאַר איבערגע־געבען ווערען דעם געריכט". אַז מען הרג'עט און מען שלאָגט איז קיין ספק נישט, דערויף זאָגען עדות די אָדעסער שפּיטאָלען. עס איז נאָר אַ פראַגע: ווער הרג'עט וועמען? די „עכטע" די יודען אָדער די יודען די „עכטע"? און אפשר וועט זיך גאָר אַרויסווייזען, אַז די יודען שלאָגען זיך אַליין און טראַכטען אויס אַ בלבול נעבעך אויף די גוטע, רוהיגע „עכטע", וועלכע קאָנען בעקאַנטליך קיין פליעג אויף דער

לאנד נישט טשעפען. מילא וואָס „עטליכע" צייטונגען זאָגען דאָרט א ליגען!

בקיצור, הומאָריסטישע איבערראַשונגען פעהלען נישט אין רוסלאַנד!

די „בריעף פון רוסלאַנד" האָט פרישמאַן גע־שריבען אין די יאָהרען 1906—1907 אַלס קאָ־רעספאָנדענצען צו דעם לאָנדאָנער יודישען וואָכענבלאַט „די אידישע וועלט".